STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05113

IN'M RASH

Abraham Rozenfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ראָזענפעלד.
(באָנטשע שוויַיג)

אינ'ם רַעש.

ערצעהלונגען, בילדער, כאַראַקטעריסטיקעס און עפּיזאָדען
פון מלחמה-לעבען.

ע״שטער באַנד:
אונטער דער רוסישער הערשאַפט.

פערלאַג:
„אונזער וועלט".

וואַרשא
תרפ״א—1921

WARSZAWA
Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER, Nowolipki 6.



אברהם ראָזענפעלד
([illegible])

אינהאַלט:

זייט:

ס'וועט יאָ עפּיס זיין!...	5
לאָמיר לויפען!...	13
צולאָזט דאָס חדר...	17
צרות מיט געלד...	20
דאָס שטעדטיל אין שטאָדט.	29
בארמהאַרציגע מאַמעס.	37
די שכינה אין גלות.	43
ענטדעקט דעם סוד...	47
פּרנסות: I האָלץ.	59
II מעהל.	63
III נאַפט.	67
„טויבען".	74
אַ פערקאָפטער „אוצר".	79
מזל טוב.	87
אַ בריף.	93
דאָס האַרץ פון אַ פרוי.	99
בליקען: I פאַר'ן כלל-ישראל.	106
II פּאָמעראַנצען.	109
III „אָפּען" און „פערמאַכט".	112
IV שליטעלעך.	115
אַ שטילע לויה.	118
אַ גרוס פון יענער וועלט...	126
פעטערבורג זאָל נאָר וועלען...	132
איינער פון אַ סך.	137
זכר לדאַטשע.	144
ער געהט!...	150
אין יענער נאַכט.	156

* *
*

... אין אַ מיטען שענעם העלען זומער-טאָג, ווען די גאַנצע נאַטור איז שוין געווען אויף דער צייט... בוימער אין די וועלדער בעבלעטעלט, גערטנער שפּע׳דיג בעפּרוכטעט, טייכען און טייכלעך האָ-בען פרידליך אין זייערע ראַהמען געפלאָסען און די לעבעדיגע האָבען דעם זיכערן באָדען אונטער זיך געפיהלט—האָט פלוצלונג אַ שוואַרצער וואָלקען דעם הימעל בעדעקט. אַ בייזער שטורם איז אויסגעבראָכען. די זיילען פון דער וועלט האָבען אַ ציטער געטהון און זיך אָבגערוקט פון זייערע ערטער. פון די דונער-קנאַלען זענען מענשען טויב געוואָ-רען, פון די פייער-בליצען—בלינד און פון שרעק און טומעל — ווילד-משוגע.

מלחמה!

און אַלץ איז פ ע ר ש ל ו נ ג ע ן — א י נ ׳ם ר ע ש.

ס'וועט יאַ עפּ'ס זיין!...

(וועלט־פּאָליטיק).

ר' נחום-בער דער דיסקאָנטער, אַ בעיאָהרטער, שענער יוד מיט אַ ברייט-צוקאַמטער מילך-ווייסער באָרד, וואָס האָט כלל נישט האַרמאָנירט מיט די יונגע בלישצענדע אויגעלעך, וועלכע האָבען פון אונטער די לאַנג-פערוואַקסענע ברעמען אַפויר שפּיזען-בליקען געוואָרפען אויף גאָט'ס וועלט—איז זיך געזעסען אין קאַבינעט נאָכ'ן מיטאָג-שלאָף ביי'ם שרייבטיש, אינ'ם זיידענעם שלאָפראָק און פאַנטאָפעל. דאָס סאַמעטען יאַרמולקעלע האָט ווי אַ קרוין געפּאַסט דעם געדיכטען קאָפּ האָר, און האָט פערטהון צונויפגעלעגט אַ פריש פּעקעל דיסקאָנטירטע וועקסלען.

— נו, וואָס וועט אַצינד זיין נחום-בער'שי?—איז גאָלדע זיין ווייב אַריין מיט אַ בהלה.

— אַצינד—האָט ר' נחום-בער אָבגעענטפערט מיט אַ זיס לאַקריץ-שמייכעלע—הע,הע, וועט מען טרינקען אַ גלעזיל טיי מיט אַ ביסעלע איינגעמאַכטס.

גאָלדע, אַ גוט געפּאַשעטע יודענע מיט אַ דריי שטאָקיגען גוידער, אין אַ ברייט פּליצשענקעס פאַרטוך בעוואָפענט מיט דעם בונד שליסעלעך אָן אַ זייט, האָט פערלעגט ביידע הענד „פּאָדבאָקאָם", אַרויסגעשטעלט דעם בויך אין שטייגער פון אַ מעוברת'דיגער אין די הויכע חדשים און זיך צוגאָרגעלט:

— ווייסט, אַז מען קאָן שוין נישט פאָהרען קיין אויסלאַנד אין אַ וואַרים־באָד?

— כ׳ווייס.

גאָלדע האָט געהויבען מיט די פלייצעס און דער גאַנצער שווע-רער גוף האָט זיך נאָך געהויבען:

— ביזט עפּיס אַנ׳אויסטערלישער מענש, ווי איך בין אַ יודיש קינד געבוירען. סטייטש, מען מאַכט דאָך שוין אַ „האָבליזאַציע”. עס אַרט דיך גאָר נישט?

ר׳ נחום-בער האָט געלאָזט ליגען די וועקסלען אויפ׳ן טיש, אַריינ-געוואָרפען זיך טיעפער אין פאָטעל, פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, און אָנשפּאַרענדיג זיך אויף דער לינקער זייט, האָט ער זי ריידענדיג, דורכ-גענומען מיט די אויגען:

— וואָס קאָן דען דאָ אַזוי שטאַרק אַרען? נאַרישע יודענע. הער, גאָלדע, וואָס איך זאָג דיר, פערשרייב דיר מיינע רייד, די גאַנצע מעשה איז ווערט אַנ׳אויסגעבלאָזען איי. ס׳קאָן נישט זיין קיין מלחמה און ס׳וועט נישט זיין!

ר׳ נחום-בער האָט זיך גערעכענט פאַר אַ יוד אַ פּקח (והא ראיה, ער האָט דאָך געלד!) און פאַר אַ שרעקליכען פּאָליטיקער. אָבער וויפיעל מענשען האָבען פון איהם נישט געהאַלטען, האָט גאָלדע נאָך הונדערט מאָל אַזוי פיעל פון איהם געהאַלטען, הערענדיג דעריבער אַזאַ פעסטע דעה וועגען דער מלחמה פון איהר קלוגען מאַן, איז זי אַזש ערשטוינט געבליבען. זי האָט אַראָבגעלאָזט די הענד, אויפגעשטעלט די אויערן און געעפענט אַ מויל, גרייט איינצושלינגען אַלץ, צו-צוקייען עס און גוט פערדייען, כדי שפּעטער צו קאָנען איבערגעבען די ווייבער פון הויף. און, אַז ר׳ נחום-בער איז שטיל געבליבען, האָט זי נישט דרייסט אַ פרעג געטהון:

— פאַר וואָס?

— און אַז כ׳וועל דיר זאָגען, וועסטו פערשטעהן? ס׳איז נישט פאַר דיין קאָפּ.

— דאָך אום אַרויסצעווייזען זיין שאַרפקייט פאַר׳ן ווייב, האָט ער זיך אָנגענומען פאַר דער באָרד און זיך צושאָקעלט:

— די מעשה איז בקיצור אַזוי: ראשית, איז „אונזערער” אַ „מלך אדיר”; „פּאָניע” זאָל זיך געבען אַ לאָז, נעהמט ער איין די גאַנ-צע וועלט. און האָטש דער „ענגלענדער” מיט׳ן „פראַנצויז” זענען די בעסטע ידידים מיט׳ן רוס, פונדעסטוועגען קאָנען זיי דאָס נישט דערלאָזען.

— פערשטעהסט? — האָט ער אַ בורטשע געטהון בעמערקענדיג, אַז גאָלדע קוקט גאָר קיין בויבעריק, נישט איהם גלייך אין פּנים אַריין — והשנית, הייסט די דאָזיגע מלחמה — אַ וועלט-מלחמה און טאָר נישט לאַנג דויערן. העכסטענס אַ פּאָר וואָכען.

גאָלדע „די מאַטעריאַליסטקע”, וואָס ווייטער פונ'ם בופעט האָט איהר קאָפּ באמת נישט אָנגעשפּאַרט, איז נישט געווען ביכולת אויפצוכאַפּען דעם גאַנצען לויף פון נחום-בער'ס „הויך-פּאָליטיק”. די לעצטע רייד זיינע האָט זי שוין גאָר נישט געהערט. עס האָט געטומעלט אין די אויערן, זי האָט זיך נאָר גע'חידוש'ט: ווי געדענקט מען עס אַזוי פיעל נעמען? האָט זי זיך געמאַכט ווי זי פערשטעהט איהם גוט און אָנגערופען זיך קליגעריש:

— טאַקי יאָ, איך וויל נאָר אָבער וויסען עפּיס אַנדערש.

— אַ שטייגער? — האָט זיך נחום-בער אָנגעכאַפּט, נאָך האַלטענדיג זיך אַלץ פאַר דער באָרד, גרייט מיט חשק אויסצושעפּען זיינע געדאַנקען ביז'ן גרונד.

— אַ שטייגער? צי זאָל איך אָנגרייטען „זאַפּאַס”? מען זאָגט, אַז מען וועט נישט קריגען קיין ברויט, קיין מעהל, קיין צוקער.

— פאַרוואָס זאָל מען עפּיס נישט קריגען? — האָט זיך נחום-בער אויפגעכאַפּט ווי פון אַ גוטען חלום.

— איך זאָל וויסען פאַרוואָס? מען וועט נישט קריגען און שוין. דערויף איז דאָך אַ מלחמה און וואָס זאָגסטו נחום-בערשי? — זי איז שטיל געבליבען און פערשעמט געוווישט די נאָז מיט'ן פאַרטוך.

— ר' נחום-בער האָט זיך מיט פערדראָס דערלאַנגט אַ שטעל אויף. די יאַרמולקע האָט זיך איהם טיעף פעררוקט ביז'ן האַלבען קאָפּ, די אויגעלעך האָבען געשאָטען מיט פונקען און די באָרד איז געווען פערשפּיצט אַרויף, אינגאַנצען האָט ער אין דער פּאָזע געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פערצייטישען נביא. און ער האָט אַ דונער געטהון:

— ס'וועט גאָרנישט זיין!

גאָלדע איז נאָר געווען די ערשטע, וואָס האָט געדולט אַ קאָפּ ר' נחום-בער'ן מיט איהרע „נאַרישקייטען” וועגען דער מלחמה-שרעק. נאָך איהר האָבען זיי גענומען כסדר קריכען אין קאַבינעט און גע'גזל'ט זיין רוה אויף אַזאַ אופן; אָבער פונקט ווי זי, זענען אַלע אַרויס פון דאָרט מיט דער פעסטער זיכערקייט, אַז עס וועט גאָרנישט זיין.

ס׳איז געקומען יואל גרינטוך מיט׳ן שיטערן גרויען בערדיל בלויז אויף דער גאָמבע, וואָס האַלט אַ קעגענאיבער דעם סקלאַד פון מאַנו-פאַקטור. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין אַ שטוהל, שווער אָבגעאָטעמט ווי פון אַ ווייטע רייזע און לאַכענדיג געפרעגט:

— ר׳ נחום-בער, וואָס זאָגט איהר עפּיס צו דעם עסק, וואָס מ׳האָט דאָ געמאַכט?

— הע, הע—האָט איהם ר׳ נחום-בער צוריק געלאַכט—זייט רוהיג, ר׳ יואל, ס׳וועט גיכער פּלאַצען ווי איהר גלויבט.

— אַזוי? — איז יואל געוואָרען פעראינטערעסירט און געצופּט זיך דאָס שיטער בערדיל — מיט וואָס פאַר אַ מאָס מעסט איהר דאָס?

— מיט דער רוסישער אַרשין און מיט דער ענגלישער אייל.

— כ׳מיין, פאַרוואָס איז עס ביי אייך אַזאַ נישט קוראַנטע סחורה? מ׳זאָגט דאָך, אַז בכּן דרייצעהן „קרוינען״ זאָלען זיך שלאָגען?

— דערפאַר פערשטעהט איהר מיך — האָט זיך ר׳ נחום-בער גע-האַלטען פאַר דער באָרד און זיך צוגעשאָקעלט—ווייל „אונזערער״ איז אַ „מלך אדיר״; „פאָניע״ זאָל זיך געבען אַ לאָז, נעהמט ער איין די גאַנצע וועלט און פאַר׳ן „ענגלענדער״ מיט׳ן „פראַנצויז״ לוינט זיך נישט צו האָבען אַזאַ קאָנקורענט. איז איינמאָל אָבגעשניטען; והשנית, טאַקי דערפאַר, ווייל עס מישען זיך דרייצעהן „קרוינען״, הייסט עס, אַז ס׳איז אַ וועלט-מלחמה און ס׳טאָר נישט לאַנג דויערן.

— ווי-זשע קומט נאָך אייך אויס?

— אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין.

יואל האָט זיך דערפיהלט שטייפער. ער איז אויפגעשטאַנען אַ פרישער, זיך אויסגעצויגען העכער, פערשאַרט דאָס בערדיל אונטער דער גאָמבע און אויסגעהוסט זיך:

— איהר רעדט, ווי אַ פּראַקטישער סוחר.

ער איז אַרויס און נתן-דוד פון דער ציגעלניע איז אַריין.

נתן-דוד׳ן האָט די מלחמה געטראָפען סאַמע אין האַרץ. געווען שוין אָבגעשמועסט אַ זמן-חתונה ביי זיין שרה׳לען — כלל נישט קיין יונג מיידעל, צווישען אונז גערעדט — די „וויפּראַוועּ״ ליגט שוין אַ גרייטע אין קויש, נאָך שבת געזאָלט שוין אַריינעהמען די קעכינס, און אין מיטען דערינגען נאַ דיר אַ מלחמה אויף דיין קאָפּ. ווער ווייסט, וואָס דאָ וועט ווערען... האָט ער זיך דאָס אַריבער געחאַפּט צו ר׳ נחום-בער׳ן הערען אַ וואָרט:

— ווי איז ר׳ נחום-בער אייער מיינונג מכּוח דער חתונה, וואָס

מ'שפּיעלט אונז דאָ אויף?

ער האָט נערוועז געפּויקט מיט די פינגער איבער דעם שטוהל-אָנלעהן, געקייעט דעם מונדשטוק פון פּאַפּיראָס און די שטיקלעך געשפּיגען אויפ'ן טיש.

— מען וועט פריהער אָפּהוליען ווי איהר מיינט עס — האָט ר' נחום-בער געענטפערט בעזאַכט.

— וואָס איהר רעדט? — האָט זיך נתן-דוד געהויבען פון אָרט, — איהר האָט דען אַ בעגריף וויפיעל מחותּנים מען פערבעט דאָ און וואָס מען גרייט אַלץ צו אויף דער חתונה?

— האָט קיין מורא נישט, די חתונה וועט אָבגעלעגט ווערען.

— נתן-דוד האָט אַ ציטער געטהון מיט'ן קאָפּ ווי עס וואָלט איהם עמיץ אַ בלאָז געטהון אין אַנ'אויער: זענען דאָס נישט געווען נחום-בער'ס ווערטער? ער האָט אָבגעזיפּצט און שטיל נאָך געמורמעלט:

— יאָ, די חתונה — וועט — אָבגעלעגט — ווערען.

— אָבער פאַרוואָס? — האָט ער זיך אין אַ ווייל אַרום צושריען אויפ'ן קול און אָנגעשטעלט אויף ר' נחום-בער'ן אַ פּאָר פייערדיגע אויגען.

ר' נחום-בער האָט זיך איבערגעשראָקען. ס'האָט איהם אויסגעוויזען, אַז נתן-דוד וויל איהם דאָ איבערשפּאַרען, האָט ער געאיילט זיינע געדאַנקען צו ענטדעקען:

— פאַרוואָס? מחמת דעם, וואָס „אונזערער" איז אַ „מלך אדיר"; ווען מען זאָל לאָזען „פּאָניע'ן" מאַכט ער די וועלט „תּחת חרב"; דער „ענגלענדער" מיט'ן „פראַנצויז" זענען אויך נישט קיין „פּיאַסקאַרזשעס" און האָבען נאָך די קעפּ אויף די פּלייצעס; בעזונדער ווייסט איהר, אַז דאָס איז אַ וועלט-מלחמה? און אַ וועלט-מלחמה קאָן נישט און טאָר נישט לאַנג דויערן.

— נו דעריבער? — האָט נתן-דוד געשפּאַנט געפרעגט, און נישט געפּרובט אַפילו צו שפּאַרען.

— דעריבער וועט גאָר נישט זיין.

נתן-דוד איז אַוועק מיט אַ לייכטהאַרץ און אויסגעלייטערט פּנים.

נאָך נתן-דוד'ן איז אויסגעוואָקסען דער ווירט ר' אשר מיט'ן קאָסאָקען אויגעל, וואָס האַלט שטענדיג אין איין קוקען זיך אויף די גוגעל ווי ביי הבדלה מאַכען... ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט אָן דער שאַפע, אָבגעמאָסטען ר' נחום-בער'ן מיט'ן קאָסאָקען אויגעל, דערנאָך בעקוקט זיך די נעגעל און אַ ברום געטהון:

— נישט קיין שלעכטע געביידע דאָ אויפגעסטרויעט. האַ, ר׳ נחום־בער? אַ ריינער אומגליק. און נו.

— זי וועט איינפאַלען, ר׳ אשר, און וואָס גיכער.

— ווי פאַלט איהר אויס? אַזוי פיעל מאַטעריאַל, סאַמע אייזען און בעטאָן?

— ס׳האָט אַלץ קיין האַפט נישט.

— וואָס־זשע? איהר גלויבט, אַז די אינזשיניערען טויגען, הייסט עס, אויף כפרות?

— פערקעהרט — האָט ר׳ נחום־בער שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין איינפאַל — „אונזערער" איז דוקא אַ „מלך אדיר". „פּאַניע" גיט אַ שפּאַן, נעהמט ער כסדר, וועט מען איהם טאַקי נישט לאָזען ווערען צופיעל בעל־הבית.

— ווער וועט נישט לאָזען?

— דער „ענגלענדער" מיט׳ן „פראַנצויז" זיינע אייגענע שותפים.

— אַ האַ, נו?

— נו. און אַ צינד ווידער איז דאָס אַ וועלט־מלחמה און טאָר סתם לאַנג נישט דויערן.

ר׳ אשר האָט זיך אַ גאַנצע צייט געקוקט אויף די נעגעל און שטאַרק געקוואָלען. די רייד האָבען זיך איהם אַפּנים געלעגט אויפ׳ן שכל, האָט ער נאָך טיעפער געגרונטעוועט:

— וואָס־זשע בלייבט מיט די קאָנטראַקטען? מ׳שמועסט דאָך, אַז זיי האָבען זיך אָנגעשריבען.

— אַי, ס׳וועט גאָר נישט זיין.

ר׳ אשר האָט זיך אויסגעדרעהט, צוגעוואָרפען אַ „יישר כח" און נישט געוואָרען.

פאַרנאַכט־צו האָט יוזשעק דער בוכהאַלטער געבראַכט די שליס־לען פון קאַנטאָר און אין איינוועגס געמאַכט מיט ר׳ נחום־בער׳ן אַ טענה:

— וואָס זאָגט דער „אַלטער" צו דער פּאָלקע? דער „אַלטער" האָט געזעהען די עקסטרע טעלעגראַמע? נישט קיין מיאוסע רעכנונג. אַ דאָפּעלטע בוכהאַלטעריע.

— לאַכט אייך אויס, יוזשעק — האָט ר׳ נחום־בער נביאות געזאָגט — דער חשבון וועט תיכף אַנולירט ווערען.

— דער „אַלטער" מאַכט זיך עפּיס אַ צו גרויסען קרעדיט?

— אַי וועה — האָט ר׳ נחום־בער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — אַ וועלט מיט נאַראָנים. שוין צייט צו רעדען מיט אייגענעם שכל. איהר זענט

דאָך עפּיס אַנ׳„אינטעליגענט״ און דאַרפט וויסען זיין, אַז „אונזערער״ איז אַ „מלך אדיר״ אַ ריעז, „פּאָניע״ קאָן מיט זיין חיל פערפלייצען אַ וועלט, אויסטריקענען דעם ים און דאָס קאָן מען נישט דערלאָזען. איהר פערשטעהט? וועקסלען איז געלד — געלד אַליין איז אָבער בעסער געלד. דער „ענגלענדער״ מיט׳ן „פראַנצויז״ האָבען אויך אַ יצר-הרע און ווייסען וואָס גוט איז, זאָגען זיי לאַו. גענוג! אַ גאַנג און פאַרטיג.

— איך פערשטעה נאָך נישט.

— ווייל איהר האָט אַ גוי׳אישען קאָפּ און קיינמאָל קיין גמרא נישט געלערנט. און דאָס פערשטעהט איהר, אַז דאָס הייסט אַ וועלט-מלחמה?

— אַלזאָ?

— אַלזאָ, טאָר עס נישט לאַנג דויערן און די אונטערשטע שורה: ס׳וועט גאָרנישט זיין.

— דער „אַלטער״ זאָל אַמאָל קיין טעות נישט האָבען אין רעכ-נונג — איז „יוזשעק״ פונדעסטוועגען אַהיים געגאַנגען אַ צופרידענער.

נאָך אַ סך מאָל איז ר׳ נחום-בער׳ן אויסגעקומען ביז׳ן שלאָפען-געהן מבטיח זיין פריינד און בעקאַנטע, אַז דאָס אויסגעבראָכענע מלחמה-פייער איז נאָר אַ פאַלש פייער און וועט גיכער, ווי מען קאָן זיך ווינ-שען, אויסגעהן — ביז ער האָט זיך אַליין איינגעשלעפערט מיט דעם זיסען געדאַנק, אַז — ס׳וועט גאָרנישט זיין.

ר׳ נחום-בער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין, ווען יוזשעק איז געקומען נאָך די שליסלען צו עפענען די קאַנטאָר.

— דער „אַלטער״ האָט שוין היינט געזעהען אַ בלאַט? — האָט יו-זשעק געפרעגט.

— לא, נו אָה מה? — חאָט ער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געוואונקען מיט די אויגען און געמאַכט מיט די הענד.

— ס׳איז ערקלערט געוואָרען מאָראַטאָריום.

— מה?

דער טלית האָט זיך איהם אַראָבגעגליטשט פון קאָפּ און איז גע-בליבען ליגען אויף די אַקסלען. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן בע-סער צו הערען.

— מאָ — ראַ — טאָר — יום — האָט יוזשעק בעטאָנט זיינע ווערטער מיט אַ משונה׳דיגער הנאה.

— עה — האָט זיך ר׳ נחום-בער געשפּאַרט.

— אָה דאָ האָט דער אַלטער — און יוזשעק האָט איהם אונטערגע-טראָגען דעם „קוריער” אונטער די אויגען.

ר׳ נחום-בער האָט אַ חאַפּ געגעבען דאָס בלאַט מיט ציטערדיגע הענד. דער טלית איז איצט אינגאַנצען אַראָבגעפאַלען אויף דר׳ערד, דער „של ראש” האָט זיך אויסגעקרימט צום אויער, דאָס פּנים האָט איהם גענומען פלאַמען, די באָרד האָט זיך אויסגעצויגען און עפּיס אָנ-גענומען אַ ברודיגע קאָליר. ער האָט שטאַרק געאָטעמט מיט די בריי-טע נאָז-לעכער, און מיט די בליציגע אויגען איז ער געלאָפען איבער די שורות אויף דער שטעל, וואו יוזשעק האָט איהם אָנגעוויזען.

— אָה וואַ, טצאַ, טצאַ, — האָט ער געקלאַפּט מיט דער צונג און געדרעהט מיט׳ן קאָפּ אין אַלע זייטען.

— נו, וואָס זאָגט אַצינד דער „אַלטער”? — האָט יוזשעק געפרעגט מיט אַ בעהאַלטענעם שמייכעל.

ר׳ נחום-בער האָט זיך פערטראַכט, פערגלאָצט די אויגען צום סופיט, די יאַרמולקע איז איהם געבליבען הענגען אויף דער אַקסעל, און קראַצענדיג זיך אונטער דער באָרד צובראָכען אויסגערעדט:

— ווייזט אויס, אַז ס׳וועט יאָ עפּיס זיין!...

לאמיר לויפען!...

ס'איז נאָך געווען גאַנץ בעגינען. אַ ווייסליכער הימעל מיט בלויע זוימען האָט געוואַכט איבער'ן דאַטשע-אָרט אָ., וואו עס האָבען אונגעשטערט גערוהט יענע מוטיגע ליעטניקעס, וועלכע די פּלוצלונגדיגע מלחמה האָט נישט געקאָנט פערטרייבען פון זייער פערגעניגענס-אָרט.

דער פאַמיליע טירקעלטויב, וואָס איז בעשטאַנען פון יונגע טאַטע-מאַמע און צוויי קינדערלעך, האָט דער מלאך פון שלאָף נאָך פעסט געטוליעט אונטער זיינע פליגעל, געוועבט זיין נאַרישע חלומות-נעץ און זיי אין איהר געפּלאָנטערט; די מאַטע פאַסען שיין, וואָס האָבען געשלאָגען דורך די שפּאַלטען פון די פערמאַכטע לאָדען, פערוויעגט אונטער די פויגעל-ליעדער, האָט דעם שלאָף נאָך דאָפּעלט געשמאַקער און זיסער געמאַכט. עס האָט זיך געחראָפּעט ווי אויף נאָטען, חאָטש נעהם איטליכען פון זיי און פליה מיט איהם אַוועק אין עק וועלט.

דאָך, אַז אַ פּאָר הענד האָבען גענומען מיט כח באַראַבאַנעווען איבער זייער וועראַנדע-טהיר אַלע מאָל פעסטער און העכער, איז געווען סאַלקע, טירקעלטויב'ס ווייבעל די ערשטע, וואָס האָט זיך אַ צאַפּעל-געטהון, אויפגעריסען די אויגען און זיך אויפגעזעצט מיט אַ קוויטש:

— אוי, וואָס איז דאָס?

— האָט גאָט אין האַרצען. שטעהט אויף, פּאַקט די פּעקלעך! —

האָט פון דרויסען אַ פרויען-שטימע שאַלענדיג גערופען.

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך אויך טירקעלטויב אַליין אויפ-געהאַפּט און, נישט קלערענדיג אַ סך, האָט ער פערשלאָפענערהייט גע-געבען זיך אַ ריס פון בעט, אַ שפּרונג אַראָב געטהון אין בלויזען נאַכט-העמד, צוגעלאָפען צו דער טהיר, גיך אָבגעשלאָגען די קייטלען, אויפ-געפראַלט און קראַצענדיג זיך פערצווייפעלט אונדערבאַרעמדיג געליאַרעמט:

— געוואַלד, עס ברענט! געוואַלד!

סאַלקע, גלויבענדיג, אַז דאָס האָט איהר מאַן אין דער ווילדע דערזעהען אַ פייער איז זי אויך אַרויס פון בעט אין די וועש און איהם אונטערגעהאָלפען מיט נאָך מעהר אימפעט, רייסענדיג זיך מיט אַלע כוחות:

— עס ברענט! ראַטעוועט!

די קינדער האָבען זיך איבערגעשראָקען צום טויט און זיך צוחלי-פעט אויפ'ן קול:

— טאַטעליו! מאַמעליו!...

—וואו ברענט, וואו? — האָט די „וועקערין" אויף דער ווערענדע, אַ שכ'נטע פון דער זעלבער ווילע, געפרובט זיי אַלע איבערשרייען, פערשטעלענדיג זיך די אויגען מיט די הענד, כדי נישט צו זעהען טיר-קעלטויב'ס האַלב-נאַקעטען קערפער...

פון די אַלע ווילדע געשרייען און געפילדער איז טירקעלטויב אַזוי צו מישט געוואָרען, אַז ער איז, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון, אַריינגעלאָפען אין קיך, געבראַכט פון דאָרט צוטראָגען אַ פולען עמער מיט וואַסער און דערלאַנגט אַ גאָס אויס אויף דער געפּאַרבטער פּאָדלאָ-גע; דערנאָך האָט ער געהאַפּט דאָס בעטגעוואַנד, געוואָרפען עס אין וואַסער און צום סוף האָט ער אין אימפעט אַ הויב געטהון אין דער הויך דאָס וויעגעל, וואו ביידע קינדער זענען געלעגען, און עס גע-וואָלט איבערדרעהען..

— וואָס טהוסטו, משוגענער? — האָט סאַלקע קוים בעוויזען אַרויס-צורייסען דאָס וויעגעל פון זיינע הענד.

טירקעלטויב איז געבליבען שטעהן, אונטערשפּרינגענדיג אויף איין אָרט, און געמאַכט יעלות:

— ס'ברענט! ס'ברענט!

זייער געטומעל האָט דערווייל געשטעלט אויף די פיס די גאַנ-צע ווילע. אַלע זענען געקומען אין איין שרעק צופליהען, נישט זע-הענדיג אין ערגיץ קיין שפּור פון פייער, זענען זיי צו צו טירקעלטויב'ן:

— וואָס שרייט איהר אומזיסט? מ'האָט דאָך שוין פערלאָשען.

— פערלאָשען? — האָט זיך טירקעלטויב אָנגעהויבען אויסניכטערן פון זיין בעפאַלענעם פּחד און איבערגעריסען זיין געשריי. ער האָט זיך געריבען די אויגען און ערשט זיך דערזעהען אין זיין מעמד, האָט ער געאיילט צו זיין אָנטהון.

די ווייבער זענען אויך מיעד געוואָרען, האָבען זיי געמאַכט אַ פּאַוזע.

אַז עס איז שוין געוואָרען שטיל אַרום, איז טירקעלטויב אַרויס צו די ווייבער:

— וואָס האָט איהר אַזוי געשריען נאַרישע ווייבער?

— הערסט — האָט זיך סאַלקע אָנגעהאַפּט — דו האָסט דאָך גאָר געשריען?

— אָבער פאַרוואָס האָט איהר געשריען? — האָט טירקעלטויב נישט אָבגעטרעטען.

— און פאַרוואָס האָסטו געשריען? — האָט סאַלקע געלאַכט פון איהם אין די אויגען.

— שאַ, ווער האָט אָנגעהויבען צום ערשט צו שרייען? — האָט טירקעלטויב געזוכט זיך גערעכט צו מאַכען.

— דו! — האָט סאַלקע פערזיכערט.

— האָסט פערגעסען, אַז דו ביזט געווען די ערשטע? — האָט טירקעלטויב איהר געוואָלט איינרעדען.

— איך גאָר? — האָט זיך סאַלקע אָבגעוואָרפען — די ערשטע האָט דאָך גאָר פרוי קאָהן געשריען.

— יאָ טאַקי — האָט זיך טירקעלטויב געווענדעט צו דער שכ'נטע פרוי קאָהן — ערשט זיך דערמאָנט. איהר'ט דאָך געקלאַפּט אין לאָדען מען זאָל זיך פּאַקען.

— טפו, זאָלען מיינע שונאים ווערען! — האָט פרוי קאָהן אויס-געשפּיגען — ווער האָט דען דערמאָנט, אַז ס'ברענט?

— נאָר צו וואָס האָט איהר געקלאַפּט? — איז ערשט טירקעל-טויב'ן געוואָרען קשה.

— הערסט וואָס אַ מענשען קאָן איינפאַלען! — האָט פרוי קאָהן שטאַרק פעראיבעל געהאַט — איך האָב געקלאַפּט, איהר זאָלט אייך פּאַ-קען און שוין פאָהרען אין שטאָדט אַריין. איהר פערשטעהט?

— וואָס איז דען? — האָבען מאַן און ווייב אויסגעשאָסען.

— די נאַכט — האָט פרוי קאָהן אָנגעהויבען ערנסט און פערזאָרגט —

איז געקומען מיין מאַנ׳ס ברודער אונז אָנזאָגען, מיר זאָלען שוין אַנטלויפען מיט׳ן לעבען פון דאַנען; מיין מאַנ׳ס ברודער וואוינט ביי איינעם אויפ׳ן גרזשיבאָוו, האָט ער אַ טאָכטער, האָט זי אַ קאָלעזשאַנקע אַ וועשנייהטאָרין, נייהט זיך ביי איהר אַ פעלדפעבעל׳ס אַ שיקסע, האָט די שיקסע איהר נעכטען געזאָגט, אַז אַליאַדע טאָג וועט מען אויפרייסען די פראַגער בריק און...

— אַ קלאָג צו מיר! — האָט זיך סאַלקע געגעבען צוויי זעץ אין קאָפּ — מען רייסט שוין אויף די בריק. האָסט געוואָלט זיין אַ חכם? לאָמיר לויפען... זי האָט צושפרייט איהרע ביידע הענד ווי אַ גאַנז די פליגעל צום פליהען און געלאָזט זיך לויפען. אַז זי האָט אויסגעדרעהט זיך און דערזעהן איהר מאַן נאָך זיצען, איז זי צו איהם צוגעשטאַנען:

— וואָס בעלעמוטשעסטו, יאַקוב? לאָמיר זיך ראַטעווען. מיר וועלען דאָך שוין נישט קאָנען קומען קיין וואַרשא און דאָ אויסגעהן מיט די קינדער פאַר אַ שטיקעל ברויט...

באַלד האָט זיך דער קלאַנג פון דעם פעלדפעבעל׳ס שיקסע צוטראָגען איבער גאַנץ אָ., און אַ פעליגען טאָג האָבען זיך געצויגען פוהרען הויך-אָנגעלאָדעוועטע גלייך קיין וואַרשא. די ענערגישסטע האָבען זיך פערלוירען... אויף די קאָלייקעס האָט עס גערויעט ווי אין אַ מאָראַוויניק.

ווען די זון האָט זיך אויסגעבויגען צום מערב-ראַנד האָט זיך פון דער ווילע פ. אַרויסגעלאָזט צופוס אויפ׳ן וועג קיין וואַרשא די פאַמיליע טירקעלטויב: ער האָט געטראָגען אונטערגעבונדען אויף די פלייצעס אין אַ ליילעך ביידע קינדערלעך, אין איין האַנד אַ גאָנשער וווישניאַק און אין דער צווייטער דעם טרפה׳נעם טאָפּ; סאַלקע איז איהם נאָכגעגאַנגען פון הינטען, טראָגענדיג אַ ברויט, אַ בלומענטאָפּ, אַ דורכשלאַק און דעם נייעם זומער-הוט.

עמיצער האָט טירקעלטויב׳ן אָבגעשטעלט מיט אַ פראַגע, אָבער סאַלקע האָט איהם נישט געלאָזט ענטפערען:

— ס׳איז נישטאָ קיין צייט. לאָמיר לויפען!...

צולאזט דאס חדר...

ס׳איז געווען אַ הייסער שטיקענדער אָוונט. פון די הויכע מויערן אינ׳ם ענגען יודישען קוואַרטאַל האָט געוועהעט אַזאַ געדיכטע, אָטעם-פערהאַפּענדיגע לופט, ווי צווישען די ווענד פון אַנ׳אָנגעברענטען אויוון; קיין בלאָז פון קיין ווינדטעל, קיין שאָרך פון קיין בלעטעל. אַ שטילער הימעל איז געלעגען אויסגעשפּרייט, און ווי פעראינטערעסירט, פערטהון געבליקט מיט די טויזענדער שטערען-אויגען צו אונזער וועלטעל.

מענשען האָבען די הייזער און שמאָלע געסלעך פערלאָזט און זיך איבער די ברייטע נאַלעווקעס צושפּרייט אויף שפּאַציער און נייעסען צו הערען.

די געשעפטען, וועלכע מ׳האָט לעצטענס אַפּילו בייטאָג גאַנץ נישט דרייסט אָפען געהאַלטען, די שוי-פענסטער זענען געווען פערשטעלט מיט ספּעציעלע געפּאַסטע ברעטער, עס זאָל אין זיי נישט שולט זיין קיין „עין-הרע״ פון די דורכגעהענדיגע מחנות זעלנער... זענען מיט דער נאַכט-צו גלייך אינגאַנצען פערקלאַפּט געוואָרען און די סוחרים האָבען זיך געדרעהט אויף דער „וואַך״ און היציגע שמועסען געפיהרט, שפּאַרענדיג זיך יעדעס מאָל ביז צו קריעג; מאַטעריאַל פאַר לאַנג-ציהענדיגע, העכסט שפּאַנענדיגע שמועסען האָט נישט געפעהלט. איז דאָך עס עפּיס אַזאַ אויסערגעוועהנליכע ראַשענדיגע צייט.

דער היינטיגער אָווענד איז געווען בעזונדערס סענסאַציאָנעל: אַ פּאָר יודען, וואָס האָבען דורכאויס געזוכט אין הימעל אַ פּתרון צו דעם, וואָס עס קומט יעצט פאָר אויף דער ערד, האָבען בעמערקט אויפ׳ן הי-מעל אַ דריילינג פייער־בלישטשענדע שטערען אויסגעשטעלט אין אַ רייה ווי אַ שורוק (ֻ), וואָס האָבען געחאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פייערדיגען שפּיז. זיי האָבען פערזיכערט, אַז די דאָזיגע שטערען זענען גאַנץ פריש, קיינמאָל-נישט-געזעהענע (אפשר זאַפּאַסנע?) און דער שפּיז איז אַ סימן, אַז עס וועלען זיין גרויסע און שווערע מלחמות...

דאָס, פערשטעהט זיך, איז געווען אַ גאָלדענע טעמאַ אויף צו בעהאַנדלען פון אַלע זייטען מיט׳ן גרעסטען פייער און התמדה. עס האָבען זיך אין די עקען, ביי די ווענד און לאַמטערן-סלופּעס געבילדעט רעדלעך. מ׳האָט דיספּוטירט און געקאָכט זיך און אויפגעהויבען אַ טומעל אין חלל פון דער אין פינסטער געהילטער גאַס.

אַ גרייז-גרויער יוד מיט אַ הדרת׳דיג פנים איז מיט בנעימות׳דיגע טריט פאַרבייגעגאַנגען אַזאַ רעדעל, אָבגעשטעלט זיך און אַנ׳אויער צוגעלעגט צו דעם, וואָס מען רעדט. ער האָט זיך אויסגעדרעהט און מעהר צו זיך, ווי צום עולם, גערעדט צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ:

—„און פאַר די צייכען פון הימעל זאָלט איהר קיין מורא נישט האָבען — זאָגט די גמרא: אין דער צייט ווען איהר טהוט"...

ער האָט נישט בעוויזען צו ענדיגען ווי אין מיטען דעריינען האָט אַ הילכיג געשריי דורכגעשניטען די לופט:

— יודען, אויס מלחמה!...

— האַ? וואָס?

אומעטום איז געוואָרען אַ געלויף אַהין, פון וואַנען דאָס קול האָט זיך געטראָגען.

ביי אַ טויער איז אין אַ געזעמעל געשטאַנען אַ הויכער שוואַרץ-בערדיגער יוד אין די בלויזע העמד-אַרבעל און דער דאַשעק פון היטעל פעררדרעהט אויף אַנ׳אויער, און פערהאַקענדיג זיך יעדע ווייל׳ע האָט ער געשיט ווי פון אַ זאַק:

— וואָס ווילט איהר? וואָס פרעגט איהר? וואָס ווייס איך? — האָט ער זיך געבייזערט — איך ווייס נאָר, אַז מיט צעהן מינוט צוריק איז מיין ווייב׳ס אַ ברודער אַהיים געקומען פון פראַגא, וואו ער האָט זיך היינט צוגעשטעלט פאַר אַ זאַפּאַסנע, האָט מען איהם געזאָגט, אַז ער קאָן אַהיים געהן, מען דאַרף שוין נישט קיין זעלנער...

— יודען! אויס מלחמה!...— האָט ער נאָכן ענדיגען ווידער אַ געשריי געטהון.

עס איז געוואָרען אַ קאָכעניש און אַ גערודער. אַ געפּראַל און אַ געהאַקעריי פון טהירען; די גאַס האָט געזשוושעט פון מענשען. מען איז אַרומגעלאָפען אָהן שום ציעל הין און צוריק, און איינער דעם אַנדערען האָט אָנגעזאָגט די פרעהליכע בשורה:

— געהערט? אויס מלחמה...

— מען צולאָזט שוין דאָס חדר...

— מיר האָבען אַ דערבאַרעמדיגען טאַטען!

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט?—האָט זיך אַ שאַרפער פּאָליטיקער זיך געגרויסט פאַר זיינע בעקאַנטע.

— אין רעדאַקציע אַריין!—האָט עמיץ בעפויהלען.

און אַ שטראָם מענשען מענער, ווייבער אַלטע און קינדער האָבען זיך אַ לאָז-געטהון אין רעדאַקציע, וואו דער נאַכט-דיזשורנע איז געזעסען און געשוויצט איבער אַ בינדטעל דעפּעשען.

— דאָ דרוקט מען די גאַזעטען?

— דאָ.

צווי יודען אין די בלויזע העמד-אָשעווקעס, מיט פערשאַרצטע אַרבעל און אויפגעהאָנגענע רעקלעך זענען צוגעטרעטען:

— איז טאַקי אמת, אַז מען האָט שוין צולאָזט דעם זאַפּאַס?

דער דיזשורנע האָט זיך דערשראָקען, האָט אָנגעהויבען שנעל גראַבלען צווישען די דעפּעשען. געזוכט, געזוכט און זיך אָנגערופען:

— המ—מיר ווייסען נאָך נישט פּאָרלויפיג.

— וואָס הייסט, איהר ווייסט נישט?—האָבען זיך צווי ווייבלעך מיט פערבונדענע קעפּ און מיט שפּיציגע בייכלעך געבלאָזען—פאַרוואָס ווייסט שוין די גאַנצע גאַס?

— וואָס אַרט עס דען זיי?—האָבען די ראש-המדברים גערעדט פערביטערט—האָט קיין מורא נישט. זיי וועלען נישט געהן אין דער מלחמה אַריין...

אַנ'אַלטע יודענע אין אַ טשיפּעק האָט איינגעשרומפּען די דאַרע ליפּען ווי צום וויינען, זיך געלאָזט דערגרונטעווען צו דער האַלקע-קעשענע און געקרעכצט...

— דערבאַרעמט אייך. ס'זענט דאָך יודישע קינדער. אפשר דאַרף עפּיס צו קאָסטען... מען נעהמט טאַטעס פון קליינע קינדער...

צרות מ'ט געלד...

מיכל-נח בלושטיין, אַנ׳אַלטער בחור מיט אַ פליך ווי אַ לבנה אויפ׳ן קאָפּ, אַ לעהרער פון העברעאיש, דוקא אין דער ספרדישער הברה, איז אין אָווענד אַהיים געקומען אין זיין צימער׳ל, אַוועקגעזעצט זיך אין דער פינסטער ביי׳ם אָפענעם פענסטער, פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָס און פערזונקען אין טיעפע מחשבות:

פינף טעג ערשט ווי ס׳האָט אויסגעבראָכען די מלחמה און ער האָט שוין פערלוירען צוויי לעקציעס. משמעות—האָט מיכל-נח געטראַכט און געלאָזט קנוילען רויך פון פּאַפּיראָס—אַז עס געהט אַ שווער שטיקעל צייט. ווער ווייסט, צו וואָס נאָך עס קאָן קומען... מען דאַרף זיין שטאַרק פאָרזיכטיג און בערעכענט. אמת, מען רעדט מיט זיכערקייט, אַז אַזאַ מלחמה קאָן לאַנג נישט דויערן, וואָרום ווען מען גיט רשות דעם משחית פון אַזאַ שטייגער מלחמה׳לע אויף יאָהרען—וואָלט דאָס גאַנצע מענשענטום אויסגעשאָכטען געוואָרען און די וועלט וואָלט אונטערגע-גאַנגען; אָט האָט איהם ערשט נעכטען אַ זעצער פון אַ צייטונג געזאָגט, אַז ס׳איז אַ סברא, אַז די מלחמה זאָל אויפהערען אין משך פון אַ צוויי חדשים, אָבער צוויי שלעכטע חדשים איז וועניג? מען דאַרף שטענדיג זיין אויסגעהאַלטען. אשרי אדם מפחד תמיד—איז איהם איינגעפאַלען אַ פסוק.

זינט מיכל-נח איז אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָדט און אָנ-געהויבען לעבען אויף אייגענעם חשבון, איז ער אַנ׳אויסגערעכענטער, פּאָרזיכטיגער פּאַרשוין, און נור זיין אויסגערעכענטקייט האָט ער צופער-דאַנקען דאָס, וואָס ער איז נאָך ביז יעצט אויפ׳ן פינף און דרייסיגס-טען יאָהר אָהן אַנ׳עול אשה ובנים... אַ דאַנק זיין פּאָרזיכטיגקייט, איז ער נאָך אַ רייה מיט יאָהרען עסען אין פערשיעדענע רעסטאָראַציעס דאָך געבליבען ביי אַ געזונטען מאָגען... און דאַנקען דאַרף ער זיין איבער-געלעגטקייט, וואָס עס פעהלט איהם קיינמאָל נישט אויס די נויטיגע מיטלען, ווייטער צו שפּינען דאָס אָנגעהויבענע לעבען...

דעריבער האָט אָצינד ביי מיכל-נח׳ן שווער געאַרבייט דער קאָפּ-מאַשין אויף אַלע רעדעלעך, טראַכטענדיג אַ פּלאַן ווי אַרום צו פיהרען זיך דאָ אַזוי אויסהאַלטעוודיג, כדי צוראַטעווען זיך פון דער נעץ, וועל-כע די „פּורכטליכע טעג" פּלעכטען דאָ פּאַר איהם, דורכצושטופּען ווי עס איז די פּאָר חדשים מלחמה, איבערצוקומען די מאָגערע צייט...

אינ׳ם שמאָלען פיערקאַנטיגען הויף, וואָס האָט די עהנליכקייט פון אַ טיעפען קאַסטען, האָבען די זיך שפּילענדיגע קינדערלעך אויפגעהויבען אַ טומעל און געשטערט מיכל-נח׳ן זיינע רעיונות. איז ער אויפגעשטאַ-נען, פערמאַכט דאָס פענסטער און גענומען צוטראָגען שפּאַנען אויף און אָב איבער׳ן צימער.

אַ ווייל איז ער אַזוי געלאָפען, אָנגעשלאָגען זיך וואָס אַמאָל אין דעם אַרויסגערוקטען דרייפיסעלדיגען שטוהל און קוים זיך דערהאַפּט נישט צו פאַלען. דאַן איז ער האַסטיג צו צום טישעל, וואָס איז גע-ווען האַרט איינגעקריצט אין דער וואַנד און אָנגעצונדען דאָס קליינע נאַפט-לעמפּעל.

— כך.—האָט ער הויך אויסגערופען—אַרויסגעהאַפּט דאָס טייסטער׳ל, איבערגעדרעהט עס איבער׳ן טישעל מיט׳ן מויל אַראָב: עס האָט זיך צושאָטען אַביסעל זילבער-געלד, וואָס ער האָט אויף גיך גענומען צעה-לען: — איינס, צוויי, פינף, זיעבען, דרייסיג, פופציג, אַכציג...

— זיעבען רובל, אַכציג קאָפּיקעס — האָט געוויזען די קאַסע.

זיין גאַנצער פערמעגען איז געלעגען פּאַר איהם אָפען און ווי געערדט צו איהם. מיכל-נח האָט מיט צופריעדענהייט געבערענגט דאָס טייסטער׳ל צוריק אין אָרדנונג.

דער פּלאַן, וואָס האָט זיך אויסגעוועבט ביי מיכל-נח׳ן אין קאָפּ אַזוי חכמה׳דיג, איז בעשטאַנען דערין:

איבערטוישען דאָס דראָבנע געלד אויף צוויי פּאַפּיערלעך, דריי-

ערלעך און זיי גוט, גוט פערשטעקען אויף ווייס איך „וואָס עס קאָן זיך אַלץ מאַכען"... ווייל מיט פּאַפּירלעך איז מען זיכערער. אַ פּאַפּיר'ל וועט איהם אַ שאָד זיין אַזוי גיך צו טוישען... בעהאַלטען און אַנ'עק-לאָז זיך איהם דאַכטען, אַז ער האָט נישט...

דער שוואַרצער טאָג, פאַר וועלכען מיכל-נח האָט זיך אַזוי געשראָ-קען, איז נאָך שנעלער אָנגעלאָפען, ווי ער האָט אויסגערעכענט. שוין אין דריי טאָג אַרום איז ער געבליבען אָהן איין לעקציע:

אויף איין אָרט איז דער טאַטע פון יונגעלע, זיין תלמיד, אַוועק אין „זאַפּאַס", און די מאַמע, די „רעזערוויסטקע", איז גענויט געווען איהם צו ענטזאָגען אָהן שום פערגיטיגונג; אויף אַ צווייטס איז די גאַנצע פאַ-מיליע אַרויסגעפאָהרען אויף דער פּראָווינץ אָהן אַ זיי געזונד: אויף אַ דריטס האָט מען איהם סתם איבערגעבעטען, אַז מ'קאָן זיך ביי היינטי-גער צייט נישט פערגינען אַזאַ פערגעניגען... און וואָס איהם קומט וועט נישט פערפאַלען ווערען...

מיכל-נח איז געבליבען אין אַנ'ענגען געדריקטען מעמד. קאַטאַס-טראָפאַל! די איינציגע טרייסט זיינע איז געווען, וואָס די ביטערע טעג וועלען לאַנג נישט אָבהאַלטען; פון ווייטער אָבער צערטלען די דרייער-לעך האָט קיין קלער שוין נישט געקאָנט זיין. ס'איז געקומען טאַקי-יענער מאָמענט, וועלכען ער האָט מיט זיינע שכל-אויגען פאָראויסגעזע-העז און סכנת נפשות איז דוחה אַפילו שבת...

די נאַכט צום טאָג, אין וועלכען ער האָט בעדאַרפט שוין אויס-טוישען אַ דרייער'ל, האָט מיכל-נח צוגעבראַכט זעהר שווער מיט בייזע חלומות. ס'האָט איהם אויסגעוויזען גלייך ווי מ'רייסט איהם אַ פויר פון אונטער די פיס די ערד און ער פאַלט אין אַ טיעפען אָבגרונד...

חאָטש דער פריהמאָרגען איז געווען אַזוי לויטער, שעָן און וואַרים, האָט ער מיכל-נח'ן אויסגעזעהען טונקעל, מיאוס און קאַלט. ער האָט זיך פויל אָנגעטהון און אַראָבגעשלעפּט זיך פון די טרעפּ אינ'ם הויפישען געוועלביל איינצוקויפען זיך עפּיס אויף פריהשטיק.

— זייט'זשע מוחל — האָט איהם די איינגעמעהליגטע געוועלבניצע אָבגעשטעלט אין מיטען די זעמעל קלויבען — וואָס פאַר אַ געלד האָט איהר?

—וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?—האָט זיך מיכל-נח גע'חידוש'ט— אַ דרייער'ל, למשל, איז גוט פאַר אייך? — דערביי האָט ער צובראָכען

געזיפצט.

— ט'האסטו דיר ווידער אַ דרייער'ל! — האָט די געוועלבניצע הארציג געלאַכט אַרויסנעהמענדיג איהם די אויסגעקליבענע זעמעל — אַלע האָבען זיי מיט אַמאָל בעקומען דריייער'לעך...

מיכל-נח איז געבליבען שטעהן אונבעהאָלפען מיטביידע הענד אויסגעשטרעקט אינ'ם קוישעל זעמעל. עפּיס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די געוועלבניצע לאַכט דאָס פון איהם מיט זיין דרייער'ל... עס איז איהם געוואָרען שטאַרק פיינליך, אַז די דאָזיגע יודענע זאָל אפשר וויסען ווי ער האלט אין דער וועלט?... האָט ער זיך אָנגענומען מיט הארץ, אויסגעגלייכט זיך, אַ שלעפּ אַרויס געטהון דאָס דרייער'ל און פערשפּרייט עס פאַר דער געוועלבניצעס אויגען:

— מיט וואָס געפעהלט אייך אַזוי נישט מיין דרייער'ל?

— עס געפעהלט מיר זעהר פיין — האָט די געוועלבניצע שוין גע-רעדט ערנסטער און זאַכליכער — נאָר פונוואַנען זאָל איך דען נעהמען אַזוי פּיעל קליינגעלט אויף רעשט?

— אַה, דאָס מיינט איהר? קאָן איך אייך שפּעטער אַריינטראָגען דעם בעטרעף — האָט מיכל-נח פאַרגעלעגט און דרייסטער ווידער זיך איינגעבויגען איבער די זעמעל.

— האָט נישט קיין פעראיבעל — האָט די געוועלבניצע אָבגערוקט דאָס קוישעל זעמעל — היינט באַרגט מען נישט...

דערויף האָט שוין מיכל-נח גאָר נישט בעמערקט. ער האָט זיך פערשעהמט און ווי אַנ'אָבגעבריהטער אַנטלאָפען פון געוועלב גלייך אויף דער גאַס.

אין דער ערשטער קאַוויאַרנע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען איז ער אַריין, צוגעזעצט זיך צו אַ טישעל און אומעטיג אָנגעקלאַפּט:

איהר ווערט אַזוי גוט זיין, פריילין, ברויט, פּוטער און אַ גלאָז קאַווע, אָבער הייסע.

די שוואַרץ חנ'עוודיגע קעלנערין אינ'ם גאַנצען ווייסען פאַרטוך האָט איהם געשענקט אַ פערשייטען קוק, העפליך זיך פערנויגט און פער-שוואונדען אין קיך.

מיכל-נח האָט אָבגעאָטעמט, געריבען די הענד איינע אָן דער אַנ-דערער אויפגעלעגט און געטראַכט אין זיך: אַז מען האָט נור מיט עפּיס צו צאָהלען, איז נאָך פאָרט נישט שלעכט. דאָ בין איך אפנים, דוקא אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט...

אין צוויי מינוט אַרום איז די קעלנערין שוין ווידער געווע

צוריק מיט — לעדיגע הענד. זי האָט זיך גענויגט, רויטלענדיג זיך, גע-פרעגט:

— ענטשולדיגט, פּאַניע שאַנאָווני, איהר האָט דראָבנע געלד?

— ניין—האָט מיכל-נח קאַטעגאָריש אָבגעענטפערט—זיך געחאַפּט צו דער קעשענע—כ'האָב אַ דרייער'ל.

— האָבען מיר נישט קיין רעשט צו געבען.—דאָס מיידעל האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען מיט אַ נאַריש שמייכעלע.

— קאָנט איהר דאָך אָבטוישען?—האָט מיכל-נח נישט בעגריפען.

— פּראָשען באַרדזאָ—דאָס מיידעל האָט אָפען געלאַכט אויפ'ן קול.

מיכל-נח איז אַרויס פון קאַװיאַרנע אַ צומישטער, פּיהלענדיג אויף זיין פּלייצע די חוזק-בליקען פון דער פּעטער „קאַװיאַרניטשקע" מיט די איינגעגראָבענע קאַלמיקען-אויגעלעך דאָרט אונטער'ן בופעט.

— וואָס איז דאָס עפּיס?—האָט ער זיך געמאַטערט צו פערשטעהן—שוין דאָס צווייטע מאָל ווי מען וויל נישט נעהמען מיין דרייער'ל. זע-נען זיי משוגע געוואָרען?

ס'איז איהם אויסגעקומען פּאַרבייצוגעהן אַ גאַלאַנטעריי-געשעפט, אזי ער גלייך אַהין אַריין:

קאָנט איהר אַזוי גוט זיין אויסטוישען אַ דרייער'ל?

דער אינהאַבער אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ פערשניצט בערדיל אין אַ יודיש היטעלע, האָט אויסגעפּלאַצט אַ געלעכטער און איהם אויסגע-שטרעקט אַ האַנד:

— פון וואַנען קומט אַ יוד? שלום-עליכם. פון דער לבנה?

מיכל-נח איז געבליבען געפּלעפט: וואָס איז דאָ צו לאַכען? איהם האָט פערדראָסען אויף דעם „חסר לב" און ער האָט שטרענג געפרעגט:

— אַלזאָ, איהר ווילט נישט טהון קיין יודען אַ טובה?

— פאַרוואָס נישט?—האָט זיך דער סוחר געקאַטשעט פאַר געלעכ-טער—קומט אם ירצה השם, אַז מיר וועלען דערלעבען ווען עס וועט ווערען שלום—איז מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, אפילו דריי...

ווידער איז מיכל-נח געווען אויף דער גאַס. דער קאָפּ איז איהם געווען צושרויפט: וואָס איז דאָס געשעהען? מענשען זענען עפּיס אַזוי שלעכט געוואָרען...

דורך אַ שוי-פענסטער פון אַ וואורשטען-געשעפט, האָט איהם אין די אויגען אַ בליאַסק געטהון אַ רויטע אָנגעגאָסענע פרוי מיט פערשאַרצטע הענד ביז אין די עלענבויגען. ער האָט געמיינט צו ערוועקען מיטגע-פיהל אין הארץ פון אַ שוואַכער פרוי... האָט ער די טהיר געעפענט:

— מאַדאַם, טהוט מיר צוליעב, בייט מיר אויס אַ דריייער'ל.

— איהר האָט שוין נישט פון וועמען אָבצושפּעטען?—זי האָט זיך געבלאָזען און אָנגעקוועטשט אַ גוידער.

— וועל איך קויפען אַ האַלב פערטעל וואורשט.—האָט זיך מיכל-נח אָנגעחאַפּט.

— דאַנק אייך פאַר דער טובה.—האָט זיך די קיילערין געבייזערט גראָב.

— טפוי זאָלען זיי ווערען!—מיכל-נח האָט אַ שפּיי געטהון און געלאָזט זיך ווייטער געהן.

ער איז געגאַנגען שנעל און האַסטיג ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו עפּיס אַ נויטיגען עסק, האָטש באמת איז עס געווען לגמרי אָהן שום ציעל, נאָר זיך צו צעשטרייען. איהם האָט אַלץ אינאיינעם בעשעפטיגט די פראַגע:

— וואָס איז דאָס פלוצלונג געוואָרען? מ'זאָל נישט וועלען נעה-מען אַ דריייער'ל?

אויף אַ שוועל פון אַ פּרוכטען-געוועלב האָט זיך איהם בעוויזען דאָס געשטאַלט פון אַ גרוי-בערדיגען זקן מיט אַפּאָר תמימות'דיגע אויגען, וואָס האָבען אַזוי טרויעריג געקוקט אַרום זיך. מיכל-נח האָט געפּרובט ביי דעם אַלטען רחמנות וועקען:

— זיידעשי, אַ פונט עפּעל און אַ רעשט פון אַ דריייער'ל.

האָט דער אַלטער אַ בורטשע געטהון:

— געהט געזונדטערהייט. פערדרעהט אייך אייער קאָפּ!...

אַ גאַנצען טאָג האָט מיכל-נח געבלאָנדזשעט איבער די גאַסען. נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפען אין איין אימפּעט וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען. אין קאָפּ האָט איהם גערוישט ווי ס'וואָלט ווער איהם געטרומייטערט אין די אויערען. דער גאַנצער גוף איז עפּיס אַזוי שווער געווען, אַז די פיס האָבען איהם קוים געטראָגען. אין מויל איז איהם געווען שטאַרק טרוקען און דאָס האַרץ האָט גענאָגט און געצויגען...

פערדראָסען האָט מיכל-נח'ן נור איין זאַך: איהם, דעם פאַרזיכ-טיגען, דעם בערעכענטען, דעם איבערגעלעגטען זאָל אַזעלכעס אונטער-קומען; ער זאָל אַזוי אַריינפאַלען; אַליין בידים אָנגעמאַכט זיך אַ צרה...

ווער'זשע האָט אָבער געקאָנט זיין אַזוי פאַרזיכטיג און זעהן פאַר-אויס אַזאַ נישט פערשטענדליכען, קיינמאָל נישט טרעפענדען פאַל—האָט

ער זיך אַליין פאַר זיך פערטיידיגט.

דאָך האָט ער די שטראָף מקבל-באהבה געווען. אַרומגעטראָגען זיך מיט'ן פגר, אָבגעקלאַפּט די טהירען פון אַלע געשעפטען, אין ער־גיץ אָבער נישט געקאָנט איהם אָבשטעקען; ער האָט שוין באַדיי גע-וואָלט קויפען זאָקען-בענדלעך, אַ ריב-אייזען, אַ יאַרמולקע, טאַליע-שפּיל-קעס, אַ ניס-קנאַקער, אַ פּולאַפּקע אויף שטשורעס; אין אַנ'-אַפּטייק: ריצן-פּיגולקעס, קינדער-פּודער, אַבי אַזוי-אַרום פּטר'ן דאָס דרייער'ל און בעקומען עפּיס אַ רעשט—אומעדום אָבער, ווי נור ער האָט בעוויזען דאָס דרייער'ל, האָט מען איהם די סחורה אַרויסגעריסען פון דער האַנד. אין אַפּטייק האָט מען צוליעב איהם אין איין וועגס שוין געזידעלט אַלע „זשידאָווסקי קאָמבינאַטאָרען"...

דער גרויסער זומער-טאָג האָט גענומען זיך עקען. די זון איז אויסגעגאַנגען. אין חלל האָט זיך געשפּיגעלט אַ העל־לויטערע גרויקייט, וואָס איז ביסלעכווייז מאַטער און ברודיגער געוואָרען. מיכל־נח איז שוין געווען אַזוי מיעד, אַז ער איז שוין נישט אימשטאַנד געווען צו דער-האַלטען דעם געלויף פון זיינע געדאַנקען.

וואָס ווייטער?

ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזעהען אין אַנ'אונבעקאַנט הינטער-געֶ-סעל נעבען אַ שוואַך בעלויכטען געוועלב'ל, וואו אויף דער שויבען-טהיר איז געווען אויסגעמאָלט אַ רויטע ציטרין און אַ גרינע קוה מיט פולע אייטערס... נישט אַ סך געקלערט און די פיס האָבען איהם אינ-וועניג פערטראָגען.

אין דעם קליינעם טהיי-הויז, פערשטעלט אין מיטען מיט אַ היל-צערנען ווענדטעל, איז געווען לעדיג און שטיל. מ'האָט דייטליך געהערט דאָס זשוזשען פון די פליגען און דאָס זידען פון דעם טשייניק אויף דעם זייטיגען קיכעלע, אַרום וועלכען עס האָט זיך געפּאָרעט אַ יונג ווייבעל מיט אַ צושויבערטען קאָפּ האָר, אַ צושפּיעלטע ווייסע בלוזקע און אין אַפּאָר שטעק-שיך.

מיכל-נח איז אַוועקגעפאַלען אויף אַ שטוהל, נישט אויטערעדענדיג קיין וואָרט.

דאָס ווייבעל איז צוגעקומען, פערשטעלענדיג זיך מיטביידע הענד דעם פולען בוזעם:

— איהר'ט טרינקען טהיי?

— טהיי. — האָט מיכל-נח צוגעבעמקעט.

— אפשר שאַדלע מליעקאַ מיט קאַרטאָפעל?

— שאַדלע מליעקאַ מיט קאַרטאָפּעל,
— און בוריקעס-באָרשטש?
— און בוריקעס-באָרשטש.
— אַ שטיקעלע הערינג?
— אַ שטיקעלע הערינג.

דאָס ווייבעל האָט אַלץ שנעל געבראַכט און אָנגעשטעלט אויפ'ן טיש, זי האָט אפשר מורא געהאַט, דער גאַסט זאָל נישט חרטה בעקו-מען... און מיכל-נח האָט דאָס געשלונגען מיט די אויגען, ווען עס איז נאָך געווען ביי איהר אין דער האַנד. מיכל-נח דער תּמיד אויסגערע-כענטער האָט יעצט פון קיין חשבון נישט געוואָלט וויסען. ער האָט אָן זיך אַליין נקמה גענומען פאַר זיין בעגאַנגענע נאַרישקייט... און האָט געגעסען.

און שוין נאָכ'ן עסען, אַז דאָס ווייבעל האָט איהם אַ רעכנונג פון זעכציג קאָפּיקעס צוגעשטעלט, שרייבענדיג מיט אַ בליישטיפט און טונ-קענדיג דעם שפּיץ אַלע מאָל אין דער צונג—איז ער אויך נישט נתפּעל געוואָרען. ער האָט מעשה קאַוואַלער אַרויסגענומען דאָס דרייער'ל און דאָס איהר פאַרגעשטעלט.

דאָס ווייבעל האָט זיך אָבגעשאָקעלט:

— אַ דרייער-קערבעל? פון וואַנען איז היינט דאָ אַ רעשט?
— קיין אַנדער געלד האָב איך אָבער נישט.
— ווער'זשע האָט אייך געבעטען זיין אַ גרויסער פריץ צו קומען און אָבעסען? —
— וועל איך ביי אייך לאָזען דאָס דרייער'ל ביז איהר וועט האָ-בען אַ רעשט.
— כ'בין אייך מוחל—האָט דאָס ווייבעל שוין געחאַפּט אַ הויכען טאָן—בעצאָהלט מיר, וואָס מיר קומט.
— כ'האָב נישט. טהוט, וואָס איהר ווילט!

מיכל-נח איז שוין געווען אַזוי אָנגעצויגען. ער האָט שוין נישט פערמאָגט קיין ברעקעל מוט און געדולד, אַז ער איז שוין באמת גלייכ-גילטיג געווען צו אַלעם, וואָס מען וועט מיט איהם מאַכען.

— וועלוויל—האָט דאָס ווייבעל גערופען איבער'ן ווענדטעל אַרי-בער—זאָלסט אַזוי לעבען. אַריינגעפאַלען אַ יאָלד און זיך אונטערגעהאַקט און וויל לאַו בע'שלמ'ען...

פון הינטער'ן ווענדטעל האָט זיך אַ דונערנדיגע שטימע גע-טראָגען:

— אַנ׳ערל? ער קריגט די שווערע חאָלירע!

באַלד איז אָפּגעקומען אַ דאַרער הויכער יונג אין די בלויזע העמד-אַרבעל און אַ פּאָר געלע שטיוועל מיט געשטייפּטע חאָליוועס. ער האָט זיך אַקעגען געשטעלט מיכל-נח׳ן מיט די הענד אין די הויזען-קעשענעס און געפרעגט:

— הע, דו פרייער, האָסט׳ך אונטערגעטליקעט, פאַרוואָס בעצאָהלסטו נישט? ס׳עט דאָ אַ רוח אין דיין מ. אַריין.

— איך צאָהל דאָך.—האָט מיכל-נח איהם געשטופּט דאָס דרייער׳ל אין פּנים אַריין.

— ווענען האָקסטו אַ פּאָלקע, יאָלד איינער? אַ דרייער-קערבעל צאָהלסטו?

ער האָט פּויל אַרויסגענומען די האַנד און דערלאַנגט מיכל-נח׳ן אַ זעץ איבער׳ן קאָפּ.

מיכל-נח האָט זיך געלאָזט צו דער טהיר.

דער יונג האָט איהם מיט איין שפּרונג דערלאַנגט, איהם אָנגע-חאַפּט און טיילענדיג שוין מיט ביידע הענד וואו ער האָט נור געטראָ-פען, האָט ער נאָך געשריען אין גאַס אַרויס:

— סטאָיקאָווי! סטאָיקאָווי!

עס איז אַריין אַ דיקער פּאָליציאַנט מיט אַ ברייטער בלאָנדער באָרד ווי אַ משמש ביי אַ רבי׳ן. ער האָט געשמייכעלט צום ווייבעל און זיך איבערגעוואונקען און צוגעשטאַנען צו מיכל-נח׳ן:

— וו׳טשאָם דיעלאָ?

מיכל-נח האָט אָנגעהויבען פּאָרלעגען זיינע טענות, אָבער דער פּאָליציאַנט האָט איהם גלייך שטיל געמאַכט, אַרויפלעגענדיג זיין אייזער-נע האַנד אויף מיכל-נח׳ס אַ ביסעל איינגעבויגענער פּלייצע:

— וו׳אוטשאַסטאָק! טאַם דיעלאָ ראַזביעראָם...

אויף מאָרגען פריה איז מיכל-נח בעפרייט געוואָרען.

דערמאָנענדיג זיך, אַז עס איז איהם געבליבען נאָך אַ דרייער׳ל האָט עס איהם ביים האַרץ פערקלעמט:

גאָט ווייסט—האָט ער צו זיך געמורמעלט—וויפיעל צרות אַך וועל נאָך אויסשטעהן פון דעם געלד...

דאָס „שטעדטעל״ אין שטאָדט.

אַזוי האָט דאָס האַרטע מזל געוואָלט.

דאָס שטילע, רוהיגע, פלעגמאַטישע שטעדטעל אין איהר גאַנצער גרויס און פולער קאָמפּלעט, האָט זיך אין אַ ווינטער-נאַכט איבערגעקלי־בען אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, איינגעקרעמפּט זיך, מצמצם געווען און פערשלונגען געוואָרען אין איין „היים״, אונטער איין דאַך. פּשוט: אַ נס פון די בית-המקדש-נסים.

פון לעבענס און פערזענליכקייטען איז דאָ אַ צוזאַמענשמעלץ גע־וואָרען. עס עקזיסטירט נישט מעהר דער יחיד, דער „איך״ האָט זיין צורה פערלוירען און אויסגעוואַקסען איז אַ ניי מין—הײמלאָזע, אין וועל־כען יעדער איינצעלנער איז נור אַ קליינער טייל פון דער גרויסער מאַסע. ס׳איז אַ עלענד פון גרופּען, פון כלל, אַ היימלאָזיגקייט אין אַנגראָ.

דאָס „שטעדטעל״ אָבער צוזאַמען-גענומען האָט איהר אייגענאַרטיגען כאַראַקטער אויך דאָ נישט אָנגעוואָרען. דאָס שטעדטעל אַלס גאַנצעס היט אָב מיט אַנ׳איינגעשפּאַרטקייט איהרע טראַדיציעס און געוועהנהיי־טען, וויל נישט אויף קיין פאַל בייטען איהר פאַרב און זיך אַסימילי־רען, און ווערט נישט ביי זיך בטל אַ קעגען די אַלע „קאָפּעלושען״. ס׳מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטיק פערבלאָנדזשעט פּראָווינץ, ווי אַ פער־גליווערט אינזעל אין דעם רוישענדיגען גרויסשטעדטעשען ים.

אין דעם גרויסען התונה-זאַל, געצירט מיט חופה-קרענץ און בע-קרוינט מיט'ן הויכען רויט-פּליושענעם כלה-טראָהן, צווישען וועמענס ווענד עס האָט געבּרויזט אַ לעבען פון טענץ און ווייַן; וואו פון דער ברעטער-סצענע האָבען געלאָזט הערען זייערע שטימען, מטיפים, פּאָלקס-רעדנער, פּרעלעגענטען און „חברים", און אין איהר חלל האָט געהילכט פון די „רוישענדע אַפּלאָדיסמענטען" — אַהער האָט זיך דאָס שטעדטעל פערשטעקט און האָט זיך דאָ איהרע היימישע גאַסען (די הויכע היל-צערנע „נאַרעס"), איהרע וואוינונגען (די נומערירטע שטרוי-זעק) און אפילו מיט „בעזונדערע" צימערען. און דאָ פערזאָרגט מיט אַלעם גריי-טען, זענענדיג קעסט-קינדער ביי קהל... געהט זיך דאָס שטעדטיל אין איהר אויסגעטרעטענעם וועג און פיהרט זיך אונגעשטערט איהר געוועהנ-ליך שטעדטעלדיגען לעבען מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אין דער פריה, ווען דער טאָג קוקט אַריין דורך די רייהע גרוי-סע פענסטער, איז דער ערשטער דער שטעדטעלשער שמש, דער געלער לייזער מיט די צוויי פערשטאַרטע ווי גלעזערנע אויגען, וואָס חאַפּט זיך אויף, שפּרינגט אַראָב פון דער „נאַרע" מיט אַ מורא אין האַרץ טאָמער האָט ער פערשפּעטיגט, און אין איין אימפּעט לאָזט ער זיך קריכען צווישען די געלעגערס אין אָבטיילונג פאַר זכרים, און וועקט מיט'ן הייזעריגען דומפּיגען קול זינגענדיג:

— שטעהט'ס אויף, שטעהט'ס אויף לעבודת הבורא!...

הויבט-אָן דאָס שטעדטעל זיך אויסטיוכקען פון שלאָף, עס ווערט אַ געגעניצעריי און הוסטעריי, אַ געוואַשעריי ביי'ם „וואָדאָטשאָנג" און אַ האַלז-חאָחלעריי און אַ הויך געזאָגעריי פון „ברכה" און אַ געלויפעריי מיט'ן טלית און תפילין אונטער'ן אָרעם אין „שוהל" אַריין — אַ צימער'ל, וואָס דיענט גלייכצייטיג, אי פאַר אַ קאַנצעליאַריע, אי פאַר אַנ'אַפּטייק, אי פאַר אַ ביבליאָטעק און אי פאַר אַ שוהל.

ביי טאָג, ווען דער דערוואַקסענער שטעדטעלדיגער מענער-עולם, לאָזט זיך מיט די שטעקעלעך איבער די גאַסען צובעקוקען וואַרשא און דאָס קליינוואַרג איז אין די חדרים אָדער אין די קינדער-היימען, זע-צען זיך דעמאָלט אויס גרופּענווייז די ווייבער, אויפגערוימטע מיט קלאָ-רע קופּקעס ווי אום חול-המועד, פערלעגט די הענד אויפ'ן שויס און רעכטען-אָב פון יעדען בעזונדער, מען האַקט רכילות'ן אויף וואָס די וועלט שטעהט, מען רעכענט אויס אויף די פינגער, וועלכע יודענע איז „פערגאַנגען" און וועלכע ס'איז שוין אויף דער רעכטער צייט... און מען חוזק'ט אָב פון די גרויסשטעדטישע „פּריצים", וואָס קאָרענע קלוסקעס

מיט קאַרטאָפעל איז ביי זיי קיין מאכל נישט... אַנדערע שטריקען אונטער זאָקען און רעדען זיך בעת מעשה אויס די הערצער וועגען דעם, וואָס זיי הערען גאָרנישט פון זייערע מענער זינט זיי זענען אַוועק אין זאַפּאַס; וועגען דערוואַקסענע טעכטער, וואָס קאָנען דאָ צו קיין תכלית נישט קומען; וועגען שלעכטע „מזלות" ביי מענער... די גאָר אַלטע דרעמלען איין ביי׳ם טייטש-חומש און ריידען פון שלאָף; און די יונגע מיידלעך לערנען זיך שרייבען פון אַ „בריפענשטעלער" און שלעבעזירען פויליש אויפ׳ן קול: מאַ — מאַ קו — פּי — לאַ בו — טעל — קאַ.

דער רעכטער קליינשטעדטעלדיגער טומעל מאַכט זיך דאָ ווען די גאַכט פאַלט צו, ווען דאָס שטעדטעל אין איהר גאַנצער צוזאַמענשטעל קומט זיך אויף אַ היים. מען עסט אָב וויעטשערע, די קינדערלעך האָבען זיך אָבגעשפּיעלט און איינגעשלאָפען, ווי די הינדעלעך צוגעטוליעט צו די מאַמעס ברוסטען.

אין „פּריוט" איז צוגעקעהרט און בעפּרישט מיט „טראָטשינעס". וואָרים און ליכטיג, ווירקט עס אַזוי גוט אויף די געמיטער, מען ווערט פרייער און ריידעוודיגער און פיהלענדיג זיך נאָך פעראייניגט, אַלע ווי איינער שטייף געבונדען און געהעקעלט ווי אַ קייט—זעהט מען זיך עפּיס גאָר אַנדערש, עס דאַכט זיך אויס, אַז דאָס איז מען אין בית-מדרש אויף אַן „אסיפה" פערזאַמעלט, פערטהוט מען זיך אַזוי שטאַרק ביז צום פערגעסען זיך אין דערווירקליכקייט, אין דער אַזוי-טרויעריגער לאַגע. יעדערער בעזונדער קומט אַריין אין זיין אַלטער אַמאָליגער ראָליע און פיהרט-אויס זיין אויפגאַבע אַזוי געטריי און איבערגעגעבען, פונקט ווי אין די פריהערדיגע צייטען און געוועזענע יאָהרען.

צושטעלען זיך איבער׳ן „שטעדטעל" רעדלעך בעלי-בתים, די הענד פערשטעקט אין די הויזען-קעשענעס און מען נעהמט בעהאַנדלען מיט גרויס אינטערעס שטעדטעלשע ענינים.

באַלד בילדען זיך צווייערליי צדדים, וועלכע ציהען ווייטער מיט׳ן גרעסטען ברען די אַלע סאַמע אין מיטען איבערגעריסענע מחלוקת׳ן פון דער היים. וואָס איינער זאָגט, מוז דער צווייטער זאָגען פונקט קאַפויער. מען שפּאַרט זיך, מען קאָכט זיך און מען זידעלט זיך אפּט מאָל ביז פּעטש...

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז מען זאָל אַ מקוה נישט זהייצען אַ גאַנצע וואָך?—פייערט אַ חסידישער יונגערמאַנטשיק פאָכענדיג זיך מיט דער יאַרמולקע דעם ביז אין די אויגען פערוואָקסענעם שטערען.

— טאַקי אַזוי. טאַקי אַזוי.—באַמקעט אונטער זיין צד, וואָס וויל שוין לאַנג פּטור ווערען פון בעדער פּאַר זיין רייסען אַזעלכע גוואַל-דיגע פּרייזען...

— נו אדרבה—שרייט זיי אַלע איבער, אַ הויכער געשטופּעלטער שוסטער—זייט אַ בעל-הבית און זעהט מען זאָל פערריכטען דאָס קעסעל.

— נו טאַקי—שמעלצט איהם צו זיין צד.

— האָסט אַ שוסטער-קאָפּ—לאַכט פון איהם דער חסיד—ווי קום איך צום קעסעל?

— ווען זאָגסטו שוסטער-קאָפּ? דו וואַסער-ווידעל—פּאַכעט דער שוסטער מיט ביידע הענד אין דער לופט.

—אַהאַ, סמאַלע האָט זיך שוין צולאָזט...—מורמעלט דער צד שכנגד.

— שאַט'ס, ר' לייביש סאָלטיס געהט!

עס שאַרט זיך צו מיט געמאָסטענע טריט אַ גרייז, מיט אַ שניי ווייסען וואַלד לאָקען און באָרד, וועלכער טראָגט שוין אויף זיין איינ-געבויגענעם רוקען אַ גאַנץ יאָהר הונדערט. עס באַמבלען זיך שטאָלץ אויף זיין איינגעפאַלענער ברוסט, די סאָלטיס-בלעך צוזאַמען מיט אַלע אויסצייכנונגס- מעדאַלען, וואָס ער האָט בעקומען ביי סעוואַסטאָפּאָל געהמען... ער דרינגט אַריין אין מיטען רעדעל און דרעהענדיג זיך אין אַלע זייטען, כדי ער זאָל פּאַר אַלע זיין אָנזעהעוודיג, פּישטשעט ער ווי אַ יונגעל מיט זיין שוואַך שטימעלע, צושאָקלענדיג שווער מיט'ן קאָפּ:

— כ'זאָג, כ'מיין, אַ יושר פון אַ שטאָדט-רב גאַנצע צוויי וואָכען נישט אַהער צוקומען, אַפּילו אַ שמעק געבען צו זיינע בעלי-בתים. האַ?

ר' לייביש סאָלטיס ווערטער האָט דעם עולם געטראָפען ווי אַ שעפּעל קאַלט וואַסער. עס האָט זיי דערמאָנט אָן זייער קלאָגעדיגען מעמד... און דאָס „שטעדטעל" צורוקט זיך פּאַוואָלינקע שטילענקערהייט, ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט צובעגעגענען מיט די בליקען. איינער גיט אַ שווערען קרעכץ און די איבריגע העלפען צו:

— אוי ווער!

— נאָר נישט געזיפצט יודען! נאָר אָהן עצבות! מיר חסידים האָבען דאָס פּיינד—מונטערט זיי פריינדליך דער פּרעזעס פון פּריוט, דער איינציגסטער מושל איבער'ן גאַנצען „שטעדטעל".

און קוקענדיג אויף דעם, פון וועמען דאָס ווערט געזאָגט — אַנ-איינאָפּפער מיט אַ קוים צורת-ישראל, מוז זיך אַפּילו ביי די דערשלאָ-גען-געוואָרענע יודען אויך אַרויסרייסען אַ שמייכעל אויף די פּערטרי-קענטע ליפּען.

— חבֿ־פֿלעם פּראָשין...

קריכט אַרום אַ יודענע מיט אַ געגלייזט טעפּעל אין דער רעכטער האַנד און מיט דער לינקער האַלט זי זיך צו די ספּודניצע, זי זאָל איהר נישט פערלירען און וועלענדיג עפּיס פון שטעדטעלשען „פּרעזי־דענט״, שטאַמעלט זי אויף פּויליש. זי פערהאַקט זיך אָבער באַלד ווי די ליפּען וואָלטען מעהר קיין קלאַנג נישט געקאָנט אַרויסברענגען און זי בעגיסט זיך מיט אַ רויטקייט.

— שטערט אייך נישט. רעדט יודיש. מיר פערשטעהען יודיש אויך. און דאָס שטעדטעל לאַכט שוין אַ האַרציג געלעכטער.

צו יענער צייט, זיצט פערדרוקט אין אַ ווינקעל דער שטעדטעל־שער חזן מיט זיין קאָמפּאַניע משוררים און חזר'ט איין ווי זיין גע־וועהנהייט איז, אַ פרישען „ושמרו״ און דריקט אַזוי אָהן רחמנות דעם „לעשות את השבת״ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווי ער וואָלט געוואָלט פון איהם אויסקוועטשען „שבת צו מאַכען״... דער שוחט שאַרפט בכוונה דעם חלף און פּרובט איהם אויף די האָר, גלייך ווי ער וואָלט פאַרטאָג שוין דאַרפען לויפען אין שחט-הויז אַריין און ציטערט ער זאָל חלילה אין איילעניש נישט מאַכען עפּיס אַ צרה... דער בעדער זיצט אויף אַ נידע־ריג בענקעלע און פלעכט פערטהוענערהייט מיט אַ פליים אַ בעזעמיל פאַר'ן שטעדטעלשען גביר, וואָס האָט ליעב אַ גוטען שמיץ נאָר אַ וויי־כען... און איטשע פון דער תלמוד-תורה זיצט און דרוקט נייע עמיסיע באַנקנאָטען „פּרוטה לעניים״ פאַר די אָרימע לייט, וואָס געהען איבער די שטעדטעלשע טירען...

שפּעטער, אַז דאָס שטעדטעל ליגט שוין אויף די „נאַרעס״ און כראָפּעט געשמאַק, פערגנבה'ט זיך אויף די שפּיץ-נעגעל די שטעדטעל־שע יוגענד אין שוהל אַריין, וואָס איז איצט אַ „ביבליאָטעק״; מען ליי־ענט „מעשה ביכלעך״, מען שרייבט זיך בריוועלעך און מען „שפּיעלט ליעבעס״... די מיידלעך מאַכען נאָך, ווי די „גאָספּאָדאַרזשעס״ פון „פּריוט״ ווינקען זיך איבער מיט די אויפזעהערינס; ווי אַזוי דער אַלטער דאָק־טאָר בייזערט זיך אויב די היימלאָזע מיידלעך לאָזען זיך נישט יעדען טאָג „זבאַדען״... די געלעכטערס הערען זיך ווי ווייט, פערטראָגען זיך אין „שטעדטיל״ אַריין און וועקען די פערשלאָפענע פון זייערע גוטע חלומות, ביז עס דערהערט זיך אַ טרוקענער פאָנפעוואַטער קול:

— עכברושים, הולטאַיעס, געשעדיגט זאָלט איהר ווערען. לאָזט זלאָפען!

און חברה צוזעגענט זיך מיט פעסטע הענד-דריקען, מען „בעש־

טעלט" זיך אויף מאָרגען וויעדער און מען ווערט פערשוואונדען ווי די שאָטענס צווישען די פינסטערע הויכע הילצערנע „נאַרעס"-געסלעך...

בעזונדערס היימליך איז אין „שטעדטעל" שבת.

פרייטאָג צו-נאַכטס נאָך דער סעודה, ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל זיצען נאָך ביי די געדעקטע שבת טישען אויסגעשטעלט ווי אַ חן קומען אַרויף אין „שטעדטעל" געסט פון שטאָדט. דאָס זענען פראָסטע וואויל-האַבענדע יודען, וואָס ווילען זיך אויפ׳ן פשוט׳סטען וועג אַ מצוה קויפען. מיט זייער ערשיינען דאָרט ווערט הייטערליך און פרעהליך. זיי ברענגען אָן פון פרוכטען, געבראָטענע באַניקערען און שוואַרץ ביער. אַליין זעצען ויי זיך אויס צווישען אַלע און טיילען-אויס חלקים ווי אויף עפּיס אַ שמחה. טרינקט דער עולם און פערבייסט און בעקומט די אמת׳דיגע שטימונג. דער חזן קלאַפּט „כל מקדש". רעדט מען, חכמה׳ט מען זיך און מען לאַכט אַפריי געזונד געלעכטער.

פערוויקעלט זיך אַ שמועס מכוח׳ן דייטש, וואָס רוקט זיך און רוקט זיך. קומט מען אַרויף סתם אויף מלחמה געשעהענישען. גיט מען זיך איבער קורסירענדע לעגענדעס, ווי אַזוי די געהאַנגענע רבנים געהן אַרויס נישט דאָ געדאַכט אויף די רוסישע פּאָזיציעס אין די תכריכים, איינגעהילט אין די טליתים און וואו נאָר די רוסען דערזעהען אַזאַ רב, ווייסען זיי שוין, אַז זיי וועלען פערשפּיעלען... נעהמט ר׳ לייביש סאָל-טיס דערצעהלען מעשיות פון דער סעוואַסטאָפּעלער קריעג, איז מויל און אויערן אויפצושטעלען...

אַזוי ווילט מען זיך מיט די שטאָדט-געסט ביז אַ שטיק אין אָווענד און מען פּיהלט זיך אויפגעריכט, אויפגעלעגט מיט לייטען גלייך.

דערנאָך לערנט חיים-בער דער גמרא-מלמד מדרש פּאַר פּרייוואַ-ליגע צוהערער. פּאַסט-צו געלונגען די שבת־סדרה צו די געשעהענישען פון דער צייט; עטליכע יודען לערנען געשמאַק און הויך גמרא, מישט זיך אויס זייער הארץ-נאָגענדיגער ניגון מיט די רוישענדע געזאַנגען, וואָס פערבלאָנדזשען אַהער פון דער „ביבליאָטעק", וואו די מיידלעך טאַנצען איצט אַ „לאַנסע" און אַ „שער", חול און קודש בעגעגנען זיך, פלעכטען זיך צוזאַמען און צו שווימען זיך צוריק רוהיג און שטיל אָהן שום שאָדען. דערויף איז שבת אין שטעדטעל.

צו דער בייטאָגעדיגער סעודה, שיקט די שטאָדט דעם שטעדטעל „מיט׳ן גאַסט" קוגעל מיט פלעשער סאָדע-וואַסער. פערהאַנען פערשיעדע-נע קוגלען, חסידישע און מתנגדישע, פון קאַרגע לייט און פון מילדע, בעל-הבתישע און גבירישע. חיים-בער דערקענט זיי שוין ביים ערשטען

ביס, זאָגט אַרויס אויפ'ן אָרט זיין מבינות און טיילט-אויס די „סטאָפּניעס" פּאַר זייערע מאַכערינס. די טיש-זיצער, וואָס האַלטען זיך נאָכ'ן טשאַ-לענט, ווי מחותנים אויף „שבע ברכות"—קוועלען אָן פון זיינע ווערטלעך און רוקען איהם אונטער אַ חלק נאָך אַ חלק; טרעפט ער אָן אויף אַ קוגעלע, וואָס „פאַלט פון די הענד און ווייַנט"... זעהט ער דערין אַ גוטען סימן און שיט מיט מדרש פליאה'ס און מיט זוהר'ס, וואָס טראָ-גען אַלע איין כאַראַקטער און בעווייזען, אַז דער קץ איז נאָהענט. אַז אין די אַרויסגעטריבענע שטעדטלעך הערען זיך שוין די טריט פון משיח...

—לאָז שוין זיין גענוג!—בייזערט זיך ר' עוזר דעם דאָזאָר'ס שוואָגער, וואָס פערנעהמט אין יעצטיגען שטעדטעל דעם פּלאַץ פון זיין שוואָגער אין דער היים.

—חזן „שיר המעלות"!—שרייט ער אויס בעפוילעריש.

נאָכ'ן עסען, חאַפּט דאָס אַלטוואַרג פון שטעדטעל אַ דרימעל און פון די איבעריגע געהען אַ טייל שפּאַצירען און אַ טייל אויף כיבוד צו קרובים.

די ווייבער זיצען דאַן אויסגעזעצט אויף בענק, ווי אין אַ וואָקזאַל, שעפּען נחת פון זייערע קינדערלעך, יונגלעך און מיידלעך אין געשענק-טע מלבושים'לעך... ווי זיי זענען דאָס אין דער גרויסער שטאָדט געוואָ-רען קיין עין-הרע גאַנצע „לייט", טאַנצען אין אַ רעדעל און זינגען אויס אַזוי שען פּוילישע און לשון קודש'דיגע ליעדעלעך.

—יאָ, מיר האָבען אַ גוטען גאָט. מיט איין האַנד שלאָגט ער און מיט דער אַנדערער היילט ער—מיינט אַלטע-פּעסע די מעקלערין, וואָס איז שטאַרק צופריעדען, וואָס עס האָט זיך איהר געמאַכט אַ געלעגענ-הייט צו געבען גאָט אַ חניפה'לע, אפשר וועט ער זיך דערפאַר דער-באַרימען אויף איהר איינציגע—קאָזע, וואָס זי האָט אַנטלויפענדיג אין איילעניש געלאָזט אין דער היים און זי וועט נעביך לעבען בלייבען...

דער טאָג פערפליהט, דער שבת קודש געהט אַהין. אַוועקגעפלויגען זענען די שבת-מלאכים און איבערגעלאָזט אין קאַלטען נעץ אָנגעטראָגענעם „שטעדטעל" אַ דריקענדיגע גאָגעניש, וואָס בעשווערט אַזוי דאָס האַרץ און קלעמט עס אונגעהויער, ווי מיט צוואַנגען. אין ערגיץ-וואו האָט מען פייער אָנגעצונדען, און דאָ צולעגען זיך איבער די ווענד גרויסע בוי-גענדיגע שאָטענס, וואָס וואַרפען-אָן אַנ'אונפערשטענדליכען פחד. די קינ-דער פעררוקען זיך אונטער דער מאַמעס פאַטשיילע און בלייבען שטום. אין שטעדטעל פערקלויבט זיך אַ גרויע וואָכעדיגקייט, וואָס דערמאָנט

אין געוועלב שליסלען, אין שער-און-אייזען, אין האַמער-און-קאָוואַדלע, און פייניגט און פייניגט...

אין שוהל ווערט ליכטיג. דער חזן מאַכט הבדלה איבער אַ גלאָז טהיי און די טענער רייסען זיך פון האַלז ווי געשטיקט, אַזוי טרויעריג מאַט און בלאַס, יודען צעלעגען די טליתים און ברומען אונ-טער שטיל המבדיל און מען ווינשעוועט זיך מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ ווי אַבלים: — גוט וואָך! און עס דאַכט זיך, אָט וועלען די אַלע יודען מיט די בערד, די גרויסע טאַטעס, צו וויינען זיך ווי קליינע קינדער...

באַלד קומט אַריין דער „פּרעזעס" און ביי דער שיין פון אַ ליכט נעהמט ער אונטערזוכען און פערשרייבען די אַלע ווייבער ביי וועמען עס האָט זיך נישט אָנגענומענדי גשטעלטע פּאָקען...

באַרמהאַרציגע מאַמעס...

שוין דריי מאָנאַט בושעוועט די וועלט-מלחמה!

דאָס פייער פון דער מלחמה שמיעדט-אויס העלדישע פיגורען, וועלכע שטעהען-אויף פלוצלונג אויפ'ן שלאַכט-פעלד, פערהאַרטעווען זייערע הערצער און זענען מפקיר זייער לעבען פאַר'ן גליק פון לאַנד; דער גרויסער נויט אָבער, וואָס היט די טריט פון דער מלחמה, שאַפט אין דער היים נישט וועניגער העלדען. דאָס זענען אָבער צאַרטע און האַרציגע העלדען, וואָס גיבען-אויף זייער היים, סאַלאָן-לעבען, לעהרע און געזעלשאַפט פאַר'ן גליק פון... זייערע טרייע מאַמעס.

ווילסטו זעהען עפיס שענעס, ערהאַבענעס און ריהרענדעס?—געה אַריין אין דער אומזיסטער קינדער-קיך אויף... וואו עס שפייזען זיך די סאַמע „צאן קדשים”, קינדער פון חדרים און תלמוד-תורה'ס, וואָס איבער'ן הבל פון זייערע מיילער לעבען מיר דאָך...

געדענק נאָר: די רייכסטע-בעל-הבתישע פרייליגס מיט נישט קשה'דיגע נדנ'ען, אינטעליגענטע אָנגעזעהענע סוחרישע פאַנגעס, וואָס קאָנען קיין יודיש נישט, אמת'ע גימנאַזיסטקעס, פערפוצטע, געפאַרבטע חסידישע טעכטער, זוהנדלעך פון ווירטסלייט מיט היבשע ירושות, פאַצעטען מיט געפוצטע נעגעל און שפיציגע וואָנסען, קאַוואַליערען מיט פיינע פענסיעס און בלויע בילעטען אין טאַש, האַלבע אויסלענדישע סטודענטען שיער

נישט קיין גאַנצע דאָקטוירים—זיי אַלע האָבען זיך איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען ברען פון זייערע יונגע נשמות דער אויפגאַבע אויפצוהאַלטען די דאָזיגע קיך, וועלכע זיי האָבען געגרינדעט כמעט אויף אייגענע מיטלען.

כדי צו פערשפּאָרען די הוצאות און טאַקי כדי צו זיין מעהר אָנזעהעוודיג, פיהרען-אָן די אַרבייט אַרום דער קיך—פון ווירטשאַפטערינס ביז אויפזעהערינס ביי׳ם טיש—די גרינדערינס אַליין מיט זייערע אייגענע ווייסע, איידעלע, סאַמעט-הענטלעך. יעדער פון זיי צייכענט זיך אויס מיט דעם בעסטען פלייס, און זייער׳ס אַ מיטאָג קומט אַרויס, וואָס עס מעג איהם עסען אַפילו דער „גרעסטער שררה״.

פון אַ בעזוך דאָרט ביי אַ מיטאָג, וועסטו אַרויסטראָגען די איידעלסטע איינדריקען, די פיינסטע געפיהלען. שטאָלץ וועסטו ווערען אויף זיך אַליין און אַ בעפרידיגונג וועסטו בעקומען פאַר אַלע צייט-פּלאָגען, אָבער מעהר פון אַלץ וועט דיך דאָרט פאַנגען דאָס היימליכקייט, דאָס פרייקייט, דאָס פערברענגען, דאָס ווייכען זיך, די געזאַנגען און שפּילערייען פון די צדקה-גבאים און-גבאי׳טעס נאָכ׳ן מיטאָג, ווען עס קומען-אָן די היינטיגע גרויסע לאַנגוויילגע אומעטיגע נעכט. אַ כפּרה טעאַטער און „גיגאַנט״!

פון די דאָזיגע שפּילערייען קומט ס׳רוב אַרויס גרויסע טרויעריגע ערנסטקייטען: זעהסטו דאָס פריילין „קעכין״? וואָס זי האָט אַקאָרשט ערשט צוגאָסען מיט אַ גרויסע וואַזע-לעפעל פּאָרציעס זופּ פון קעסעל אין די טעלער, ווי שען דאָס ווייסע קיך-פאַרטוך פּאַסט אַזוי צו איהר פערפלאַמט ברוינעט געזיכט און צו די שוואַרצע גלאַנציגע אויגען,—דריי אַמאַטאָרען, קאַנדידאַטען האָט זי „ערבּאָבערט״ דאָ, מיט איינעם פון זיי (זי האָט מורא פאַר אַנ׳עין-הרע...) וועט זיכער נאָך היינטיגען חנוכּה קומען צו אַ וואָרט... און דאָס פריילין „אויוען-הייצערין״, די בלאָנדינע מיט דעם בלויען שלייף געזוימט די גאָלדענע לאָקען, האָט שוין געלאָזט דרוקען פערלאָבונגס-קאַרטען טאַקי מיט דעם הער „סאַרווער״—אַ זוהנדעל פון אַ ווירט מיט זיבען הייזער... און אָט דאָס פריילין „קאַרטאָפעל שיילערין״, די שאַטינע מיט׳ן קונציג אויסגעבונדענעם ווייסען טיכעל אַרום קאָפּ מיט׳ן פעררייסענעם נעזעל און שמאָל געמבקעלע, וועלכע זיצט איצט געאַרעמט מיט דעם פאַן אין שוואַרצען סמאָקינג מיט׳ן ווייסען וועסטעל און זינגט פּויליש, זיי, בעטראַכטען זיך אַליין, און אַזוי קוקען אויף זיי אַלע, ווי אַ פאַרטיג „פּאָר׳ל״. ער דאַרף נור נאָך איינמאָל שטעהן אויף אַ קאָמיסיע, זי דאַרף נור נאָך אַביסעל צושטעהן

צו איהר איינגע׳עקשנ׳טען טאַטען דעם חסיד און דאַן שטעהען זיי ביידע אונטער די חופה-שטאַנגען... און אַזוי כסדר איינע נאָך איינע.

נישט אומזיסט זאָגט מען: „מעהר ווי דער בעל-הבית טהוט מיט׳ן אָרימאַן — טהוט דער אָרימאַן מיט׳ן בעל-הבית״. דאָס האָבען זיי שכר-מצוה שוין אויף דער וועלט...

מאַמעס הערצער פיהלען דאָס. מאַמעס קעפּ פערשטעהען דאָס. מאַמעס אויגען זעהען דאָס. און „באַרמהאַרציגע״ מאַמעס, וואָס זענען געטריי און האָבען ליעב זייערע קינדער שעפּען פולע הויפענס נחת: וואָס פאַר אַ גוטע, קלוגע, פיינע טעכטערלעך זיי האָבען! ווי גרויס און טיעף דאָס רחמנות וואַקסט ביי זיי צו עלענדע יודישע עופה׳לעך!...

און צובייזערט זיך אַמאָל דער שטרענגער, פערטהוענער טאַטע אויפ׳ן טעכטער׳ל, וואָס מאַכט די טואַלעט צוויי מיט אַ האַלבע שעה אויפ׳ן זייגער פאַר׳ן אַוועקגעהן:

— וואוהין דאָס אַזוי? שוין ווידער אין קיך? אָנגעקריגען אַ קיך און טעג און נעכט ליגט מען דאָרט... אפשר וואָלט שוין גענוג געווען די קיך אפשר?

לויפט-אונטער די מאַמע אַ צאַפּעלדיגע גרייט איהם צוצורייסען:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד, משוגענער? לאָז זי געהן געזונדערהייט. לאָז זי זיך צוגעוועהנען יונגערהייט גוטס צו טהון...

און אונטער׳ן טעכטערל׳ס פּלייצע גיט זי צו דעם נאַרישען טאַטען.

— בהמה! אין דעם זכות וועט אונז, כ׳בין נישט ווערט אָנצורופען, צו שיקען איהר רעכטען בעשערטען...

און אַז מאַמעס קומען זיך צוזאַמען דאָנערשטאָג אויפ׳ן באַזאַר אָדער שבת אויף דער ביעלאַנסקאַ, דערצעהלען זיי מיט אַ גדולה צווישען זיך די גליקען פון זייערע קינדער, וואָס זיי טהוען אַלץ אויף אין דער אומזיסטער קיך; ווי אַזוי מענשען ווערען אַוש „זאַכוויטשעט״ פון זיי; וואָס פאַר אַ „פּאָוואָדזעניע״ זיי האָבען דאָרט... וואָס דאַרף מען בעסער? סטייטש אַנומאָלט דאָך איז אַראָבגעקומען אין קיך אַריין עקסטרע „נאַ-מישנע״ אַ שרייבער פון רעדאַקציע און „באַשריבען״ אַלע מיידלעך מיט די נעמען...

ווערען מאַמעס פון „נישט לייטישע״ קינדער דערקלעמט הערצ-דיג. אַז ס׳מזל שלאָפט, מ׳שטיינס געזאָגט... קומען זיי אַהיים אויפגע-רעגטע און נעהמען זיך מיט כח צו די נאַאיווע קינדער.

צוויי שכנ׳טעס פון איין הויף, אויף די זעלבע טרעפ, אַ טיר אַקעגען אַ טיר: מאַדאַם פריילעבען און מאַדאַם צוקערזיס זענען נעכ־טען אָוועוגד אַזעלכע גערייצטע אַהיים געקומען פונ׳ם שפּאַציער, אַז זיי האָבען ביידע דערנאָך געציטערט, עס זאָל זיי די קעפּ נישט אויפ־רייסען און זיי זאָלען זיך נישט נויטיגען אין פּראָשקעס „קאָגוט"...

מאַדאַם פריילעבען האָט געטראָפען איהרע ביידע טעכטער, דאַרע, הויכע איבערגעוואַקסענע מיידלעך, זיצען אין עס-שטוב, פערטיפט איבער ביכלעך. איז זי אויף זיי אַרויפגעפאַלען:

— ט,האָסטו, זיצען ווי צוגעשלאָגען ביי די ביכער און גיבען זיך נישט קיין ריהר. מוידען זאָלען נישט אַרויסשטעלען קיין פוס אין דרוי־סען. איהר ווערט דאָך פערפוילט ווערען! וואָס האָט איהר מורא? מ׳וועט אייך אויפחאַפּען? איהר האָט טאַקי נישט וואו צו געהן?

ביידע מיידלעך האָבען איבערגעמישט די בלעטלעך און זיך אי־בערגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זיך געפרעגט: — וואָס איז דאָס עפּיס? — און זי האָט ווייטער געשיט:

— און אַז נישט צו קאָלעזשאַנקעס פעהלט וואו? אָט רעדט מען אין גאַס פון אַנ׳אומזיסטע קינדער-קיך אויף... עס קומען דאָרט אַהין די גרויסאַרטיגסטע אינטעליגענסטע פּאַננעס, פאַר וואָס זאָלט איהר דאָרט נישט אַריינגעהן אַלע טאָג צו העלפען זיי מיט וואָס עס איז? פאַר וואָס זאָלט איהר נישט עפּיס טהון פאַר ווימטע יתומים נעביך, וואָס האָבען זייערע שפּייזערס נישט דאָ געדאַכט פערלוירען אין דער מלחמה? וואָס איז? איהר זענט פּטור? עס פּאַסט אייך אפשר נישט? איהר זענט נישט קיין יודישע קינדער? ווער׳זשע דען זאָל טהון פאַר יודען, אַז נישט יודען?

— רבונו של עולם — האָט זי געווישט איהרע טרוקענע אויגען — וואו האָט איהר זיך אויסגעלערנט אַזוי האַרטהאַרציג זיין אָהן אַ פונק ר׳חמנות? געראָטען פונקט אינ׳ם שענעם טאַטען, וואָס פאַר אַנ׳איבעריגען רובל וואָלט ער פערקויפט ווייב און קינדער...

— די מאַמוניו ווייסט דען צי מען נויטיגט זיך דאָרט און אונזער אַרבייט? — האָבען ביידע גלייך אויסגעשאָסען אין איין שרעק.

— וואָס׳זשע ווילט איהר נאַרישע גענז? — האָט זי זיי נאָכגעקרימט — מ׳זאָל אייך אַהער קומען שלעפּען ביי די פּאָלעס?

— אָבער די מאַמוניו! — האָבען די מיידלעך געשטאַמעלט און בע־גאָסען זיך מיט אַ רויטקייט, חאַפּענדיג דערווייל אַ בליק אין די ביכלעך.

— כ׳האָב נישט ליעב מיט אייך צו רעדען — האָט זיי מאַדאַם

פריילעבען איבערגעהאַקט. — אַז איהר האָט הערצער ווי שטיינער און קאָנט זיך גישט פערגינען איינצוטונקען אַ פינגער אין קאַלט וואַסער פאַר אָרימע קינדערס וועגען... לייענט, לייענט. נור לייענט!

זי האָט אָבגערעדט און פערשוואונדען אין קיך.

צו דערזעלבער צייט האָט מאַדאַם צוקערזיס אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם קאַראַקולענעם זשאַקעט, דאָס פליושענע היטעלע, אַריין אין קיך, און דאָרט געטראָפען איהר קורצע, דיק-קאָנטיגע טאָכטער, מאַ-כענדיג זיך אַליין אַ ביפשטיק. און זי האָט צו איהר אויסגעלאָזט איהר ביטער האַרץ:

— נאַדיר! נור געפּאַשעט דעם בויך. נור געפּאַקט אינ׳ם חומר. נור זיך אַליין אין זין געהאַט. יענעם אַ מכּה. אַנ׳אָרימאַן גאָרנישט. אַלע מיינע שונאים, וואָס ווינשען מיר שלעכטס!...

— וואָס וויל די מאַמעשי? — האָט זיך דאָס מיידעל איינגעשטעלט — די מאַמעשי פערגינט מיר נישט? פאַרוואָס דען?

— פאַר דערפאַר. געה אַרויס אין גאַס — האָט זיך מאַדאַם צוקער-זיס ביטער צו זיפצט — וועסטו הערען, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן אַלץ וועגען מיידלעך, וואָס זיי אַרבייטען אויס פאַר אָרימע קינדער פון זאַפּאַסנע, געה אין דער אומזיסטער קיך אויף... וועסטו זעהען. נאָר וואָס? אַ קונץ, אַז מ׳האָט צו עסען און מען עסט. מען דאַרף זעהען אַנדערע זאָלען אויך האָבען. פאַרוואָס זאָלסטו נישט עפּיס העלפען אין דער קינדער-קיך?

— דאָס ערשטע מאָל, אַז איך הער פון אַזאַ קיך! — האָט דאָס מיידעל געהויבען די פלייצעס און מיט פלייס איבערגעקעהרט דעם ביפ-שטיק אויף דער פאַטעלנע ער זאָל נישט ברענען.

—,ווייל דיך אינטערעסירט גאָרנישט צו וויסען ווייסטו נישט. פאַר וואָס ווייסען די זעלצערובנעס, די פעפערובנעס? זיי זענען דאָך ווערט מ׳זאָל זיי יעדעס גליעד אויסקושען...

— די מאַמעשי האָט דען געהערט? — האָט דאָס מיידעל פער-שעמטערהייט אַרויפגעלעגט דעם ביפשטיק אויף אַ פלאַסקען טעלער און שטיל געבליבען.

— כ׳האָב נישט ליעב מיט דיר צוריידען — האָט זיך מאַדאַם צוקערזיס געקאָכט — אַז דו לעבסט נור פאַר דיר. עס געהט דיך גאָר נישט אָן. קאָנסט נישט ליידען אַנ׳אָרים קינד זאָל פון דיר געניסען... עס, עס, נור עס!

זי האָט אָבגערעדט און פערשוואונדען אין עס-שטוב.

די דריי שכנישע מיידלעך האָבען היינט צוגעבראַכט אַ שווערע שלאָפלאָזע נאַכט. געקלאַפּט זיך אין האַרץ אויף נישט בעגאַנגענע זינד... און בעשלאָסען צו טהון וואָס די מאַמע הייסט, צו אָפּערן זיך מעהר פאַר'ן כלל, אָנהויבען אַרבייטען פאַר יודישע קינדער...

אַז זיי האָבען זיך געטראָפען אין דער פריה לויפענדיג אין געאייל פון די טרעפּ אַראָב, האָבען זיי אַ שמועס געחאַפּט. און דערוויסענדיג זיך זייער געמיינזאַמען צוועק — אין דער קיך אַריין, און ווער עס האָט זיי דערצו אויפגעפאָדערט — האָבען זיי אַלע צופריעדען אין זיך געטראַכט:

— יאָ, מיר האָבען באַרמהאַרציגע מאַמעס!...

שכינה אין גלות.

דאָס איז געווען אין איינעם פון די קאַלטע טריבע פאַרבלאָזטע פאַרנאַכטען, ווען עס בעפאַלט פּלוצלונג אַ נישט פערשטענדליכע אַנגסט; אַ שווערער אומעט צולעגט זיך צווישען די פיער ווענד פון צימער און פיהלט איהם אָן; עס קומען אויפ'ן זין נאָהענטע און ליעבע געשטאַלטען, וואָס דאָס פינסטערע קבר האָט שוין לאַנג איינגעשלונגען; אַ בענקשאַפט נאָך עפּיס אונבעקאַנטעס נאָגט און דריקט די ברוסט, ס'ווערט קאַלט אין האַרצען, פערפרוירען און פּוסט; אין האַלז ווערט ענג און עס ווילט זיך וויינען, הויך וויינען, אויסגיסען דאָס גאַנצע פערקלעמטע האַרץ; עס ווערט צולאַסט יעדער מענש, פיינליך יעדע געזעלשאַפט; עס גלוסט זיך אַנטלויפען פון רוישענדיגען לעבען, אַנטלויפען ווייט, ווייט, און בלייבען מיט זיך איינעם אַליין...

איך האָב מיט אַ טיעפען שמערץ און יאוש אין האַרץ געוואַנדערט איבער די גאַסען, געשפּרייזט גיכע טריט אָהן שום צוועק און זין, אָהן שום ווילען צוהאָפען און אָהן שום לוסט צום לעבען. דער פערחמורעטער היטעל, ווי פערצויגען מיט אַ שוואַרצען שלייער האָט שטום און צאָרניג געקוקט, אַ פויל עסענדיגער ווינד האָט האַסטיג געבלאָזען און געטראָגען אַ שווערען, שווערען יאָמער.

אין די הויפּט-גאַסען פון שטאָדט האָט עס געברויזט און געקאָכט.

אַ לעבעדיגע כוואַליע פון מענשען און פערד האָט שטורמיש געפלאָסען ווייט און ברייט, אַזש איבער די טראָטואַר-ברעגען פערפלייצט; אָפּיצי-רען פון פערשידענע ראַנגען האָבען אַהין און אַהער געאיילט און גע-פלויגען אויף וועגען און אויטאָ׳ס אַזוי פערחאַפּט און פערטהון; אין דער לופט האָט זיך געריסען אַ טעמפּער גערויש: אַ געשריי פון מענשען, אַ פייפעריי פון מאַשינען, אַ קלאַפּעריי פון רעדער און אַ הירזשעריי פון פערד; אַ ציהענדיגער אָדער פונ׳ם כּאַאָטישען מלחמה-לעבען דאָרט אויף די טויטע פעלדער.

די שטאָדט מיט׳ן פעלד האָבען זיך איצט פעראייניגט און פער-בונדען צו שטיצען זיך געגענזייטיג: די ערשטע האָט די אויפגאַבע צו ליפערן פאַר דער „פּאָזיציע" אַ געזונדען צאַפּעלדיגען מאַטעריאַל פון יונגע לעבענס מיט אַ קאָכעדיג בלוט און אייזערנע נערווען, אַ מין רויה-שטאָף פאַר די האַרמאַטען, און די „פּאָזיציע" דאַרף ענטפערן מיט אַ פאַרטיג פיין אויסגעאַרבייט אַרטיקעל פערפאַקט און פערבאַנדאַזשירט, כּדי אויסצופיהלען די בעטלעך פון די אַזוי פיעל געעפענטע שפּיטעלער.

און עס ציהען זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען, צו די אַלערליי וואַקזאַלען אַ גרויסע, גרויע מאַסע, ווי אַ סטאַדע שאָף, שטום און שטיל מיט געבויגענע קעפּ, ווי שאָטענס שלייכען זיי. זייערע שווערע טריט ווערען דערטרונקען אין דעם ים פון געטומעל און געפילדער און רו-פען ביי קיינעם כּמעט קיין אויפמערקזאַם נישט אַרויס.

אונטער די אַלטע ברודיגע מונדירען קלאַפּען ריינע, הייסע הער-צער, וועלכע קלעמען און ברעכען-זיך; ווייט אין ערגיץ פון דאַנען איז פאַרהאַן אַ האַרצידיגע מאַמע, אַ ליעבער טאַטע, אַ שען ווייב, אַ זיסע כּלה; נישט לאַנג זענען געווען אַזעלכע גוטע טייערע חלומות, ענערגיע מוטה — איצט איז צו אַלץ אַ סוף, איצט איז אַלץ אויפגעגעבען. און די נאַכט מיט איהר פליגעלדיג-וועבענדען סוד, איז קאַלט צו אַלע, טויב פאַר אַלעמען, גלייכגילטיג און פרעמד...

— שנעל! פולע טריט! — שאַלט אַ קול.

און עס קומען צוריק אַנטקעגען קריפּלען, געקאַליעטשעטע גופים און נשמות, מיט אַ טיעף פערזעסענעם צער פאַר׳ן בערויבען די וועלט מיט איהר גענוס: פערשלייפטע קעפּ, אַראָבגעהאַנגענע הענד, געבונדענע ברוסטען און צובעהאָפטענע פיס; זייער עלענד סמ׳ט אָב די לופט, פער-טרייבט דעם שמייכעל פון די שענסטע פרויען-ליפען, אַ ציטער געהט דורך, עס דאַכט זיך, אַז עס הערט זיך אַ טויטער ריח, אַ טויטע לופט.

— אָבשיי פאַר זיין מאַיעסטעט דעם טויט!...

די נאַכט איז צוגעפאַלען. איינציגווייז, איינציגווייז, האָבן זיך די שטערענדלעך אָנגעצונדען אין הימעל; איינציגווייז, איינציגווייז, האָבן זיך די לאַמטערנעס אָנגעצונדען אויף דר'ערד; איינע מיט די אַנדערע האָבן זיך ווי איבערגעוואונקען מיט די בלישטשענדיגע פונקען פון די פייערדיגע אויגען און געשפּאָלטען די גערדיכטע פינסטערניש, וואָס האָט געהילט די שטאָדט.

איך האָב מיך געפונען אויף אַ זייטיגע אָבגעלעגטע גאַס, וואָס פוןביידע זייטען האָבן איהר געהיט אָבגעלעדיגטע קאַשטאַנען בוימ־לעך, און די ווייט אַרויסשטאַרענדע דאַרע צווייגען האָבן זיך קרעכ־צענדיג געוויעגט אין דער לופט.

דאָ האָט געהערשט דאָס געוועהנליכע שטאָדטישע לעבען אָהן שום סמנים פון דער בלוטיגער מלחמה. דער בליאַסקעדיגער טראַמוויי האָט זיך אָהן אָבהאַלטעניש געגליטשט און פערשוואונדען; רוהיגע בירגער זענען שוועבענדיגע איינער פאַר'ן אַנדערען פאַרביי געקרייצט זיך יעדע־רער אין זיין וועג צו זיינע אַלטעגליכע עסקים און דאגות; שפּאַציע־רענדע גוט-געקליידעטע פּאָרלעך האָבן היימליך און געמיטלעך שמוע־סען געפיהרט און ווילענווייז האָבן פרויען קאָקעטיש אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער; צייטונגס־יונגלעך האָבן הויך אויסגערופען די לעצ־טע נייעסען פון די עקסטרע טעלעגראַמען, און אַ באָרוויסער אין שמאַ־טעס פערוויקעלט האָט פערביטערט אָהן אויפהער געבורטשעט אין די אויערן:

— שענקט'ס עפּיס! — שענקט'ס עפּיס!

דאַכט זיך, דאָס לעבען איז צוריק אַריין אין די שינעס... און מיט אַמאָל, וואָס איז דאָס? — מענשען האָבן זיך געשטויסען צום עק טראָטואַר, וואו זיי זענען שטעהן געבליבען, ווי צוגעשמיעדט, פערגאַפט מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגען געקוקט, געקוקט מיט פלייס נישט צו פערלירען קיין סעקונדע.

— אינטערעסאַנט! — טרויעריג!

און אין סאַמע מיטען פון ברוק האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך מיט מיעדע פיס אַ גרופּע פון אַכטצעהן פאַרשוין, רייהען-ווייז צו דריי אין אַ רייהע, און אָנגעלעגט אויף זייערע אָרעמס פעסט צוגעדריקט צו די הערצער האָט יעדערער פון זיי עפּיס אַזוינס געטראָגען און זיך דעריבער אַזוי געצאַפּעלט עהנליך, ווי מען טראָגט אַ קליין ציטעריג קינד.

— ווער זענען דאָס די מענשען? — האָב איך מיין בליק טיעפער איינגעשניטען אין זייערע פינסטערע געזיכטער און כ'האָב זיי גלייך דערקענט:

— יודען זענען עס די דאָזיגע פוס-געהער.

זייערע שטאַרע, אויסגעלאָשענע אויגען דערצעהלען אייך אַלץ. אין זיי קאָנט איהר לייענען פריש אויסגעשטאַנענע ליידען, אנגסטען, יסורים און צרות... פון די היימען אַרויסגעיאָגט, האָט מען אין דער בהלה אָן אַלץ, וואָס האָט זיי אַמאָל אָנגעהערט דורך שווערע אַרבייט און מיה פערגעסען, ווי פערזונקען אין תהום — געדענקט האָט מען נור איינס: דאָס טייערסטע, דאָס ליעבסטע, דאָס הייליגסטע צוראַטעוועט פון שמו-ציגע הענד — די תורה!... מיט מסירת-נפש האָבען זיי איהר אויסגעלייזט. די אַכטצעהן יודען זענען גרייט געווען זיך צו אָפּפערן פאַר די אַכט-צעהן רייניגקייטען ביז זיי האָבען זיי בעקומען.

מיט אויפגעהויבענע שטאָלצע קעפּ שפּאַנען די יודישע גבורים, די טייערע משא, די שטענדיגע שיצערס, אָן זיך אָנגעשפּאַרט; זייערע שטילע טריט הילכען-אָב הויך אין יעדעס יודיש האַרץ און רופען אַרויס מיטגעפיהל, ברידערשאַפט און טרעהרען, אַ סך טרעהרען...

„און ס'איז אונז נישט מעהר געבליבען ווי די דאָזיגע תורה!"...

די נאַכט האָט ווי אַראָבגעהאַפּט דעם סוד, וואָס אויף זייערע געזיכטער, אַרויסגעריסען דעם עיקר פון זייערע מחשבות, און בעגלייט זיי פער-אומערט, פערצאָרנט, ווי נאָהענטע קרובים געהען נאָך אַ לויה.

און באמת, איז דאָרט אין דער הויך נישט פינסטער געוואָרען? האָט מען דאָרט דען נישט אויסגעלאָשען די לייכטענדע שטערען? — אודאי אַזוי: פערקנייטשט האָט דער הימעל זיין שטערן, אַראָבגעלאָזט זיינע האָריגע ברעמען, געוואָרען מרה-שחורה'דיג, אָנגע'ברוגז'ט. אַ קליי-נער דראָבנער שניי פאַלט פון אויבען אַראָב.

און דער ווינד, וואָס האָט זיך אַצינד נאָך דרייסטער צו וואָ'עט און צוברומט, הויבט אויף די שנייעלעך פון אונטען און שליידערט זיי צוריק אין דער הויך. שלאָגען זיי זיך אָן אין די ברענענדיגע לאַמטער-נעס, די געלע פאַרב פון די לאַמטערנעס-פייער צוגיסט זיך איבער די שנייעלעך, חאַפּען זיי דעם אָנבליק, ווי אַראָבגעפאַלענע פערגליווערטע טראָפּענס טרעהרען...

יודען געהען אין גלות אַריין, און די שכינה געהט אויך מיט זיי...

ענטדעקט דעם סוד...

אַז דער שוואַרצער פנחס־לייבעלע, אַ קליין ריהרעוודיג יודעל מיט אַ שוואַרצע אָנגעוואַקסענע באָרד ביז אין די אויגען אַריין, איז שוין געשטאַנען גרייט מיט די פעקלעך אָנגעלאַדעוועט אויף דער פּלייצע אוןביידע קינדער ביי ביידע הענד, צו פערלאָזען דאָס שטעדטעל, כּדי צו געהן קיין וואַרשא אַלס היימלאָזער — האָט ער געפונען פאַר נויטיג שוין ביי דער טיר נאָכאַמאָל אַ וואָרן צו טהון זיין ווייב:

— בילה־גיטל, געדענק אָן גאָט און לאָז נאָר נישט חס־ושלום פאַלען פאַר די ליפּען, אַז דו ביסט „אויף דער צייט"... ווארום מיר זענען אונגליקליך, מען וועט אונז אין ערגיץ נישט אַריינלאָזען.

געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען אין אַזאַ טרויעריג־געבראָכענעם טאָן און ערנסטע מינע אויפ׳ן פּנים, אַז בילה־גיטל האָט זיך רעכט דערשראָקען. פאַר די אויגען האָט זיך איהר געמאָלט דאָס שוואַרצע בילד, ווי זי בלייבט מיט די קינדערלעך הפקר אויף דער גאַס אונטער׳ן פרייען הימעל; זי האָט אַ שאַרף שפּיציגען קוק צוגעוואָרפען איהר בולט משופּע׳דיג בייכעל, וואָס האָט אונטער דער וואַטאָוועער שאָבקע געהאַפּט דעם פאָרם פון אַ פערשטעקט לענגליכדיג ברויטעל... דאַן האָט זי רחמנות׳דיג געגלעט די קינדער איבער די קעפּלעך קרעכצענדיג: ווערה מיר נישט געשעהען!

דערנאָך האָט פּנחס-לייבעלע פּערמאַכט די לאָדען, אָנגעהאַנגען אַ שלעסעל אויף דער טיר און דאָס געזינדעל האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ביידע זענען געגאַנגען מיט אַ פּער׳עקשנ׳טע שווייגעניש. געהילט זיך מיט די קינדער אין די פּערוויקעלטע שמאַטעס און זיך געראַנגעלט מיט׳ן פּראָסטיגען ווינדטעל, וואָס האָט זיי געצוויקט די פּנים׳ער און ווי געזשושעט אין די אויערן: אַ סוד, אַ סוד, אַ סוד...

חאָטש פּנחס-לייבעל׳ען האָט שטאַרק געחשק׳ט וויסען בילה-גיטל׳ס דעה מכּוח דעם דאָזיגען ענין — האָט ער דאָך לכתחילה נישט געוואָלט דערקוטשען איהר מעהר, נאָר, אַז עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט און בילה-גיטל האָט זיך אַלץ נישט אַרויסגערעדט מיט קיין איינציג וואָרט, האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט בעהערשען און זיך אָנגערופען סתּם אין דער וועלט אַריין:

און מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נור ערשט דער אַכטער...

בילה-גיטל האָט זיך געגעבען אַ דרעה-אויס צו איהם און זיך צובייזערט:

— שווייג שוין, שווייג שוין, חכם מיינער, כ׳האָב נישט אַנטוועהנט נתן-דוד׳לען פּונקט ל״ג בעומר?...

פּנחס-לייבעלע האָט זיך פּערשעמט ווי אַ יונגערמאַנטשיק נאָך דער חתונה און שטיל געבליבען. ס׳איז איהם אין דער אמת׳ן אַליין געווען דערווידער, וואָס ער דאַרף עפּיס גראָד איצט אין אַזאַ עת-צרה אין זין האָבען אַזעלכע נאַרישקייטען... און כּדי זיך דערפון ווי צופּערגע-סען האָט ער ווי אַ מענש, וואָס פּיהלט אויף זיך די גאַנצע פּעראַנט-וואָרטליכקייט, פּערטיפט זיך אין ערנסטע מחשבות: צי האָט ער גלייך געטהון דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטען ביז׳ן סאַ-מע לעצט אין דער היים? ווער ווייסט, צי ער וועט נאָך ערגיץ בעקו-מען אַנ׳אָרט?

בילה-גיטל איז געגאַנגען נעבען איהם שלעפּענדיג קוים דאָס שווע-רע לייב און די געשוואָלענע פּיס (אַזאַ טראָגען ביי איהר) און הויך געסאָפּעט. עפּיס האָט זיך איהר געדאַכט איז ביי איהר דער בויך צוויי מאָל אַזוי הויך אויסגעוואַקסען, האָט זי געפּרובט מיט דער האַנד איהם איינדריקען אַ ביסעל, איז ער אָבער ווי אַ גומינע פּילקע צוריק אויפ-געשפּרונגען; דאָס ערשטע מאָל איז איהר איינגעפּאַלען, אַז זי טראָגט אַ צווילינג, הגם ס׳איז גאָרנישט די טבע פון איהר פאַמיליע... געפּיי-ניגט האָט איהם אָבער מעהר פאַר אַלעם די פראַגען: ווי אַזוי טהוט

מען, אַז קיינער זאָל דאָס נישט בעמערקען און וואָס וועט פאָרט זיין שפּעטער ווען עס וועט קומען אם־ירצה־השם די „רעכטע צייט״?...

אויסגעמאַטערטע, הונגעריגע און דורכגעפרוירען ביז׳ן ביין איז פּנחס־לייבעלע מיט׳ן בני־בית מיט דער נאַכט צו־גלייך אָנגעקומען קיין וואַרשא.

די פּראָווינצער האָבען זיך אין די בעלעבטע וויבעלדיגע גאַסען אינגאַנצען פערלוירען: דער טומעל פון די דראָזשקעס און טראַמווייען האָט זיי פערטויבט די אויערן, די עלעקטרישע און גאַז־לאָמפּען האָבען זיי געבלענדעט די אויגען און דער שטאַרקער בענזין־ריח פון די אויטאָ׳ס האָט זיי געקלאַפּט אין די נעז. זיי זענען געווען ווי פערטשאַדעט און געגאַנגען איבער׳ן טראָטואַר גאַנץ נישט זיכער מיט וואַקלענדיגע פיס; זיי האָבען געזעהען מאַסען מענשען פאַרבייגעהן און נישט פערמאָגט דעם גענוגענדען דרייסט ביי עמיצען צו פרעגען וואו ערגיץ צו געהן.

— בראָש לויפען זיי אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי געיאָגט — האָט זיך פּנחס־לייבעלע פערענטפערט פאַר׳ן ווייב.

ווי אַ מלאך פון הימעל איז זיי דעריבער אויסגעקומען דער יונגערמאַן, אַפילו אָהן אַ צורת־ישראל, וואָס האָט זיך זיי פּלוצלונג בעוויזען נאָך אַ צייט שפּאַנען איבער די גאַסען, פון זיך אַליין זיי אָבגעשטעלט, געפרעגט וואָס זיי זוכען.

— מיר זענען היימלאָזע. — האָט פּנחס־לייבעלע זיך פאָרגעשטעלט.

— געהט אָט גלייך אַראָב, דערנאָך וועט איהר זיך פערדרעהען לינקס און זיך פרעגען אין „הזמיר״, דאָרט איז אַ „פּריוט״ פאַר היימלאָזע.

פּנחס־לייבעלע איז שוין געגאַנגען היימליכער, זיכערער. פערקירעוועענדיג זיך אויף דער לעש און בעגעגענענדיג יודען מיט אַ קלינגעדיגען יודי׳ש האָט ער כסדר געפרעגט:

— וואו איז דאָ דער „זומער״? אַ „פּיוט״?

און וויפיעל מ׳האָט נישט געהויבען פּלייצעס און אויסגעבויגען הענד, האָט ער זיך דאָך דערפרעגט אינ׳ם „פּריוט״.

דער „הזמיר״־לאָקאַל, וואו ס׳האָט אַמאָל געאָטעמט מיט אַ פרישׂ יוגענד־לעבען, וואו עס האָבען געשאַלט מוזיק־און געזאַנג־טענער, וואו עס האָט געברויזט מיט „אָווענדען״, פערווייַלונגען און פאָרלעזונגען, שטערנס האָבען זיך געשרומפּען צו פערענטפערן ביים „קעסטיל״

אַזעלכע שווערע פּראָבלעמען ווי: גאָטהייט, ליעבע און טויט — איז איצט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַכט־פּשיטולעק, וואו ס׳האַלטען זיך אויף דערשלאָגענע היימלאָזע יודען מיט ווייבער און קינדער, דאָס אויער פערנעהמט נור קרעכצען און אָכצען, דאָס נרעסטע פערווײלונג איז דאָ, ווען מען טיילט קוויטלעך אין באָד אַריין... און מען ברעכט זיך די קעפּ צופּערענטפערן ביי דער קיך די נאָך שווערערע פראַגען וועגען קאַרטאָפעל, מעהל און באָב...

דאָס רעאַלע, ביטערע היינטיג יודיש לעבען!

אין קאַנצעלאַריע זענען געזעסען די אָנפיהרער און אַרויסגעגעבען פעראָרדנונגען אויפ׳ן מאָרגענדיגען טאָג, ווען מ׳האָט דאָרט געמאָלדען וועגען די נייע היימלאָזע. האָבען די טהוערס אָבגעהאַלטען אַ אָהן לשונ׳דיגע בעראַטונג, בלויז דורכגעוואָרפען זיך מיט די בליקען און פּנחס-לייבעלע׳ס גורל איז שוין געווען בעשלאָסען:

— זאָלען זיי אַריינגעהן.

אין דער אָפענער טיר האָט זיך פאַמעלעכ׳ל אַריינגעשאַרט פּנחס-לייבעלע מיטביידע קינדער ביי די הענד און ביי דער שוועל שטעהן געבליבען דרך-ארץ׳דיג און אַרום געקוקט זיך אין גרויס פערלעגענהייט. הינטער איהם האָט זיך גערוקט בילה-גיטל אַנ׳איינגעבויגענע, ביידע הענד געשלייפט פערלעגט אויפ׳ן בויך...

— פון וואַנען זענט איהר? — האָט מילד אַ שטימע געפרעגט.

ביי פּנחס-לייבעלען האָט זיך עפּיס אַ ריהר געטהון אין האַרץ פון דעם ווייכקייט. ער האָט געמאַכט אָפאָר שפּרייז פּאָראויס איבער-היפּענדיג ביי יעדער טריט עטליכע ברעטער מיט אַמאָל, אַ שטייגער ווי מען געהט דורך אַ לאַווע אין אַ בלאָטע.

— טורטשינער זענען מיר.

דער, וואָס האָט געפרעגט און פערשריבען אין אַ שמאָלען לאַנגען בוך האָט בעמערקט, אַז פון דעם שטעדטעל איז דאָ קיינער נישטאָ און פּנחס-לייבעלע האָט אַזש פאַר גדולה געגעבען אַ פינטעל מיט׳ן אויג. ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו בילה-גיטל׳ען ווי געזאָגט: — „הערסט ווי גליקליך מיר האָבען געשפּיעלט?״ — יענע איז אַצינד גע-שטאַנען און כסדר געקנעפּעלט זיך די שאָבע. זי האָט געמיינט צופער-קנעפּלען הינטער איהר איהר סוד...

— זענט איהר אַלע געזונד?

פּנחס-לייבעלע׳ן האָט אַ שוידער דורכגענומען. ער האָט זיך קוים געשטאַרקט און אויסגערעדט מיט אַ שמייכעלע:

— געזונד? הע, הע, געלויבט השם יתברך, געקומען אַהער צופוס. און אין הארץ האָט ער תּפלה געטהון: „רבונו-של-עולם פערשטעל זיי די ראיה, זאָלען זיי גאָרנישט זעהען"... בילה-גיטל האָט קיין פּיפּס נישט געטהון נאָר הערענדיג די דאָזיגע פראַגע, גענומען דאָס קלענע-רע קינד אויף דער האַנד...

צום סוף האָט מען נאָך אויסגעפרעגט די נעמען, עלטער, בעשעפ-טיגונג, און די משפּחה האָט געפונען אַ דאַך איבער'ן קאָפּ.

האָט זיך געשטעלט פאַר דעם פאָר זעהר אַ שווערע אויפגאַבע: ווי אַזוי-אַרום צופערבאָרגען פאַר יעדען זעהענדיג אויג זייער „פערברע-כערישען" סוד; ווי אַזוי-אַרום אויסצובעהאַלטען אונבעמערקט די „גנבה" ביז דער לעצטער מינוט, אַז זיי זאָלען נישט געכאַפּט ווערען ביי דער האַנד...

ביידע זענען זיי דעריבער פאַר'ן שלאָפען לעגען לאַנג געזעסען אין קאָרידאָר-ווינקעל און שטילינקערהייט בעהאַנדעלט זייער צרה. ביי פנחס-לייבעלע'ן אין קאָפּ איז יעדע מינוט געבוירען געוואָרען עפּיס אַ פרישער פּלאַן, ווי אַזוי בילה-גיטל זאָל זיך האַלטען, כּדי נישט אַרויס-צורופען קיין חשד אויף זיך... בילה-גיטל, וואָס האָט בעצם מורא גע-האַט צו בעגעהן, „פאַלשקייטען" — האָט געגען איהר עהרליכע נאַטור, שווייגענדיג געמוזט מסכּים-זיין.

פערקראָכען שלאָפען יעדער אין זיין אָבטיילונג אויפ'ן ערוואָר-בענעם שטרוי-זאַק זענען זיי ערשט, ווען אין „פריוט" האָט מען אָנגע-הויבען די לאָמפּען לעשען.

געשלאָפען איז בילה-גיטל, לויט דער עצה פון פנחס-לייבעלען אין אָנטהועניך... בעגיגנען איז זי פריהער פאַר אַלע ווייבער אויפגעשטאַ-נען, אָנגעטהון זיך די שאָבקע און גענומען ביידע נאָך פערשלאָפענע קינדער אויפ'ן שויס... קוים האָט מען נור געמעגט אַריינגעהן אין דער ווייבער-שטוב האָט שוין פנחס-לייבעלע זיך דאָרט געמעלדעט. צוגעזעצט זיך ביים ווייב'ס געלעגער און אָנגעהויבען זיך איבערצושמועסען אופ'ן אויער.

אַ קאָפּ האָט אַריינגעשטעקט און געוּרופען:

— ווייבער, וואָס זויגען, אָדער האָבען קליינע קינדער—נאָך מילך!

אין „פריוט" איז ענטשטאַנען אַ טומעל: טעפּלעך האָבען זיך אָנ-געקלאַפּט, קולות האָבען זיך אויסגעמישט און ווייבלעך זענען שטויסענ-דיג-זיך פערטאַראַראַמט געלאָפען. פנחס-לייבעלע האָט צווישען זיין „באַגאַזש", די בלעכענע שעפּ אויסגעזוכט און אויך אַוועק ברענגען מילך.

איהר זויגט גאָר?—דעם מילך-מענש האָט זיך אַ שפּאַס געגלוסט. אַלץ איינס. „זי" איז מיעד פון וועג.—פּנחס-לייבעלע האָט איהם צומישט אויפגעקלערט און די אויסגעשטרעקטע האַנד נאָך די מילך האָט געציטערט.

אַזוי איז עס געווען ווען מ'האָט געטיילט „קאַשקע" פאַר די קינדער און ס'האָט זיך איבערגעחזר'ט ביים פּרישטיק: פּנחס-לייבעלע האָט זיין פּלונית'טע געבראַכט צום געלעגער, אַ ברויט, אַ טהיי אויסגעמישט און דערלאַנגט איהר צום מויל.

דאָס האָבען נאַטירליך, די ווייבער לעדיג געהערינס איהר נישט געקאָנט פערגינען און אַ רעדעל האָט פון איהר אָבגערעדט:

מענשען האָבען מזל. געזעהען אַ געטרייער מאַן?

לאָזט איהר נישט קיין פוס אַראָבשטעלען.

און ווען ס'איז דאָ פּאַרהאַן מ'שטיינס געזאָגט ליעב צו האָבען?—און אַזוי כסדר.

אַרום צוועלף אַ זייגער איז פּנחס-לייבעלע ווידער געקומען געוואויר ווערען. ער איז געווען אונרוהיג און ווייניג צוטרוי געהאַט צום ווייב.

עפּיס האָט עס מיך אַהערגעצויגען.—האָט ער געפונען אַנ'אויסרייד פאַר זיין איצטיגען וויזיט.

בילה-גיטל איז געווען פון דער גאַרטעל אָן אַראָב, איינגעדעקט מיט אַ ברייטע רויט און שוואַרץ געקעסטלטע ווינטער-שאַל, וועלכע זי האָט כלומרשט געלאַטעט.

פונקט צו יענער צייט זענען אין שטוב אריין צווי מיידלעך אין גאַנץ ווייסע פּאַרטיכער, ווייסע טשיפּעקלעך אויפ'ן קאָפּ און זיך געפרעגט צו דער „טורטשינער'ן" (פּנחס-לייבעלע מיט'ן ווייב זענען ווי אַלע היימלאָזע, געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען פון זייער אָרט).

פּנחס-לייבעלע האָט ביי דעם נאָמען אַ שפּרונג געטהון פון אָרט. ער האָט זיך אָבער נישט פערלוירען און געוואונקען צום ווייב זי זאָל זיין פאָרזיכטיג... ביי דער לעצטער איז דאָס פּנים געוואָרען ווייס ווי קאַלך און די נאָדעל איז איהר אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד. די מיידלעך זענען דערווייל צוגעקומען.

— פרוי, איהר דאַרפט נעהמען אַ וואַנע. קומט מיט אונז.

בילה-גיטל איז געבליבען פערשטיינערט, שטום. איבער'ן לייב האָט זי געפּיהלט איז איהר אַ קעלט אַדורך. זי האָט מיט איהרע גרויסע אָפענע אויגען שטאַר געקוקט אויף איהר מאַן און די אויגען האָבען ווי גערעדט:

— האָב רחמנות, ראַטעוועט אונז !...

פנחס-לייבעלע׳ס שטערן האָט זיך געקנייטשט און גערונצעלט. ער האָט אויף דער הייסער מינוט נישט געקאָנט צוקלערען עפּיס אַ פּאַסי- גען תּירוץ און דערפון אונגעהויער געליטען. ער האָט זיך אָבער גיך געחאַפּט און האַרט אַ זאָג געטהון צום ווייב:

— וואָס׳זשע? קאָנסט נישט זאָגען, אַז די צייהן טהוען דיר וועה? ס׳איז דאָך יודישע קינדער...

ער האָט זיך געווענדעט צו די מיידלעך מיט אַ נויג:

— נעכטען געהענדיג צוגעקיהלט זיך די צייהן... ס׳איז סכנות-נפשות.

און ווידער אויסגעדרעהט זיך צום ווייב, געשיקט אַרויסגעחאַפּט זיין רויטע קעשענע-פאַטשיילע, איינגעלעגט איהר און בילה-גיטל׳ען אונ- טערגעבונדען די צייהן...

זענען די מיידלעך אַוועק, שאָקלענדיג בעדויערענד מיט די קעפּ. אינגיכען איז אייגע צוריקגעקומען מיט אַנ׳אָנגעשריבען קוויטעל אין האַנד.

— איהר׳ט שוין געהן צום דאַנטיסט. ער נעהמט-אָן ביז איינס.

דאָס פּאָר׳ל האָט זיך נעביך מעהר ווי אַ האַלבע שעה געמוזט אַרומדרעהען אין גאַס אויפ׳ן פראָסט...

אַהיים געקומען האָט זיי אַ פרישׁ ענטוישונג ערוואַרט:

דער פעלדשער האָט זיי ביידע געזוכט פּאַקען צו שטעלען.

דער ערשטער איז געווען פנחס-לייבעלע, וואָס האָט די שטראָף מקבל-באהבה געווען. ער האָט אויפ׳ן אָרט ענטבלויזט אַ דאַרע מיט האָר בעוואַקסענע האַנד און איהר אויסגעשטרעקט צום פעלדשער אַזוי שטיל, ווי אַ טייבעלע דעם האַלז פאַר׳ן שוחט... נאָר פאַר „איהר״ האָט ער זיך איינגעשטעלט מיט כלערליי אויפטהועכצען:

— מ׳האָט איהר ערשט אַרויסגענומען לא-עליכם, דריי צייהן...

— די נערווען זענען ביי איהר שטאַרק אָבגעשוואַכט. געקומען פון שרעק...

— זי קאָן נישט זעהן קיין בלוט...

וואָלט ער זיך נישט געשעמט וואָלט ער פאַרגעלעגט דעם פעלד- שער זיין צווייטע האַנד.

דער פעלדשער האָט אכזריות׳דיג געלאַכט:

— זייט רוהיג. זי וועט נישט מפּיל-זיין...

פנחס-לייבעלע האָט דערשפּירט אַ שטאָך ווי מיט אַ שפּילקע. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן צו הערען עפּיס נאָך פונ׳ם פעלדשער און

דאָס האַרץ האָט איהם שטורמיש געקלאַפּט. בילה-גיטל, וועלכע איז געשטאַנען אָבגערוקט אָן אַ זייט אַ נייטראַלע און אונגעדולדיג אָבגעוואַרט דעם אויסגאַנג פון דער זאַך — האָט איבער זיך אַ כּח אָנגעטהון, אַוועק צו איהר שניק, אַ ווײַלע עפּיס געפּאָרעט זיך דאָרט און שוין ווידער געשטאַנען פאַר׳ן פעלדשער גרייט, איינגעהילט אינגאַנצען אין דער געקעסטעלטער שאַל. בלויז די נאַקעטע האַנד האָט זיך עפּיס ווי אַנ׳איבעריגע זאַך געבאָמבעלט אין דרויסען.

נאך איידער דער פעלדשער האָט געענדיגט זיין אַרבייט, האָט זי זיך שוין געריסען צו אַנטלויפען.

— מאָדנע מענשען! — האָט דער פעלדשער צו־להכעיס איהר נישט געוואָלט אָבלאָזען די האַנד.

— הערט אויף! דער „טורטשינער״ קאָן נאָך ווערען אײפערזיכטיג...— האָבען די ווייבער לאַכענדיג געדראָהט דעם פעלדשער.

דער פּלאַן פון „צייהן-וועהטאָג״, וואָס פּנחס-לייבעלע האָט אויסגעטראַכט דוקא אין געאייל, איז געווען רעכט געלונגען און געהאָלפען זיי אַ סך צו זייער געהיימניס. ערשטענס, האָט דאָס בערעכטיגט בילה-גיטל׳ס צולעגען זיך אַלע מאָל און איבערדעקענדיג זיך ווי גרויס זי איז געווען, צווייטענס, האָט פּנחס-לייבעלע שמיאַלע געקאָנט פּערטרעטען יעדער אַרבייט, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף איהר חלק.

אַזוי אַ שטייגער, אַז מען האָט אויפצומאָרגענס די „טורטשינערין״ מכבד געווען מיט קאַרטאָפעל-שיילען אויף מיטאָג — האָט פּנחס-לייבעלע אָהן שום צעגערונג אָנגעטהון דאָס שטיק לייוועגד פאַר זיך און מיט גרויס כּוונה געסקראָפּעט די קאַרטאָפעל, געחאַפּט יעדער אָבגעשיילטע קאַרטאָפעל צו די אויגען און איהר בעטראַכט ווי אַנ׳אתרוג אַ הדר...

דאָס-גלייכען האָט ער אין דריטען טאָג נאָכאַנאַנד בילה-גיטלען צווישען אַלע איבעריגע ווייבער, געקליבען קיילעכדיגע אַרבעס. ער האָט געקליבען די ווערימדיגע אַרבעס אַזוי פּערטהון, אַז די גאַנצע באָרד איז איהם געלעגען אין טעלער און געהאַלטען אין איין עצה׳ן זיך מיט די ווייבער.

— ווי מיינט׳ץ די גרינע מעג מען נוצען?

בילה-גיטל האָט נישט אויסגעטהון די רויטע פאַרטשיילע פון די אונטערגעבונדענע באַקען, מעהר געלעגען ווי אַרומגעגאַנגען און אונטערגעקרעכצט...

און די ווייבער האָבען בייז געמורמעלט:

— זעהסט, ווי דאָס מאַכט מיט זיך!...

אין „פריוט" איז אַ יום-טוב געווען.

אָווענד איז אָראָבגעקומען אַהין דער גרויסער פאָלקס-דיכטער י. ל. פּרץ און אונטער דער פעלערינע געבראַכט פאַר די פערטריבענע פאָלקס-יודען זיין נדבה, וואָס איז בעשטאַנען פון אַלע זיינע גאָלדענע און זילבערנע מתּנות, וואָס ער האָט בעקומען פון פערעהרער אונטער פערשיעדענע צייטען ביי פערשיעדענע אומשטענדען.

זיין האַרץ האָט געהאַלטען ביי צוריסען ווערען בעטראַכטענדיג דעם עלענד פון די מענשען און ער האָט מיט פערטרערטע אויגען געבעטען:

— נעהמט דאָס און מאַכט צו געלד, אפשר וועט מען מיט עפּיס קאָנען פערלייכטערן די שווערע לאַגע פון די אומגליקליכע.

נאָך זיין אַוועקגעהן האָט מען צונויפגערופען די היימלאָזע מענער, ווייבער און קינדער און זיי דאָס פּעקעל מתּנות געוויזען. דאָרט איז געווען: אַ גרויסער גאָלדענער טינטער, אין קינסטלערישען סטיל, צוויי גאָלדענע פעדערס, אַ גאָלדענע אַש-שיסעל, צוויי זילבערנע לאָרבער-קרענץ און אַ גאָלדענער זייגער. די היימלאָזע זענען געווען גערירט, די פּנים'ער האָבען זיי געפלאַמט און די אויגען האָבען געלויכטען, ווי אַלע אינ'ם „פריוט" אָנגעצונדענע לאָמפּען.

האָבען די יודען פון יעדלינסק, פּשיטיק און פּיאַסעטש-נע ווירקליך איבערגענומען דעם גרויסען כבוד, וואָס איז זיי אָבגעטהון געוואָרען, דעם קרבן, וואָס מ'האָט זיי געאָפּפערט. — נישט דער קאַל-טער שכל נאָר דאָס וואַרימע האַרץ האָט זיי אונטערגעזאָגט וועגען דעם שענעם ערהאַבענעם טהאַט; זיי האָבען דאָס טיעף געפיהלט און געווען איבערגליקליך, אויפגערוימט און בעגייסטערט.

געווען זענען דאָ כּמעט אַלע היימלאָזע, עס האָבען נור געפעהלט פּנחס-לייבעלע מיט דער פּלונית'טע; די ווייבער האָבען דאָס בעמערקט און אין זייער אָבוועזענהייט געהאַט אַ טייער געלעגענהייט אָבצולאַכען און אויסצורעדען וויפיעל ס'האָט זיך נור געלאָזט אויף זייער חשבון:

— דער „טורטשינער" מיט די „טורטשינערין" ליעבען זיך...

— מיר וועלען נאָך האָבען אַ שמחה דאָ...

דאָס גרינע ווייבעלע מיט דער רויטע פּאַרטשיילע פּיעשטשעט זיך דאָרט...

אַ מיידעל האָט נאָך געמאַכט, ווי אַזוי דער „טורטשינער" האָט געשיילט קאַרטאָפעל און אַלע האָבען זיך געקניפּט און געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

— און מיר קומט פאַר — האָט אַ בעיאָהרטע יודענע אַריינגעוואָר-פען אַ וואָרט — אַז דאָס „פאָר פלעק" טראָגט זיך אַרום מיט עפּיס אַ סוד... טעג און נעכט רק מען שושקעט זיך: שאַ — שאַ — שאַ, און שאַ — שאַ — שאַ...

— זיי מוזען האָבען אַ גראָבע אַפּותיקי...

— דער „טורטשינער" מוז זיך אויסבעהאַלטען פון זעלנעריי...

— און אפשר איז זי גאָר נישט זיין ווייב?...

צו יענער צייט איז פּנחס-לייבעלע באמת טאַקי געשטאַנען ביי זיין ווייב'ס געלעגער שטאַרק פערטראָגען און צובראָכען. די שעה, וועל-כע ביידע האָבען פון איהר געדענקט מיט גרויס פּחד, האָט זיך אָנגע-רוקט און דערנעהנטערט.

נאָך אין דער פריה האָט בילה-גיטל איהם דערצעהלט מיט אַנגסט וועגען דעם, וואָס די פיס זענען ביי איהר אַזוי געשוואָלען געוואָרען, אַז די שיך האָבען באין-אופן שוין נישט געקאָנט אַרויף. דאָס איז פאַר איהר געוועזען דער בעסטער סימן, אַז עס האַלט שוין גאָר ביים עק... איצט האָט איהר פון פאַרנאַכט אָן אָנגעכאַפּט וועהען אפילו קורצע אָבער שטאַרקע.

— פּנחס-לייבעלע, הלואי כ'זאָל ליגען זאָגען, מיר דאַכט זיך, אַז נאָך היינט ביי נאַכט...

זי האָט אויף איהם מיט פלייס אַרויפגעוואָרפען אַ מרה-שחורה, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָבנעהמען פאַר די יסורים, וואָס זענען ביי איהר געוואָרען אַלע מאָל גרעסער און גרעסער.

— אוי וועה!

— און וואָס טהוט מען דאָ? וואָס טהוט מען? — האָט זיך פּנחס-לייבעלע געהאַלטען פאַר'ן קאָפּ—נאַר איין אין הימעל זאָל זיך מרחם זיין.

— שאַ-אַ-אַ. די וועגד האָבען אויערן...

זי האָט איהם געלעגט די האַנד אויפ'ן מויל און שווער געקרעכצט.

פּנחס-לייבעלע האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט שולדיג אַקעגען זיין בילה-גיטל'ען... און מיט'ן גאַנצען ווילען געזוכט עפּיס אַ מיטעל, ווי איהר צופערגרינגערן אַ ביסעל, אָבער צו זיין גרעסטער ערגערנעש נישט געפו-נען. אי וואָלט ער דאָס קאָנען פאַר איהר טהון פונקט ווי קאַרטאָפעל-שיילען און אַרבעס-קלויבען.

אַזוי לאַנג האָט ער זיך דעם קאָפּ געבראָכען ביז ער איז אויף אַ פּלאַן געפאַלען.

שפעטער, אין דערוועלבער נאַכט, אַז מען האָט פאַר'ן שלאָף

געמאַכט אַ קאָנטראַל, צי עס פעהלט נישט וועלכער-עס-איז היימלאָזער — האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער „טורטשינער" איז נישטאָ. ער איז נעלם געוואָרען.

אַז מען האָט געפרעגט ביי די „פערשלאָפענע" „טורטשינערין", צי זי ווייסט נישט וואו איהר מאַן איז, איז זי געבליבען איבערראַשט, פערבראָכען די הענד און הויך געזיפצט:

— אוי וועה!

אַ געניט אויג האָט אָבער געקאָנט בעמערקען, אַז זי איז נישט אַזוי שטאַרק נתפעל געוואָרען פון דעם מאַנס פליטה... און, אַז זי דאַנקט דעם צופאַל, וואָס זי קאָן געבען אַנ׳אויסברוך צו איהרע קרעכצען, וועלכע זי האָט געמוזט שטיקען אין זיך.

אין „פריוט" האָט זיך פערשפרייט אַ קול, אַז דער שוואַרצער „טורטשינער" איז אַנטלאָפען פון ווייב, דעם קלאַנג האָט בעשטעטיגט די „טורטשינערין" מיט איהר גרויס פערצווייפלונג, אויקען און קרעכצען, וואָס זי האָט אגב נישט אויפגעהערט אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג האָבען די ווייבער פון געלעגערס אַריבערגערעדט איינע צו דער אַנדערער מיט שטאַרק בעדויערונג און מיטלייד צו דער לע-בעדיגער עגונה... זיי האָבען זיך אַלע פון דעם געשעהעניש געפיהלט בעליידיגט, עס איז זיי געגאַנגען אין כבוד פון דער פרוי:

אָט וואָס עס קומט אַרויס פון צופיעל ליובעניש.

—נו, איז צו גלויבען אַ מאַנסביל?

—הערסט ווי זי קרעכצט נעביך?

—און ווער האָט זיך געזאָלט רעכטען אויף אַזאַ שטיל קעצעלע?

—פינסטער וואָלט איהם געווען ווען ער פאַלט אַריין אין מיינע הענד, כ׳וואָלט איהם די גאַנצע „בראָדזשע" אויסגעריסען...—און אַ גע-ביילטע פויסט האָט זיך אויסגעשטרעקט אינ׳ם שוואַך בעלויכטענעם חלל.

צו בילה-גיטל׳ס אויערן האָבען אָבער נישט דערגרייכט די אַלע איהרע אַרויסגעזאָגטע מיטגעפיהלען. זי האָט זיך אַצינד קאָנוואולסיוו געראַנגעלט אין איהר גרויסען וועהטאָג, געוואָרפען זיך אין קעלט און אין היץ און געבאָדען זיך אין טייכען שוייס; זי האָט געקריצט מיט די צייהן, פערביסען די ליפען ביז בלוט. עס זענען געווען די שרעק-ליכסטע לעצטע מינוטען פון ענטבינדונג; אַ לעבעדיג נפש האָט בעל-כרחו זיך געשפאַרט אַרויסצוגעהן פון די פינסטערע קאַמערן אין דער מאַמעס לייב און פאַלען אויף דער ליכטיגער וועלט...

אָבער די עהרליכע יודישע טאָכטער האָט אויך אַצינד נאָך גע-

וואָלט פּערדעקען דעם סוד...

— א — א — אוי — י! אוי!

און מאָמענטאַל איז אַריינגעטרעטען אַ שטילקייט. די קינפּעטאָרען איז געלעגען אין חלשות...

— — — — — — — — —

— מיאַ! מיאַו!

— האַ, ווער פּישטשעט עס?

— וואו איז דאָס?

און אַז דאָס קולכ׳ל איז געוואָרען שטאַרקער און העכער:

— מיאַ! מיאַאו-ו-ו...

זענען עטליכע ווייבער אַראָב פון די געלעגערס, געגאַנגען נאָכ׳ן קול, געטראָפען צו דער „טורטשינערין" און געפונען נעבען איהר אַ ניי-געבוירען יונגעלע...

ענדליך. ענטדעקט דער סוד...

אויפ׳ן דריטען טאָג איז פנחס-לייבעלע צוריקגעקומען אין „פּריוט".

אַלע ווי איינער האָבען זיך מיט איהם געפרעהט, געווינשעוועט מזל-טוב און שטאַרק זיך געגרייט צום ברית...

פּרנסות.

I.

האָלץ.

האָלץ.

ס׳איז אַנ׳ערשט־קלאַסיג, רעיעל און זיכער צייט־אַרטיקעל אויפֿין האַנדעלס־מאַרק. פאַרהאַן דערביי דער פּרימיטיוועסטער שלום־עליכמ׳שער שכל: ברענגט מען נישט קיין האָלץ — איז נישטאָ קיין האָלץ, און אַז ס׳איז נישטאָ קיין האָלץ — איז טייער האָלץ.

האָלץ ברענט.

און דעריבער: הימעל און ערד, און — האָלץ.

געהסט אין גאַס אַ זאַטער פון לעבען: מיעד דער קאָפּ, שווער די פיס, די אויגען מאַט. אַלץ איז אַזוי מיאוס, גרוי און אַלט; אַ הבל־הבלימ׳דיגע וועלט מיט פּרעכטיגע עראינערונגען... שוואַרץ איז דער הימעל, אונענדליך־שוואַרץ. עמיץ האָט דעם לבנה־לאָמפּ פערדרעהט און די שטערן־לייכטער פערלאָשען; אַ קליין געדיכט רעגענדעל זיפּט און טריפּט, פּאַטשט שטעכענדיג אין פּנים און רוישט אין די אויערן — און דאָ כסדר פון אַלע שוי־פענסטער אין די גרויסע באַקאַליי־מאַגאַזינען, פון די געוועזענע ראָגאָווע טערקישע בעקערייען, ביער־האַליעס און רעסטאָראַנען — פון אומעטום בלענדען און קוקען אַרויס גלייך דיר אין די אויגען, ווי אַ חוזק, אַ שייטעל סאָסנאָווע געאָרעמט מיט אַ שטיק גראַ־בינע — האָלץ, און עס דאַכט זיך דיר, ווי זיי לאַכען אַזוי פערשייט:

— חי-חי... אונזער היינט! — די הילצערנע צייט!...

און נעהמסטו אַ מאָרגען-צייטונג אין האַנד, מיינסט אָ גרוס אָב-צונעהמען פון די מיט-בלוט דורגעזאַפּטע פעלדער און פעררויכערטע שטעדט און דערפער, איבערצעהלען געני די געעקטע און גע'מזיק'טע יונגע לעבענס דאָרט — ווינקען צו דיר ווי אַנ'אויסגעשטרעקטע צונג די בי-ליגע „אָריגינעלע" מודעות מיט די פערשיעדען געקינצעלטע איבער-שריפטען וועגען האָלץ:

— „האָלץ! — האָלץ איבער אַלעם!"

— „האָלץ — אָנשטאָט ברילליאַנטען!"

— „כי האָדם עץ!"...

כ'מיין טאַקע האָלץ!

ספּעציעלע און נישט ספּעציעלע סוחרים און סוחרים'לעך דרעהען אַ וועלט און שפּעקולירען מיט האָלץ; געשוואוירענע מעקלערס, שטעקעל-לייט און סתם לופט-פאַרשווינדלעך פּאָרען זיך און שוויצען אַרום האָלץ און לעדיגע מוחות, שלימ-מזל'דיגע נפשות און פערחלומ'טע נשמות פאַנטאַזירען וועגען האָלץ...

אַ פּרנסה!

צוויי יודען פון דער לעצטער קאַטעגאָריע האָבען זיך נאָך אַ לאַנג חלומ'ען מיט לייב און לעבען אָנגעהאַפּט אָן האָלץ אָבער מיט אַזאַ פייער און פלאַקער, אַז זיי האָבען אויסגעברענט דערביי דעם גאַנצען ברען שטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין זייערע נשמות אין פער-לויף פון יאָהרען. נאָר ווייל זיי זענעןביידע נישט געווען קיין גע-שולטע סוחרים האָבען זיי נעביך ביידע געהאַט גאָר אַ געהויבענעם דורכפאַל.

און דאָס זענען זייערע נעמען:

מענדעל גאַרבאַווסקי אַ געוועזענער פּאָעט פון הומאָריסטישע ליעד-לעך, אַ פערדאגה'טע זויערע בריאה, וואָס האָט שוין זיין אייגענס גע-האַט קאַרגע הונדערט... געשוואוירענע לעזער, און שמערל רייסזוילען, אַ העברעאישער לעהרער, אַ מחבר פון אַ דקדוק-ספר — אין כתב יד דער-ווייל — מיט אַ געוואַלדיגען אויפטו וועגען דעם קמץ גדול, וואָס דאַרף מאַכען אַ געוואַלדיגען רעש ביי די בעלי-מדקדקים.

דער ערשטער האָט אַ שטאַרקע שייכות צו האָלץ: ערשטענס, איז דאָך זיין בראַנזשע „וואַלד"... ער בעזיצט אויך אַ „הילצערנע" — שפּראַך

און זעצט יוערטער ווי „קלעצער"; דער צווייטער -- קנעלט ער דאָך כל ימיו מיט יונגען ווי די „העלצער"...

גאַרבאָווסקי האָט פריהער געוואָלט „אַרויפאַרבייטען" זיך און פּטור ווערען מיט איין מאָל פון דער גראָשעדיגער פּרנסה.—האָט ער די פּע-דער אויף אַ האַק פערטרישט. אין זיין פּאַר אַיאָהריגער מידלע־פּאַלטאָ און אינ'ם פליושענעם צובויגענעם הוט, פון הינטער וועלכען עס שטאַר-צען אַפּויר די לאַנגע נישט צוקאַמטע בלאָנדע לאָקען — שטעהט ער דער פּאָעט, האַקט, זעגט און סאָרטירט דאָס האָלץ אַלץ לויט'ן ריטם, אונ-טערברומענדיג עפּיס אַ ניגוב'דל און צוקלאַפּענדיג מיט איין פוס, און דערנאָך איז דער אַפּעטיט געקומען מיט'ן עסען. ביי אונזער פּאָעט האָט זיך די „מוזע" צושפּיעלט: איהם האָט זיך מיט אַמאָל פערוואָלט איידער ליעדלען, ליעבערשט געלד „מאַכען"... נו האָט ער אָנגעהויבען לויט זיין אַלטער געוועהנהייט אויך אויפ'ן האָלץ — גיסען וואַסער...

— ס'איז אַ סגולה — האָט ער געהערט — צו דער וואָג...

האָבען מענשען געקויפט מיט וואַסער. די וועלט פערמאָגט בכלל ווייניג מבינים. בפרט, ווען דער „סוחר" האָט פערזיכערט, אַז דאָס איז עס נור פון אויבען נאַס געוואָרען איבער די יעצטיגע רעגענס...

וואָלט שוין אַלץ געווען גוט. האָט דער טייוועל אָנגעשיקט דעם סטרוזש. אַזאַ כפּרה. אַנ'אידיאָט אַ גוי! ביים „כשר'ן" דאָס האָלץ גע-פּאַקט איהם, ביים סאַמע איינווייקען... און חאַטש גיב איהם אַ קרענק וויל ער נישט... דער סוף? — גאַרבאָווסקי האָט נאָכ'ן אָבהאַקען פון האָלץ עסק, געבליבען אַ בעל-חוב איבער'ן קאָפּ.

אַרבייט ער יעצט אַ פּאָעמאַ אויף דער דאָזיגער טעמאַ — גאָלד מיט זילבער!...

רייסווילען אָבער האָט באַלד לכתחילה געוואָלט חאַפּען דאָס גליק פּאַר די הערנער. ווען טאַקע וועט דען נאָך זיין אַזאַ „גליקליכע" צייט?...

אַלס ערנסטער מענש האָט ער זיך פּאַר דעם האַנדעל גענומען גאָר פּראַקטיש: איהר פעטער, אַנ'אונטערנעהמער ביים מיליטער, האָט איהם געלד אויף אַ פערדעל געליהען, האָט ער גענומען האָלץ פיהרען פון וואַלד און אויפ'ן פוד פערקויפט.

ס'איז געווען נישט צופערזינדיגען. הלואי ווייטער.

:ווייטער איז עס אָבער נישט געגאַנגען. בשעת ער איז שוין טאַקע געהאַט „פערפאָהרען" אין די הונדערטער אַריין, האָט זיך צו־להכעיס געמאַכט אַ סיבה מיט'ן פערדעל: געוואָלט האָט ער וואָס מעהר אַכטונג געבען אויפ'ן פערדעל, (דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט גע־שעצט אַ פערד מיט'ן גאַנצען האַרץ). עס זאָל גענוג שטאַרק זיין און קאָנען פיהרען אַ סך, אַ סך האָלץ, האָט ער עס, דעם שבת'דיגען טאָג, ווען עס האָט גערוהט, געקאָרמעט פון אַלעם גוטען, ביז — אוי ווער! — דעם פערדעל האָט, נעביך, דער קוגעל פערשאַדט, אָדער אפשר האָט עס זיך איבער געגעסען. אויף צו־מאָרגענס האָט ער שוין געהאַט אַ פעלכעל צו פערקויפען...

יעצט טהוט ווידער רייסזוילען „האָלץ האַקען" אין די—חדרים...

II.

מעהל.

יונה פאה, דער מיט די רויטע בעקעלעך און מיט'ן אויסגעשיטען בערדעל בלויז אויף דער גאָמבע, אַ יונגערמאַנטשיקעל, אַ קעסט-איידימ'ל, פון די, וואָס דער רעש האָט אויפגעטרייסעלט, אויפגעוועקט און איבער-געקעהרט — האָט פערלאָזט די „תורה" און פאַר'ן פרישען נדן איינגע-האַנדעלט זיך „קמח".

מעהל איז בודאי אַ גאַנגבאַר אַרטיקעל, בפרט ביי היינטיגען טאָג. איז אָבער די צרה, וואָס יונה האָט אייגענטליך זיין פערמעג אויסגע-ביטען אויף ווינד — קלאָרער: אויף אַ „פראַכט" פון מעהל.

געשעהען איז עס אַזוי: ס'איז אַראָבגעקומען און זיך פערפאָהרען גלייך אויף דער „בערזע", אַ רוסיש יודעל אינ'ם קורצען פעלץ, מיט'ן פוטערנעם קאָלפאַק, מיט די לאַפּען איבער די אויערן און אין די לאַנ-גע שטיוועל מיט די טיעפע קאַלאָשען, געבראַכט אין „בושמאַק" אַ פאַר-טיגען פראַכט אויף אַ וואַגאָן מעהל, וואָס ער האָט געלאָדען פראַנקאָ „וואַרשאַוואַ" און וויל איהם דאָ אָבשטעקען.

האָבען איהם באַלד אַרומגערינגעלט ווי די ביהנען, אַ כאָפּטע בער-זע-לייט, מעקלערס און סתם „צו-טשעפּעניש"ען", מ'האָט איהם פערשלעפּט אין אַ טהיי־הויז און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ דינגעניש, „צעהנערלעך" אַרויף, „צעהנערלעך" אַראָב — אַ סוף, ווער גיט מעהר?

איז דאָס יודעל געזעסען געהילט אין דעם געקייטעלטען פּאַרע-נעבעל פון די אָנגעגאָסענע קאָכעדיגע טהיי מיט אַ פערגליווערטען שמיי-כעל אויף די ליפּען, געווישט דעם שוויס פון שטערן מיט׳ן גרויסען טאַשען-טוך, געפינטעלט מיט די אויגען און געהאַפּט זיך יעדער ווײלע פאַר׳ן בוזים... ער האָט זיך מיט דער דעה געראַנגעלט: צי זאָל ער צוקלאַפּען? אַזוי לאַנג האָט מען געשלאָגען אין געלד אַריין ביז איינער, אַ געוועזענער ביער-שענקער האָט בעקומען די אויבער האַנד, איינגע-קלאַפּט, אָבגעצאָהלט דאָס בעדונגענעגעלד, אָבגעגעבען די מעקלערס דאָס זייעריגע, אָבגעשטעקט די צו־טשעפּענישען עפּיס מן הצד און—זכה לו, קנה לו... פון היינט אָן און ווייטער איז דער פּראַכט זיין אייגענטום.

שוין לאַנג ווי דאָס רוסישע יודעל איז אין דער היים מיט דער מטבע פאַר׳ן מעהל. ער גרייט זיך שוין אויף אַ צווייטע נסיעה, און דער פּראַכט-קונה טראָגט זיך אַרום מיט דער איינגעהאַנדעלטער מציאה, שפּרינגט אַלע טאָג אויף דער באַהן, נישטערט, שנאַפּט, טאַפּט.—וואו איז דאָס מעהל? קיין זכר דערפון.—פערפאַלען געוואָרען דער וואַגאָן, שטע-קען געבליבען ערגיץ אויף אַ זייטיגער באַהן-סטאַציע און—ואיננו.

— אָנגע׳שכור׳ט זיך מסתמא וואו. — שאָקעלט דער ביער-שענקער מיט׳ן קאָפּ.

געהט אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי. דעם שענקער איז שוין לאַנגווײליג צו האַרכען, ער וויל זיך שוין זעהען מיט אַ מזומנ׳ע קאָ-פּיקע. איז ער זיך מישב און, אַמאָל אויף דער „בערזע" לעגט ער גאַנץ היימליך און ברייטלעך פאָר:

— יודען, ווער קויפט-אָב דעם פּראַכט?

און ווידער דאָס זעלבע. די זעלבע סוחרים, און „צו-טשעפּעני-שען". פאַרהאַן גענוג בעלנים אויף אַ „פּערדיענסטעל"; און ווידער אַנ׳„אָבריימעניש", אַ „דערלעגעניש". און עס האָט זיך געפונען אַנ׳איי-זענקרעמער, וואָס האַלט, אַז מסחר איז אַ „קאָרט", מען מוז איינשטעלען און, אַז מען שטעלט-איין נעהמט מען טאַקע אויס... און נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעצאָהלט, אָבגעגעבען און אָבגעשטעקט יעדען זיין חלק — איז דער פּראַכט אויסגעלייזט געוואָרען פון דער מיט שטאַרקע ריחות אָנגעזאַפּטער ביער-שענקערס קעשענע און איבערגעגאַנגען אין דער פער-זשאַווערטער קעשענע פון אייזענקרעמער.

דער וואַגאָן לאָזט אָבער אַלץ פון זיך נישט הערען. פערפאַלען ווי אין וואַסער אַריין.

— ווי מיט טשוועקעס צו געקלאַפּט. — שמייכעלט ביטער דער

אייזענקרעמער און האָט חרטה אויפ׳ן עסק. רוימט ער איין די מעקלערס אויפ׳ן אויער:

— יודען, שאַפט מיר אַ בעלן אויפ׳ן אַנטיק. כ׳וועל גוט בעפרידיגען.

האָט אויפסנייַ די גאַנצע „בערזע״-כאַפּטע אַ ציטער געטהון. מען האָט זיך גענומען פאַר דעם ענין געשמאַק. אונטערגעגעבען חשק און היץ, ביז עס האָט זיך אָבגעזוכט אַ בעלן, דאָ אַ סוחר — יונה פאה.

ער האָט בעצאָהלט דוקא גאַנץ עהרליך און שען, די אַלע אויפגעוואַקסענע פּערדיענטע געלדער אויפ׳ן פּראַכט, נישט פערגעסען אויך די אַלע זייט׳גע צו בעפרידיגען אויפ׳ן פיינעם שטייגער. און יונה איז מיט מזל און ברכה געוואָרען מיט אַלע רעכט בעל-הבית איבער דעם דאָזיגען פּראַכט פון יענעם וואַגאָן רוסישע מעהל, וואָס איז אין די גרויסע רעגענס געפרוירען געוואָרען ערגיץ און נישט פון דעם אָרט צו ריהרען.

אַז מען האָט אין דער היים דערוואוסט זיך פון דער מעשה, האָט מען איהם געוואָלט אַ לעבעדיגען אויפעסען.

דער שווער האָט אויף איהם געקוקט מיט ביטול און הויך געלאַכט:

— אַ מעהל-סוחר אונזער יונה!

דאָס יונגע ווייבעל האָט געסמאַרעט מיט׳ן קליינעם נעזעל און פערקרימט די רויט-געטאָקטע ליפּלעך:

— איינגעהאַנדעלט פוילע פיש...

און די שוויגער מיט׳ן ברייטען פאַרטוך האָט געפּאַטשט מיט ביידע פליישיגע הענד:

— אַ בער האָט קיין עק נישט און יונה׳לע קיין מעהל...

ביי יונה׳ן אַליין האָט אויך אַנ׳אַפּיקורסישער געדאַנק געפּיקט דעם מוח, וואָס האָט גאָר געלייקענט אין מציאת המעהל... ער איז אַריינגעקומען אין ספק. אייגענטליך, האָט ער אפשר טאַקע געקויפט אַ דבר שלא בא לעולם... איז ער הענדום-פּענדום געלאָפען אויף דער „בערזע״:

— יודען! — ראַטעוועט!

אָבער ביים בעסטען ווילען פון די מעקלערס איז נישט געווען וואָס צו מאַכען. אַ שם געהאַט שוין דער פּראַכט. אָהן איין קונה, און יונה פאה האָט ווייטער געמוזט פּיאַסטעווען דעם פּראַכט.

און דער וואַגאָן מעהל דוכנ׳ט.

אַ פערשוויצטער פליהט אַרום יונה צו סוחרים, איז זיך שואל בעצה: — וואָס טהוט מען?

עצה׳נען איהם פּראַקטישע סוחרים: — מאַכען אַ „זעהונג״. אַראָב-

פאָהרען הייסט עס, וואו דער וואַגאָן איז שטעהן געבליבען, כדי איהם העלפען אונטערשטופען...

יונה איז אָבער נישט דער בר הכּי — דינגט ער אַ מענש. באָד מען שוין אַזוי פיעל...

אין אַ וואָך אַרום איז פונ'ם מענש אַ בריעף אָנגעקומען:

— געפּאַקט דער אוצר. אין טעוועלי שטעהט דער וואַגאָן מעהל. למען-השם טעלעגראַפיש נאָך צוויי טויזענדער... ער בעשטעלט דאָ ספּע-ציעל אַ מענש.

שטילערהייט האָט יונה די חתן-מתנה, דעם גאָלדענעם זייגער, פערקויפט און געלד געשיקט. בלייבען שטעהן אין דער מיט טאָר מען נישט.

איז אַוועק אַ צייט און יענער מענש, וואָס דער מענש האָט בע-שטעלט און אויף איהם מעיד געווען, אַז מ'קאָן זיך אויף איהם פערלאָ-זען — האָט אָנגעהויבען רעגענען מיט בריעף און דעפּעשען אַלע מיט איין קול: — נאָך געלד. חאָטש אַ דריי טויזענד. ובאם לאָו איז חלילה דאָס גאַנצע געלד פערפאַלען, מחמת דער „נאַטשאַלניק סטאַציע” וועט דאָס מעהל צוריקשיקען פון וואַנען ס'איז געקומען...

מיט גוטען און מיט בייזען האָט יונה אויסגעפועל'ט ביי זיין ווייבעל זי זאָל די בריליאַנטענע קעפּלעך פערזעצען און ער אַליין איז אַראָבגעפאָהרען מיט'ן געלד אויף דער סטאַציע טעוועלי.

און אַלץ איז געווען ווי מען האָט אָבגערעדט. פּונקט נאָך די צוויי וואָכען, אַמאָל אין אַ שבת-טאָג און — אין אַ מזל'דיגער שעה, דאָס מעהל איז דאָ.

היינט איז דאָך שבת און מאָרגען איז די קאַסע געשלאָסען. בינו לבינו געשעהט אַנ'אונגליק: דאָס מעהל איז דורך דער מאַכט רעקוויזירט געוואָרען.

דאָ האָט זיך ערשט דער שווער געגעבען ערנסט אַ בויג-צו. צו-געשטאַנען פּאַר אַ שותף אויף 50 פּראָצענט און צוזאַמען געלאָפען, גע-האַוועט און געטשמייעט, אָבגעקלאַפּט די טהירען, וואו מען דאַרף, נישט גע-שאַלעוועט, ביז עס האָט זיך איינגעגעבען. נאָך די זעלבע וואָך איז דאָס מעהל מיט אַ שמחה רבה אָבגעפיהרט געוואָרען אין שטאָדט אַריין.

אָבער אַז מען הייסט נישט פון אַרבען...

דאָס מעהל איז איבער דער צייט פערדומפען געוואָרען!...

III.

נאַפט.

ווי אַזוי אַ יוד האָט זיך „אָבגעבריהט“ ביי נאַפט.

(דערצעהלט פון געטראָפענעם אליין).

נאָט אייך אַ געבראָטענע ציבעלע פאַר אַלע היינטיגע גליקען, פון די יחידים, וואָס האָבען זוכה געווען צו אַ פערדיענסטעל, ליאַרעמט מען, מען רעש'ט און מען קלינגט אויף די גלעקער, און פון די צעהנדליגער, וואָס פאַלען דורך, ווערען גע'ניזוק'ט ברעכענדיג רוק-און-לענד, מאַכט מען אַ שוויג.

ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך געהאַט אַנ'אָרט ווי אַזוי-אַרום צו חאַפּען אַ קאָפּיקע, און דוקא אַ שענע קאָפּיקע, און פונדעסטוועגען איז פון מיר געוואָרען אַש-און-רויך. איהר מעגט הערען אַ טשיקאַווע מעשה:

איהר ווייסט דאָך ווי נאַפט איז איצט אין וואַרשא אַ חשוב'ע משקה. שרייבט מיר אַריין מיין ווייב'ס אַ קרוב אַנ'„אָטקריטקע“ בזה הלשון:

„אהובי ידידי, חאַפּ אַ וועגעלע נאַפט און קום צו לויפען, מחמת נאַפט „ברענט ביי אונז היינט“.

מסתמא מאַך איך נישט קיין שהיות, יאָג און לויף, טהו און דרעה, שמיר און שטופּ, און בלויז דריי וואָכען איז אַוועק, הנני! איך בין דאָ!

— אַך, ווי געטראָפען! — דערפרעהט זיך מיט מיר מיין ווייב'ס קרוב — שוין אויף דער „בערזע“! דו ועסט, ברודער, אַ היימפיהרען פון

דאַנען אַ גאַנצע יאַרמולקע מיט געלד; נאַפּט שטייגט מינוטענווייז, עס וואַקסט פּראָסט קוקענדיג.

מיך האָט אַזאַ בשורה, פערשטעהט זיך, אונטערגעטראָגען, און צוזאַמען מיט מיין ווייב'ס קרוב, האָב איך זיך אַנ'אויפגעלעגטער אַוועק-געלאָזט אויף דער בערזע, ערגיץ אין אַ קאַוויאַרנע. וואו אין דער לופט איז געהאַנגען אַ געדיכטער נעבעל פון פּאַפּיראָסען-רויך נור דערשטיקט צו ווערען, און אַ געפּילדער, אַ גערויש, טויב צו ווערען. בעשטעלט טהיי און חאַפּ אַ שמועס, מכח דעם נאַפט.

— חאַ, חאַ, חאַ! — לאַכען זיך פונאַנדער די בערזע-לייט אויפ'ן קול. — געבערענגט קיין מצרים כשוף. איהר, פעטער'ל, האָט פערשפּעטיגט בלויז מיט איינציגע זעקס וואָכען. די גאַנצע שטאָדט איז יעצט פול מיט נאַפט, און טאַקי דערפאַר איז עס גוט בעגראָבען, חאָטש נעהם און גיסט עס אויס.

דערהערט אַזעלכע דבורים, נעהמט מיך דורך אַ פּראָסט איבער די ביינער, אויפ'ן שטערן זעצט מיר אַרויס אַ קאַלטער שווייס, און ביים האַרץ פיהל איך ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּיס אָבגעריסען, איך בין שיער נישט אַראָבגעפאַלען פון שטוהל. גערעדט האָב איך אָבער גאָר נישט, נאָר געקוקט אויף מיין ווייב'ס קרוב, מיין ווייב'ס קרוב אויף מיר און ביידע האָבען מיר געשוויגען.

— פונדעסטוועגען — רופט זיך אָב מיין ווייב'ס קרוב — קאָן מען דאָך הערען אַ פּרייז?

— ניין, נישטאָ פון וואָס צו ריידען — ענטפערן די חברה גאַנץ קאַלטבלוטיג. — אַנ'עבירה די רייד.

— פּאַסקודנע. — זיפצט אָב מיין ווייב'ס קרוב.

— ביטער! — שטאַמעל איך קוים אַרויס און האַלט-איין דאָס גע-וויין, וואָס שטיקט מיך אין האַלז.

מיין ווייב'ס קרוב האָט, אַ פּנים, פערשטאַנען, וואָס ביי מיר אין האַרץ קומט פאָר, וואָרום ער האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך גאַנץ ערנסט: געסוד'עט זיך מיט אַלע מעקלערס, צוגעזאָגט זיי אַ מטבע, זיי זאָלען זעהן מיין נאַפט צו פערהאַנדלען, טעלעפאָנירט צו בעקאַנטע קאָמיסיאָנערען און אַליין איז ער אַוועק אין גאַס אַריין זעהן זיך מיט סוחרים.

אַ נאַכט האָב איך צוגעבערענגט, קאָנט איהר אייך פאָרשטעלען. איך האָב זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און נישט גע-קאָנט קיין אויג צוטהון. און ווי ס'איז נור טאָג געוואָרען, בין איך

שוין אויף די פיס געשטאַנען און שוין אויף דער בערזע געווען.

די סוחרים זענען אויף דער באַהן. לויף איך אויף דער באַהן, כ'שפרינג אַרום פון די סקלאַדעס אויף דער ראַמפּע און ווידער צוריק. כ'האָב זיי געפּאַקט. — אַה... בעגעגענען מיך די חברה גאַנץ פריינדליך — הנה בעל החלומות, אָט איז אַ יוד, אַ נאַפט סוחר. נו וואָס, האָט איהר טאַקע, הייסט דאָס, אַ וואַגאָן נאַפט, און ווילט איהם פערקויפען אויך?

— נאָך אַ מין — ענטפער איך אויף מ'כלומר'שט מיט אַ שמייכעל. און אין האַרץ טראַכט איך מיר: טאַטע, דו לאַכסט...

— אַ יוד אַ נאַר, האָט נאַפט און פערקויפט! פאַרוואָס זאָלט איהר דאָס נישט בעהאַלטען פאַר אייער געזונד וועגען?...

אַזוי לאַכען פון מיר די חברה-סוחרים, און צופלאַקערען אין מיר אַזאַ כעס, אַז כ'וואָלט איינם ביי איינס צוריסען אויף שטיקער ווי הע-רינג: למאַי זאָלט איהר שפּילען אויף יענעמס נערוועןּ? למאַי זאָלט איהר אייך באָדען אין יענעמ'ס בלוט? איך האַלט זיך אָבער איין און פרעג גאַנץ געלאַסען:

— איהר האַלט ביי קויפען, וואָס?

— חלילה וחס! — שאָקלען זיי זיך אָב.

זעה איך שוין, אַז איך בין אין פּעקעל, ככתוב... וואָס טהוט מען? און וואָס הויבט מען אָן צו טהון?

ביינאַכט האָבען זיך אַפילו יאָ געיאָוועט צוויי סוחרים דורכ'ן טעלעפאָן, האָט איינער פאַרגעלעגט מיט פופציג קאָפּ. אונטער'ן פּרייז לויט ווי מיך אַליין האָט געקאָסט דער פּוד, און איינער — מיט גאַנצע פינף און זעכציג קאָפּ.

מיין ווייב'ס קרוב האַלט מיך אַפילו אין איין טרייסטען, איך זאָל ביי זיך נישט פאַלען, ס'איז פאַרט אַ זיכער אַרטיקעל, און אַז דאָ שטעקט עפּיס אַ שפּיצעל, וואָס ער קאָן נאָך לעת-עתה נישט דערגעהן, נאָר דער-געהן וועט ער און מוז; און מיין ווייב'ס קרוב'ס ווייב שרייט געוואַלד, אַז אין געוועלבעל ווערט נאַפט טייערער אַלע טאָג, מיך נעהמט עס אָבער ווי אַ טויטען פּולווער, וואָרום וואָס איז די פעולה פון די רייד, אַז די בערזע זאָגט נישט, אַז אויף דער בערזע ליגט נאַפט ניין קלאַפּ-טער ארצה.

דערווייל געהען אַוועק טעג און נעכט, איך זיץ-אָב אין געהאַקטע וואונדען אויף דער בערזע, כ'טרינק-אויס אפשר הונדערט גלעזער טהיי, רויכער-אויס פופציג פּעקלעך פּאַפּיראָסען אַ טאָג און רייד זיך אָן, ווי אַ פּויק, מיט יעדען מעקלער בעזונדער, מיט יעדען שלאַק און „צושי-

קעניש״ — ס׳איז אָבער אַלץ אַרויסגעוואָרפען. מיינע קונים זענען אַנט־שלאָפען געוואָרען ביים דוכנ׳ען... ברענגט מען מיר אַמאָל אַ קונה, איז וואָס אַ קונה מעהר — אַלץ דער פרייז אַ קנאַפּערער...

שטעהט זיך מיין וואַגאָן ברוך-השם אין געבראָקטע צרות, און איך צאָהל „חדר-געלד״, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, עהרליך, ווי אַ טאַטע.

און הלואַי וואָלט מען איהם געלאָזט איינשטעהן. מיט מיין וואַ־גאָן קאָכט אַ וועלט. ער האָט בעקומען אַ נאָמען אין גאַס. מיט אַמאָל האָט מען אָנגעהויבען ריידען פון איהם און נישט אַנדערש חי: דער „רויטער וואַגאָן נאַפּט״ אָדער דער „בלויער״. אַנדערע רופען איהם דער „וואַסערדיגער״, דער „בלאָטיגער״ און אַז. וו.

ווער, אייגענטליך, האָט אַזוי מוציא-שם-רע געווען אויף מיין נאַפּט נעביך? איז נישט אַמאָל מיין ווייב׳ס קרוב גערעכט, וואָס ער שרייט אַלץ אין איינעם אַ שפּיצעל און אַ שפּיצעל? זאָל איך אַזוי ווי־סען פון אַ בייז שטערן-טיכעל, און וואָס איז מיר די נפקא מינה, זאָל זיין אַ שפּיצעל, אַבי קיינער ריהרט זיך נישט צום נאַפּט, חאָטש שענק איהם אַוועק.

לויף איך אַרום, ווי אַ פּער׳סמ׳טער, אַמאָל צו דעם, אַמאָל צו יענעם, עצה און מיטעל זיך. עצה׳ט מען מיר: צאַפּען. אויסצאַפּען דעם נאַפּט און אָבפיהרען איהם אין שטאָדט אַריין. ערשטענס, איז פּעסער־ווייז פיעל גרינגער צו פערקויפען ווי אַ גאַנצען וואַגאָן, און צווייטענס, וועל איך דאָך קאָנען אויסוואַרטען, אפשר וועט ווערען נאַפּט „שטייפער״...

בערעכען איך מיך, ס׳איז אַ פּלאַן. מילא כ״ה — כ״ו, ס׳האָט אַזוי פיעל געקאָסט — פערשלאָף איך שוין נישט, שאַף פּעסער, פּאָמפּעס מיט מענשען און פאָהר אַרויס צו דער באַהן צאַפּען.

אָבגעאַרבייט אַ טאָג, אויסגעצאַפּט, אָבגעפיהרט די פּעסער אין אַ קעלער אַריין, קום איך אַ היים אַ צופריעדענער:

— נו. אַ האַלבען מזל-טוב קאָנט איהר מיר שוין אָבגעבען. אַ סוף אַנ׳עק. פּטור פון אַ נבלה, אַראָב אַ האָרב פון די פּלייצעס... אַצינד וועל איך חאָטש קאָנען אַהיים פאָהרען צו ווייב און קינדער, וואָס דאָ וועט זיך מאַכען — זענט איהר דאָך אויפ׳ן אָרט.

אַזוי מאַך איך צו מיין ווייב׳ס קרוב און צו מיין ווייב׳ס קרוב׳ס ווייב. און זיי, מיין ווייב׳ס קרוב און מיין ווייב׳ס קרוב׳ס ווייב טרייס־טען מיך:

— איטשע-דוד האָט געדולט. איהר וועט זעהן, איהר וועט נאָך אי״ה פערדינען אין דעם נאַפּט.

— הלואי — זאָג איך — פון אייער מויל אין גאָט׳ס אויערן. דער-ווייל בין איך מיט דעם נאַפט גוט אויסגעפליקט געוואָרען און ביז כ׳וועל מיך זעהן מיט די „קלינגערס״. טע, טע, טע.

און ווי מיר זיצען און ריידען אַזוי, פּראַלט מען אויף די טיר און עס רייסט זיך אַריין אין שטוב מיט אַ געפּילדער און געשריי עפּיס אַ צוהיצט יונגערמאַנטשיקעל:

— פערהאַן דאָ דער יוד פון נאַפט?

אָנקוקענדיג דעם יונגערמאַנטשיק מיט׳ן קאַלעך-ווייס פּנים און אויסגעדרעהטען דאַשיק האָט עס מיר גלייך געגעבען אַ קלאַפּ אין האַרץ. דאָס בלוט איז מיר ענטוואַלען. פערשטאַנען האָב איך באַלד, אַז עס איז שוין עפּיס אַ נייע צרה.

— וואָס דאַרפט איהר דעם יוד פון נאַפט? — פרעגט איהם מיין ווייב׳ס קרוב געמיטלעך — אָט איז ער!

פאַלט ער אויף מיר אַרויף מיט אַ לשון און נעהמט גוואַלדעווען ביז׳ן הימעל:

— אַזוי, דאָס זענט איהר דאָס דער שענער מענש? וואָס האָט איהר געהאַט צו מיין נאַפט? שווינדלער! גנב! איך וועל אייך אין טורמע זעצען! שוין זאָלט איהר מיר בעצאָהלען פאַר מיין וואַגאָן נאַפט!

פערדריסט עס מיך און איך שייגעץ איהם צוריק אָב:

— וואָס ווילט איהר דאָ? ווער קאָן אייך? און ווער ווייסט אייך? וואָס האָט איהר אייך צוגעטשעפּעט ווי אַ משוגענער?

— אַ משוגענער? — קאָכט ער זיך ערשט רעכט — איך וועל אייך ווייזען ווער עס איז משוגע! איך וועל אייך אָנלערנען! איהר גנב איינער! אויסגעצאַפּט מיין וואַגאָן נאַפט און מאַכט זיך נאָך כאלו-לא-ידע...

— וואָס רעדט איהר? וועמענס נאַפט? סטייטש מיין אייגענעם וואַגאָן נאַפט האָב איך דאָך אויסגעצאַפּט.

— אייער וואַגאָן? — ווילדעוועטער ווי אַ צורייצטע חיה — מיין וואַגאָן! קעשענע שניידער! אייער וואַגאָן נאַפט שטעהט נאָך ווי ער איז געשטאַנען.

פערשטעהט מען שוין קוים און מען חאַפּט זיך, אַז איך האָב אודאי מיט׳ן צודרעהטען קאָפּ אָבגעטהון אַ שטיקעל. אויסגעצאַפּט אַ פרעמדען וואַגאָן נאַפט פאַר מיינעם. — הויבט זיך אָן אַ קלינגעניש דורכ׳ן טעלעפאָן, מען ספּראַוועט די פּראַכט-נעמען, ער איז, נעביך, דער יונגערמאַנטשיק גערעכט...

— איז מה הרעש? — וויל מיין ווייב׳ס קרוב צוצורייבען דעם

ענין — ער האָט צוגענומען אייער וואַגאָן נאַפּט, נעהמט איהר זיינעס.

— וואָ-אָס? פּאַר וואַסער מיט בלאָטע (דאָס מיינט ער מיין נאַפּט) וועל איך אַוועקגעבּען מיין בלוט, מיין גאַנץ פערמעגען... (דאָס מיינט ער זיין נאַפּט). מיין נאַפּט זאָל מיר זיין! — קלאַפּט ער אין טיש אַריין — איך לויף שוין נאָך פּאָליציי...

מיין ווייב׳ס קרוב און מיין ווייב׳ס קרוב׳ס ווייב פּרובּען איהם איינשטילען, בערוהיגען, — ער לאָזט זיך גאָר נישט רעדען. יעלה׳ווּעט, אַז דער גאַנצער הויף שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפען ווי אויף אַ שוואַרץ וואונדער.

זעה איך דאָך, אַז עס איז אַ מעשה אָהן אַנ׳עק, אַז איך האָב אָנגעטראָפען אויף אַ שווערען בעל־דבר, ווער איך נאָכגיבּיגער און רוף זיך אַרויס:

— ווייסט איהר וואָס? לאָמיר זיך פערלאָזען אויף מענשען. וואָס מענשען וועלען פּסק׳נען — בין איך מרוצה.

— אויף מענשען? — גוט. ער בּעשטעהט. — נאָר טאַקע אויף דער בערזע.

— זאָל זיין אויף דער בערזע.

אַ האַלבּע נאַכט האָבּ איך מיט מיין ווייב׳ס קרוב זיך אָנגעטענה׳ט פּאַר די בערזע־מענשען. זיי זענען שטאַרק אַריינגעגאַנגען אין מיין לאַ-גע און אַרויסגעגעבּען אַזאַ פּסק-דין:

אַזוי ווי ס׳איז ברור, אַז איך האָב די זאַך געטהון שלא בכוונה. ובכן בּלייבּט דער קעלער נאַפּט ביים יונגענמאַן, דער וואַגאָן נאַפּט צוריק ביי מיר. ער דאַרפט מיר געבּען זיין פראַכט און איך בין מחויב מצדי, איהם אומקעהרען שאָדען-ערזאַץ טויזענד רובל...

דער דאָזיגער פּסק איז מיר אַפילו אַזוי נישט געווען צום האַרץ, וואָרום פון וועלכע פערדיענסטען, אַ שטייגער, קאָן איך געבּען די טויזענד רובל? אָבּער פערפּאַלען. כ׳האָב מיך אַליין געלעגט אי-בער׳ן בענקעל. כ׳האָב געוויינט און געצאָהלט, אַבי אַרויס פון דעם שלימ־מזל׳ס מויל, וואָס האָט מיר שוין אַ האַרץ-פעהלער געמאַכט און וויל מיך נאָך דאָ צו קבורה ברענגען.

ווילט איהר דאָך אודאי וויסען, וואָס ס׳איז געוואָרען מיט מיין וואַגאָן נאַפּט? — מיין וואַגאָן נאַפּט ימח שמו, איז אַזוי לאַנג געשטאַנען ביז

כ׳האָב פאַר איהם גענומען אַזאַ נישטיגען פרייז, אַז איך שעם זיך פראָסט אויסצוזאָגען.

וואָס אַרט אייך, כ׳בין געבליבען גאַנץ שען דערונטער... כ׳האָב מיך ביי דעם נאַפט אַזוי „אָבגעבריהט״, אַז כ׳וועל שוין פערזאָגען הונ-דערטער...

יאָ, מחשבות׳ן מיין ווייב׳ס קרוב האַלט זיך אַלץ ביים שפּיצעל און שרייט, אַז דאָס אַלץ האָט מיר אָבגעשפּיעלט די קאָמפּאַניע אויף דער בערזע, און, אַז אַפּילו דער יונגערמאַנטשיק דער צרה, איז אויך פון דער חברה... זאָל דאָס מעגליך זיין? ווי מיינט איהר?

„טויבען".

נישט קיין לעבעדיגע טויבען — טויטע זענען זיי און דעם טויט ברענגען זיי אונטער זייערע פליגעל ווען זיי דערהויבען זיך צו די גרויע וואָלקענס און דאָך ווערען זיי ערוואַרט מיט אונגעדולד, אויס-געקוקט גיריג.

פון יעדען „פיק" זייערען ציטערען-אויף מויערן, ס'טרייסלען זיך שויבען און ס'ברעכען זיך דעכער. — די נערוועו אָבער בלייבען שוין שטייף און רוהיג. זייער ברומען שרעקט און צאַפּעלט נישט. עס אימ-פּאָנירט נאָך און שמייכעלט. — געוועהנהייט!

— עפּיס זעהט מען נאָך היינט נישט קיין „טויבען".

— אַ שאָד. עס בענקט זיך שוין.

— אַ „טויבע" פליהט!

— זאָל זי פליהען לחיים ולשלום, ברעכען הענד און פיס.

צופריעדען און אָנגענעהם ווי מען וואוינט-ביי אַ ספּאָרט. עס ווילט זיך אַ שפּיעל טהון מיט'ן טויט!

דער געלער לעווינשטיין איז אַלע מאָל דער ערשטער, וואָס דערשנאַפּט אַפילו אין דער סאָמער ברענענדיגסטער אַרבייט, אַז אַנ-

אַעראָפּלאַן, איז געקומען. אַ גוואַלדיג שאַרף געהער ביי איהם.

אַ מאָגערער, מיט אַנ׳אויפגעטריקענטער ברוסט, איבערגעוואַקסען הויך מיט אַ שפּיציגען קאָפּ, דערלאַנגט ער יעדעס מאָל ווי געשטופּט פון עמיצען אַ שפּרונג אַרויס אין גאַס, ער הילט זיך פאַר דער דריננגענדער קעלט אין דער לייכטער מאַרינאַרקע מיט׳ן אויפגעשטעלטען קראַגען און נעהמט זיך אַרומקוקען שנאָרכענדיג מיט דער האָרבי-גער נאָז.

באַלד גיט ער דעם קאָפּ אַ פּערוואָרף אויף הינטען ווי אַ הוהן צו דער שחיטה, אַ ציה אויס דעם דאַרען גאָרגעל, אַ חאַפּ די האָריגע האַנד אויפ׳ן שטערן איבער די אויגען און בליקט און קוקט פערטהון, פערטראָגען מיט פערשטענדעניש, מיט זין, מיט זאַך-קענטעניש און הערט נישט אויף צו בעוואונדערן אַריינפאַלענדיג אין התפּעלות און צוקלאַ-פּען מיט דער צונג:

— אָ וואָ אַ כלי! טצאַ, טצאַ, אַ צאַצקע!...

אַזוי ווי לעווינשטיין געהט אום ביי אַ מאַשין, אַ דרוקער איז ער, אַנ׳אינהאַבער פון אַ קליין פאַבריקעל, דאַרף עס הייסען, אַז ער, לעווינ-שטיין, אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דער קאָנסטרוקציע פון דער „טויבע", ווי אַ טעכניק אַ מבין... באמת אָבער איז ער מעהר נישט אוי-סען ווי אַלע איבריגע צושויער: זעהען אייגען אויגיג און געדענקען פאַר קינדס-קינדער... נאָר ווייל — דאָס איז זיין סוד — לעווינשטיין איז אַ קורצזיכטיגער ערשטער סאָרט, חאַפּט עס טאַקע אַ היבש׳ שטיקעל צייט איידער ער דערווישט ערגיץ אונטער׳ן הימעל דעם „בלייערנעם פויגעל"...

דערזעהט מען לעווינשטיינ׳ען אין גאַס אין דער „פּאָעטישער" פּאָ-זע דיענט עס שוין פאַר׳ן בעסטען בעוויז, אַז דער „קורצער" גאַסטראָ-לירט. גיט אַ פּאָרשטעלונג אָהן אַ גראָשען געלד.

דער טאָג איז גראָד אַ מילדער: אַנ׳אָנגעבלויטער הימעל, אַ געלע זון, וואָס שיט מיט שטראַהלען אין איהם — הויבען זיך אָן זאַמלען אַרום לעווינשטיינ׳ען מעהרער מענשען בעוואָפּענט מיט לאָרנעטקעס, מיט פּער-גרעסער גלעזער און סתם גלעזער, מען בעמיהט זיך אַליין צו חאַפּען דעם „שפּייער", אויפפאַסען איהם אין זיין גאַנצער אומפאַנג און דער-טאַפּט — לאָזט מען איהם פון אויג נישט אָב, מען פערפאָלגט איהם, מען בעאָבאַכטעט אויפמערקזאַם זיינע קונץ-שטיקען — די „שלייפען" און מען שעפּט נחת מיט אַ משונה׳דיגער הנאה:

— אוי, אוי, זעהסט ווי ער דרעהט זיך קיילעכדיג?

— ער מאַכט אַ קאָזשעליק. ווי? איך בין אַ יוד.

און לעווינשטיין וואַרפט אַלע מאָל אַריין אַ שאַרפע אָבער קור-צע בעמערקונג!

— ער פליהט היינט „וואָס גראָטסאַרטיג!"

— כ׳קאָן נישט דערגעהן. דאַכט זיך אַ צע — פע — לין. — ציהט ער די ווערטער.

— אפשר אַ לאָרנעטקעלע פאַניע לעווינשטיין?

— חע, חע — צולאַכט ער זיך — איך האָב גאָט׳ס לאָרנעטקעס.

— לעווינשטיין האָט שוין איינמאָל אַ פּאָר קוקערס! — העלפט עמיץ אונטער.

קליין און גרויס האָבען שוין מיט דער „טויבע" אַ „זעהונג" גע-האַט און זיך צוגאַנגען. בלויז לעווינשטיין שטעהט נאָך אַלץ איינער אַליין אַ גערייצטער. אַנגעצויגען און געשפּאַנט דרעהט ער זיך אין אַלע זייטען דאָ און דאָרט, זוכט נאָך אין רוים דעם „מאַשין" אָנשטרענגענ-דיג זיין שוואַכע ראיה ביז׳ן לעצטען פּונקט און — קאָן איהם באין אופן נישט אויסגעפונען . אַזאַ פערדראָס!

דאָס שטערט איהם אָבער כלל נישט אונטערצוברומען און קלאַ-פּען מיט דער צונג:

— אָ וואָ אַ כלי! טצאַ, טצאַ, אַ צאַצקע!...

געהען פאַרביי מענשען און שיקען איהם צו אַ חוזק-שמייכעל:

— זעהסט אַ שטערן-זעהער?

— ער זוכט אַ שענע לבנה...

— פּעטער, גיט אַ פּאָך מיט דער פּאַטשיילע וועט ער אַראָבפאַלען.

לעווינשטיינ׳ען געהט דאָס אַלץ נישט אָן. אַז נישט הערט ער זיי? ער איז פאַרקאָכט און צוהיצט ווי אַ קאָרטען שפּיעלער. ס׳איז ביי איהם אַנ׳אַזאַרט: ער מוז איהם היינט פּאַקען, לאָז נור די זון אַביסעלע אַוועקגעהן.

— איצט האָב איך איהם! שאַ, כ׳קאָן שווערען, יאָ, אָט יענץ שוואַרצע פּינטעלע איבער׳ן גאָלדענעם קופּאָל. אַי ווי ער פליהט! ער דערנעהנטערט זיך. שוין איבער דער קאַזאַרמע, איבער דער טורמע. אָט, אָט, ער לאָזט זיך אַראָב. אוי, ווי קליין. האַ, וואָס איז דאָס?

— טפו! אַ פויגעל גאָר. — אַ לעבעדיגער פויגעל. און נו.

דער קאָפּ דרעהט איהם, די שלייפען קלאַפּען, דער קאַרק ברעכט, אין די אויערן רוישט און פאַר די אויגען שווינדעלט אַזוי, רויטע, גע-לע, בלויע, ווייסע רעדעלעך און פּאַסיקלעך, לעווינשטיין וויל אָבער זיין פּאָזיציע נישט פערלאָזען: ער וועט איהם געפינען.

— אָ וואַ אַ כלי! טצאַ, טצאַ, אַ צאַצקע!...

נאָר באַלד ציהט מען איהם אָב מיט גוואַלד צוריק צו דער אַר־בייט און ער געהט אַוועק פויל מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ ווי אײנער, וואָס זיין גאָלדענער חלום האָט זיך אין מיטען שפּינען איבערגעריסען.

די גאַס, וואָס האָט ליעב צו נאַרען און גענאַרט צו ווערען, גלויבט אָבער, אַז לעווינשטיין פּונקט ווי דער ערשטער צום הערען — אַזוי איז ער צום זעהן... האָט מען איהם דעריבער אָנערקענט אין דער היגזיכט אַלס אויטאָריטעט און ער ווערט געריהמט אונטער און אין די אויגען.

העלפט גאָט דער „מזיק" פליהט-אָן און לעווינשטיין ווי ער וואָלט מיט איהם אָנגעפיהרט מעלדעט זיך גרייט פעררייסען דעם קאָפּ אין הימעל אַריין און שיסט מיט בליקען אַהין און אַהער פערקלערט און פערנומען — ווערט ער אַרומגערינגעלט פון אַ געזעמעל נייגעריגע, וואָס פאָרשען:

— אַ וואָסערער איז ער! פאַניע לעווינשטיין?

— אַ „טויבע". אָ וואַ, אַ כלי! טצאַ, טצאַ, אַ צאַצקע!...

— אַ וואָסערער „טויבע"—שפּאַרט זיך אַ גוטזעהענדיגער—ס'איז דאָך אַנ'„אונזערער"?

— שפּאַרסט זיך מיט לעווינשטיינ'ען!—בעפאַלען איהם אַלע.

בעגיסט זיך לעווינשטיין מיט אַ שוויס. ער פאַלט ביי זיך איינ־גאַנצען. ווייסט ער דאָך יאָ וואויל, אַז נישט דאָס מאָל און נישט קיינ־מאָל זעהט ער דעם אַעראָפּלאַן, בלייבט ער שטיל.

ער שטרעקט אויס דעם קאָפּ העכער, פערזשמורעט די אויגען פעסט און עפענט זיי גלייך ברייט, ציהט-אויס דעם בליק ווייט, ווייט קריצענדיג אַזש מיט די צייהן,—עס פועל'ט נישט.

— וואָס, וועל איך שוין טאַקי קיינמאָל נישט זעהען?—גיט ער אַ טראַכט.

— וואו איז ער יעצט, פאַניע לעווינשטיין?

— אָט דאָ, דאָ.—ווייזט לעווינשטיין אָן מיט'ן פינגער אויף אַנ'אָרט אין דער הויך.

— ווי קומט עס? פאָהרט אַריין דער גוט אויגיגער—דאָ איז ער דאָך גאָר! און ער טייטעלט דוקא אין אַנ'אַנדער ריכטונג.

דערפילט שוין לעווינשטיין, אַז זיין אויטאָריטעט האַלט שמאָל, ער ברעכט זיך... מיאוס! פינטעלט ער מיט די אויגען, רייבט זיי מיט די פינגער ביז טרעהרען, ווישט זיי ווידער אויס און נעהמט אויפסניי גלאָצען אין דער הויך:

— אצינד טרעט איך שוין נישט אָב !...

טאָג-איין, טאָג-אויס ווערען די „טויבען" נישט מיעד קומענדיג און לעווינשטיין—זיי נאָכצושפּירען מיט די אויגען ביז — — —

מען האָט איהם איינמאָל אָבגעפיהרט אויף „טשיסטאָ" מיט אַנ'-אָנצינדונאָין די אויגען.

די דאָקטוירים גיבען האָפנונגען...

אַ פערקאַפּטער „אוצר“

פון דרויסען פערוואָרפט די שווערד און פון אינעווייניג אַ מורא...

אַ בעגריף פון דער תוכחה, וואָס די צייט האָט פערווירקליכט. געהסט אין גאַס אַרויס לאָז פריהער אַ צוואה דיין הויז — און וואו זוכט מען אַ רעטונג?

כ׳ווייס נישט ווער דער עמיץ איז געווען, וואָס האָט פאַר׳ן מויל געלאָזט פאַלען דאָס וואָרט: — „קעלער!“ און נישט וועניג האָבען זיך דערין אָנגעכאַפּט פיעל מעהר האַסטיגער, ווי דער, וואָס טרינקט זיך אָן אַ שטרוי.

פערשיעדען זענען די מיינונגען, וואָס האָבען זיך אויסגעבילדעט אַרום קעלער. אַנדערע דרינגען, אַז נור אַזאַ קעלער, וואָס בעזיצט טירען אין אַ הויז אַריין קאָן דיענען, ווייל דאָ איז מען בעוואָפּענט פון מראית העין... און אַנדערע ווילען האָבען, אַז אַ קעלער מיט טירען צום הויף איז מעהר ווינשענסווערט, ווייל על כל צרה שלא תבוא קאָן מען כאָטש אַנטלויפען מיט׳ן נפש.

איין כלל: דעם גביר גראָט עס תמיד גוט.

אָט האָט די מאַדאַם פליישער אַ שטייגער, זיך ערגראָבערט אַ קעלער,

מיט וועלכן זי איז יוצא לכל הדעות און פראָסט מקנא צו זיין. גאָט אַליין וועט זי דאָרט נישט געפינען...

אויפ׳ן דריטען הויף, אין אַ ווינקעל לינקס האַרט ביי דער אָבגעשיילטער קרישלענדיגע מויער—די הויף גרעניץ, סאַמע אונטער דעם ווייט און ברייט בעשיטען מיסט-קאַסטען—איז פון יאָהרען-לאַנג געשטאַנען אַ לעדיגער ווייַן-קעלער, וואָס זיינע אייזערנע תּמיד געשלאָסענע טירען אונטער אַ געדעקט בלעכען דעכעל פיהרען צו אַ בלינדער וואַנד, דאָרט האָט הינדעלע זיך אויסגעקליבען אַ זיכער בעהעלטעניש פאַר אַ פיינדליכער באָמבע און אַ היימישע קויל.

הינדעלע, שמואל-פנחס פליישער׳ס ווייבעל, איז אַלע מאָל געווען אַ שרעקענדיגע, די מורא ביי איהר האָט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז זי וואָלט זיך בשום-אופן נישט אונטערגעשטעלט אַליין ביינאַכט אַריינצוגעהן אין פינסטערען שלאָף-צימער... שוין דעריבער אפילו אין אַ קוויטעל צום רבי׳ן דערמאָנט—האָט ער קריאת שמע-לייענען היטען געהייסען און די מזוזות איבערזעהן אַלע ערב ראש-חודש...

ס׳האָט קנאַפּ געהאָלפען: הינדעלע איז נעבליבען די זעלבע שרעקענדיגע ווי געווען. ציטערט-אויף ביי יעדען מינדסטען שאָך און נעהמט שוידערן פון בלויז נור אַ געהערטע מורא׳דיגע מעשה...

ס׳איז געווען מעהר ווי נאַטירליך. הינדעלען האָבען די באָמבעס אַזוי דענערווירט און ערשיטערט, אַז זי איז אַזש גרין און געל געוואָרען, אַרומגעגאַנגען ווי אַ דערופענע מיט אַ פערגליווערטע שרעק אין די בלויע רעדער-אויגען, געגעסען אָהן אַפּעטיט און געשלאָפען אונרוהיג, אויפגעהאַפּט זיך אַלע האַלבע שעה ווי אַ קליין קינד מיט אַ קוויטש.

— קראַנק, ביזט גוט קראַנק.—קלאָגט איהר אין די אויערן שמואל-פנחס און בעט זיך רחמים זי זאָל געהן צו אַ דאָקטאָר.

— סי׳מיר גאָר נישט. כ׳האָב מורא.

— הינדעשי. אוצר׳שי, וואָס האָסטו מעהר מורא פאַר אַנדערע? — פאַרברעכט שמואל-פנחס די הענד—גלויבט מיר אַ מענש צושניידט זיך נישט דעם קליינעם פינגער אויב סי׳נישט אָנגעצייכענט פון אויבען.

זיינע רייד האָבען אויף הינדעלע׳ן קיין פעולה נישט.

— גאַנצע טעג שוועבט דער טויט פאַר דיינע פענסטער און האָב אַזוינע דראָטענע נערוועןן עס זאָל דיך נישט אַרען—שעפּטשעט זי שטיל און טרייסעלט זיך קאָנוואולסיוו מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

און דעריבער, אַז הינדעלע האָט דערהערט דאָס טרעף-וואָרט „קעלער״—זענען אויף איהרע קיילעכדיגע בעקלעך אַרויסגעטרעטען רויטע

פלעקען, די אויגען האָבען גענומען פינקלען. זי האָט פערריסען דאָס נעזעל, פערשפיצט דאָס געמבעלע און זיך געפּיעשטשעט:

— אַ קעלער! שמואל-פנחס לעב, אַ קעלער!

— וואָס דיר קאָן איינפאַלען! — האָט שמואל-פנחס פעראיבעל געהאַט.

— נו אודאי, ווען ס'וואָלט ביי דיר טייער געווען מיין לעבען וואָלסטו אַנדערש גערעדט. דו קוקסט דאָך נור אויס...— זי האָט געווישט די אויגען.

— ט'האָסטו, זי איז שוין דאָ מיט די נאַרישע רייד.

שמואל-פנחס האָט איהר מיט דער רעכטע האַנד פערשטעלט דאָס מויל און מיט דער לינקער דעם שטערן, געפּרובט צי זי האָט נישט חלילה קיין היץ.

— געה אַוועק פון מיר רוצח!

זי האָט אַראָבגעלאָזט דאָס נעזעל, אָנגעשטעלט אַ פינסטערע מינע און זיך אויסגעצויגען אויף דער קושעטקע מיט'ן פּנים צו דער וואַנד.

— האָב איך שוין גאָר נישט.—האָט שמואל-פנחס געלאַכט און געגלעט איהר איבער'ן קאָפּ—אַי דו געפּיעשטשעטע ווייבעלע, אוצר מיינער. ס'וועט שוין גוט זיין נו, נו.

טאָקע נאָך דעם זעלבען טאָג האָט זיך שמואל-פנחס דערוואוסט פון דעם קעלער און איהם אָבגעדונגען איבער'ן ווינטער אינ'ם גלייכען געלד.

אין אַ שוואַרץ פינסטערער נאַכט, אין שטייפע שטילע שעה'ן מיט פערחלומ'טע סודות, געדאַכט האָט זיך ווי די אַלטע וועלט איז ערנסט געוואָרען האָט דעם שטערן פערקנייטשט און וויל זיך אַ חשבון שטעלען, אַ סך הכל מאַכען, האָט שמואל-פנחס מיט בנעימות'דיגע געמאָסטענע טריט הינדעלע'ן אין קעלער אַראָבגעפיהרט צו ווייזען איהר דאָס בעהעלטעניש.

דער האַלב קיילעכדיגער געסקלעפּעטער קעלער איז געווען פריש געקאַלעכט און פון זיינע פייכטע ווילגאָטנע ווענד האָט געשלאָגען אַ פערפּעסטעטער זויערער ריח. דאָס ווינקעלדיג פערקראַטעוועט קליין פענסטער'ל האָט אַ מרה-שחורה אין האַרץ געוועהט און אין קאַלטע שטיינערנע טורמעס דערמאָנט; די בלעכענע רעהר פון דעם אייזערנעם אויוועלע אין דער הויך האָט אויסגעזעהען ווי אַ ביין בייסענד אויג פון

אַ שפּיאָן, בכלל איז אויף אַלץ געווען אויסגעגאָסען אַנ׳אומעטיגקייט און פרעמדקייט, וואָס האָט לחלוטין גישט האַרמאָנירט מיט דער היימליכער רויט פליושענער קושעטקע און פּאָלירט קאָרטען-טישעל.

—נו, ווי געפעלט דיר הינדעשי. אוצר׳שי?

הינדעלען איז אַ שוידער אַריבער איבער׳ן לייב און אין דער ברוסט האָט זי אַ וועהטאָגליכען שטאָך דערשפּירט. זי איז שטעהן גע-בליבען ביי׳ם אַריינגאַנג און די אויגען נישט געקאָנט אַראָברייסען פון די געבויגענע שאָטענס מיט לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלזער, וואָס האָ-בען זיך פּאַר דער שיין פונ׳ם ברענענדיגען ליכט אויף די וואַנד צו-לעגט און זיך אומגעלומפּערט בעוואויגען ביי יעדען ריהר.

—וואָס שווייגסטו אוצר?

הינדעלע האָט פערשנורעוועט דאָס פּיסקעל און קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט. זי האָט נור שמואל-פנחס׳ן געגעבען אַ ציה אויף צוריק אַרויס...

פונדעסטוועגען, אַז הינדעלע האָט אויפצומאָרגענס דאָס גערויש פון אַ צעפּעלין דערהערט, איז זי אַ געריייצטע אויפגעשפּרונגען און ווי אַנ׳איינגעשפּאַרט קינד אַ טופּ מיט׳ן פּיסל געטון:

—אין קעלער אַריין!

שמואל-פנחס, וועלכער האָט קענטיג נור דאָס אָבגעוואַרט, איז שוין געשטאַנען גרייט צו איהר בעפעהל און אויף די שפּיץ-פינגער האָט זיך דאָס פּאָרל אַלע דריי הויפען דורכגעהאַפּט אונבעמערקט און אין קעלער זיך פערשטעקט.

הויך איבער זייערע קעפּ האָט זיך געטראָגען רעש׳לעך אַ טו-מעל, אַ זשוזשעריי און אַ היטשען פון די מעטאַלענע פליגעל פונ׳ם גרויסען „רויב-פויגעל״, ווי דאָס וואָיען פון אַ בייזען ווינד. הינדעלע איז אויף דער קושעטקע געזעסען, דאָס קעפּעל איינגענורעט אין שמואל-פנחס׳עס בוזים. ווי זי וואָלט דאָרט אַ שוץ געזוכט.

—ביזט צופרידען הינדעשי?

—יאָ—אָ—אָ.—האָט זי געקלאַפּט מיט די צייהן.

—האָסט קיין מורא נישט אוצר׳שי?

—ניין—ן—ן.

—נו, זיי רוהיג, באַלד וועט די מויד אַראָבברענגען מיטאָג.

פון דעמאָלט אָן פלעגט זי טאָג אויף טאָג, ווי נור זי האָט די פּיס פון בעט אַראָבגעשטעלט פערקריכען אין קעלער אַריין. שמואל-פנחס האָט אַלע געשעפטען אָבגעלאָזט, געזעסען און אָבגעהיט זיין בעהאַלטענעם אוצר.

איגגיכען האָט זיך די זאַך צוטראָגען איבער אַלע איינוואוינער און בײַ די מאַנסלייט חוזק און געלעכטער אַרויסגערופען:

—שמואל-פּנחס פליישער האָט זיין ווייבעל בעגראָבען לעבעדיגער-הייט...

—ר'האָט איהר בעהאַלטען אויף שפעקולאַציע...

—ר'האָט פערקאָפּעט אין קעלער זיין אוצר...

מיט די דינסט-מיידלך, וואָס האָבען דאָס מיסט אינ'ם קאַסטען איבער'ן קעלער געשיט פלעגט מען שפּעטען:

—גראָבט טיעף אין מיסט, וועט איהר געפינען אַנ'אוצר...

אַנדערש האָבען זיך דערצו די ווייבער בעצויגען. זיי האָבען גע-שאָקעלט מיט די קעפּ און זיך געקלאַפּט אין האַרץ:

—הער נאָר צו, זי איז גאָר נישט משוגע, זאָל'ען מיר שוין אַזאַ יאָהר האָבען!...

דער טאָג איז געווען אַ בלוטיגער. אכט קרבנות האָט די כּראָ-ניק פערצייכענט. אַלע געשעדיגט געוואָרען פון די באָמבעס דוקא אין דער אייגענער שטוב אויף אַנ'אויבערשטען שטאָק.

—די העכערע שטאָקען—האָט מען גערדרונגען--זענען אַזוי אין גע פאַהר פונקט ווי אונטער'ן פרייען הימעל.

אין יענעם אָוונד, ווען דער שטורם האָט זיך איינגעשטילט און דער לעבענס-נערוו האָט ווידער נאָרמאַל אָנגעהויבען פולסירען, זענען די פליישערס בעעהרט געוואָרען מיט אַ הויכען וויזיט. ס'איז געווען די מאַדאַם שטיין פון פערטען שטאָק.

שמואל-פּנחס מיט הינדעלע'ן זענען געווען געריהרט פון אַזאַ כבוד און גאָר נישט געוואוסט, ווי אַזוי-אַרום אויפצונעהמען אַזאַ גע-שעצטען גאַסט.

—כ'האָב צו אייך אַ וויכטיגע ביטע — האָט פרוי שטיין גערעדט מיט אַ ווייך געלעכטער'ל און באַלד פערשעמט געווישט די פליישיגע ליפּען—כ'פערלאַנג איהר זאָלט מיר פערדינגען אַ ווינקעל אין אייער קעלער.

דאָס פּאָר-פאָלק האָט זיך ערשטוינט איבערגעקוקט, און הינדעלע האָט די ערשטע איבערגעשלאָגען:

—וואָס הייסט עפּעס פערדינגען? קומען זי אין קעלער בעזונדער-הייט וויפיל נור זי ווילען. עלעהיי ס'וועט זיין היימליכער.

—ניין, אויב נישם פאַר בעצאָהלטס דאַרף מען נישט — האָט זיך פרוי שטיין האַרט אַוועקגעשטעלט—כ׳וויל האָבען איהר זאָלט מיר אָב-לאָזען אַ ווינקעל, וואוהין כ׳זאָל קאָנען אַראָבקומען ווען נור מיך וועט פערגלוסטען און דערקוטשען עמיצען אומזיסט וויל איך נישט.

שמואל-פנחס׳ן איז געווען דערווידער אָנצובאָטען דערפאַר געלד און נאָך ווען דערצו? דער מאַדאַם שטיין, די גרעסטע גביר׳טע פון אַלע דריי הויפען — די לעצטע איז אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען און אַוועקגעלעגט מזומן אופ׳ן טיש פאַר דריי חדשים פאָראויס לויט איהר אייגען אָבשאַצונג. און אַזוי ווי ס׳איז דוקא געווען אַ מטבע, וואָס האָט זיך געלוינט, בלויז איין חודש האָט אָבגעדעקט שמואל-פנחס׳ן פאַר׳ן גאַנצען קעלער, און אָהן אַ יצר-הרע וואָלט ער טאַקע געברויכט זיין דאָס צו קענען גובר-זיין—האָט ער איהר אַרויסגעגעבען אַ צעטעל אויף אַ חלק קעלער אין דער סאַמע מזרח-וואַנד.

און אַזוי האָט הינדעלע געקראָגען אַ שכנ׳טע אין קעלער אַריין מיט וועלכע זי וואָלט אפילו אין שוהל שטאָלצירט...

ווי אויף פליגעל האָט זיך נאָך יענעם אָוועגד צוטראָגען איבער אַלע שטובען דאָס לעצטע הויפישע נייעס, אַז אויך פרוי שטיין בע-האַלט זיך פאַר די באָמבעס אין קעלער. און ווען זי האָט זיך אויפצומאַר-גענס בעוויזען אויפ׳ן הויף און די דיענסט נאָך איהר מיט אַ הויכען טיעפען פאָטעל און מיט אַ פליושען פיס-בענקעלע—האָבען איהר הונ-דערטער נייגיריגע-און קנאה-בליקען בעגלייט דורך די ווייס פראָסטיגע בעהויכטע שויבען-פענסטער.

אָבער אויך נישט אויף איין אָרט האָט פרוי שטיינ׳ס ערשיינונג אַרויסגערופען קריעג צווישען מאַן און ווייב.

די נגידית׳טעס פונ׳ם הויף האָבען אויך אין דער הינזיכט נישט גע-וואָלט זיין געפאַלען אַקעגען די שטיינובנע. און די מענער—ווי מענער, וואָס האָבען ליעב ביי יעדער געלעגענהייט צוגעבען זיך דערקענען מיט זייער ממשלה—האָבען זיך פאַר׳עקש׳נט: ניין און ניין!

—פאַר גאָט קאָן מען זיך נישט באַוואָרענען...

און דאָך ווען די נאַכט-שאָטענס האָבען דעם הויף אַיינגעהילט. איז שוין די גרעסטע טייל פאָרלעך געווען איבערגעבעטען. עס האָבען די מענער ווי אָבצווישען זייערע זינד אַרויסגעוויזען אַ געשווינדקייט אינ׳ם געלויף צו שמואל-פנחס׳ן אויסצודינגען חלקים-קעלער פאַר זייערע ווייבער און קינדער.

איז שמואל-פנחס געזעסען ביי׳ם טיש אינ׳ם סאַמעטענעם שלאָפראָק

די יאַרמולקע פּעררוקט אָן אַ זייט אויף אַנ׳אויער, דאָס פּנים ביי איהם האָט געפלאַמט, די אויגען געבליצט און דער שטערן געשוויצט, מיט אַ קליין ווירעלע האָט ער אויסגעמאָסטען דעם פּלאַן פון קעלער, וואָס ער האָט איילענדיג אַליין אָנגעצייכענט, געטיילט חלקים, געשריפט פּרייזען, גענומען געלד און אויסגעשריבען פון אַ קוויטונג-ביכעל „קאָנ־טראַקטען״:

„מספר ז׳ מימין לפתח אצל הכותל של מזרח, שייך להגבירה שאָשע-מלכה ביטערשלאַק, ויש לה רשות להשתמש בפינה זו בכל עת ובכל שעה ככל אשר תחפוץ.״

„מספר ח׳ תחת החלון ד׳ אמות באורך, שייך להגברת פּעשע-מנוחה זויערפלאָג. ומותר לה להעמיד שם מטה וגם שפּאַניש ווענדטעל ובלבד שלא תשיג גבול אחרים״.

„מספר י״ב אצל התנור וסמוך לו י׳ טפחים, שייך להגברת מאַשע מאַטעל שלעכטשטיק, בשעה שמסיקים את התנור הרי זו רשאי לטיילת באמצע המרתף בלי שום עיכוב כלל וכלל.״

—יודען, שוין!—האָט שמואל-פּנחס מיט אַמאָל די אויגען אויפגע־הויבען פון׳ם פּלאַן אַרויס—כ׳האָב שוין נישט קיין וואַנד-פּלעצער נישט אין מזרח און נישט אין מערב, אַלע אויספּערקויפט. כ׳האָב בלויז נאָך אַ צוואַנציג מיטעל-פּלעצער אַוועקצושטעלען בענק צום זיצען.

קוים אַ מינוט איז אין שטוב געבליבען הענגען אַ שטילקייט. אַ טייל האָבען זיך געלאָזט צו דער טיר אַרויסצוגעהן; אַ טייל האָבען זיך געקווענקעלט, געשלאָגען זיך מיט דער דעה. דערנאָך האָט עמיץ פּער־לאַנגט אַ מיטעל פּלאַץ און ס׳רוב האָט זיך אָנגעכאַפּט:

—מיר אויך אַ פּלאַץ!

—מיר אויך!

—און מיר?

ווידער איז שמואל-פּנחס געזעסען פּערטהון אינ׳ם פּלאַן, געמאָס־טען און געטיילט, גענומען געלד און רעשט געגעבען און די פּעדער איז פּייל פון בויגען איבער׳ן ביכעל געפלויגען:

„מספר ד׳ על הספסל באמצע המרתף, שייך להאשה פּעסע-גיטל עסמאַן. ויש לה רשות גם לשכב שם בשעה שהמיחוש יציק לה ובתנאי שלא תזיק לאחרים״.

אויגענבליק זענען אויך די מיטעל-פּלעצער געוואָרען פּערדונגען. די פּערשפּעט׳גטע זענען געבליבען געפּלעפּט. אַוועק זעהר נידערגעשלאָ-

גען גרייט אויפצונעהמען — און מיט רעכט — אַ חלק פון די ברוגז׳ע יודענעס.

שמואל-פנחס האָט שווער אָבגעאָטעמט, אָבגעווישט דעם שווייס, צונויפגענומען די פּאַק פּאַפּירען-געלד, איבערגעצעהלט און זיך צו לאַכט הינדעלע׳ן אין פּנים אַריין.

—חי-חי-חי. זיי האָבען גוט געזאָגט: אַ פערקאָפּע ער אוצר אין קעלער...

מזל טוב!

אַ קליינע וויזיט-קאַרטע האָט מיר אָנגעזאָגט:
„ג״ה!
„איהר ווערט געבעטען, היינט אָוועֶנד בעזוכען אונזער „פרי-
„יוט״, צו דער חתונה-פייער, וואָס וועט דאָ פאָרקומען צווי-
„שען היימלאָזע חתן-כלה.״

און אין האַרץ האָט מיר אַ קלאַפּ געגעבען: איבער די פערוואָל-
קענטע פינסטערע הימלען פון די היימלאָזע יודען, וועט זיך אַ ליכטיגער שטראַהל דורכטראָגען און האָטש אויף אַ ווײלע אַ בליץ געבען, האָטש אויף איין אָוועֶנד וועלען זיי אפשר פערגעסען אָן דער האַרטער ביטע-
רערווירקליכקייט.

כדאי צו זעהן!

— —

די געשיכטע פון דעם פּאָר׳ל איז מיר שוין פון לאַנג בעקאַנט:
אַכט געצעהלטע יאָהר האָט זיך געצויגען דער שידוך צווישען דעם בחור מיט דעם מיידעל. קליינע קינדער זענען זיי נאָך דאַן גע-
ווען ווען די עלטערען האָבען זיי פער׳קנס׳ט. פונף הונדערט רובעל האָט זיך דער אבי הכלה מתחייב געווען צו צאָהלען בשעת כתיבת התנאים. אָבער נאָך איידער די צייט איז געקומען איז ער שוין צווי-
שען די לעבעדיגע נישט געווען...

איז דער בחור אין „גאָלדענעם לאַנד“ אוועק. די כלה האָט זיך צו אַ מאַשין געזעצט, געשטעפּט און געשטעפּט, פון לעבן געקאַרגט, פון אויסגאַבען געשפּאָרט, אַ גראָשען צו אַ גראָשען צונויפגעלעגט און געקליבען און גאַנץ איז פאָרט געוואָרען דער צוגעזאָגטער נדן.

און דאַן איז צוריק אָראָבגעקומען דער בחור, אַ „לייט“, מיט סיג-נעטען אויף די פינגער מיט אַ גאָלדענע שפּילקע אין קראַוואַט און פּאַר גאָט און פּאַר לייט געוואָרען דעם מיידעלס חתן. די גע׳סילוק׳טע פינף הונ-דערט רובעל האָט מען איינגעלעגט ביי אַ „שליש“, ביי׳ם שטעדטעל-שען גביר און מען האָט אָבגעשטעלט אַ זמן חתונה.

פיהלט זיך דאָס מיידעל אויפ׳ן העכסטען שטאַפּעל פון גליק. זי האַלט אין צוגרייטען דעם אויסשטייער: די וועש מיט די אייגענהענ-דיג געשטריקטע שפּיצעלעך און סטאַוועקיס; דאָס איינגעשיטע בעטגע-וואַנד; די קליידער, די שלאָפראָקען און דעם ווינטערדיגען פּליושענעם מאַנטעל. אַלץ ווי עס פּאַסט פּאַר אַ בעל-הבתישע טאָכטער.

זאָלען נאָר אַריבער די טרויעריגע „ניין טעג“ וועט מען שבת-נחמו שפּיעלען אַ חתונה. נאָר...

נאָר פּלוצלונג זענען זיי אַלע, אי דער חתן, אי די כלה, אי דער גביר פון שטעדטעל דער „בטוח“, אין וועמענס הענד דער נדן איז געלעגען—געוואָרען היימלאָזע.

און נישטאָ דערוויל נאָך אַזאַ בעגריף אין דער מענשליכער שפּראַך אויסצודריקען די גרויסע טראַגעדיע און עלענד פון דידאָזיגע אונגליקליכע; די טיעפע פערצווייפלונג. גידערגעשלאָגענקייט און גרוי-סער צער, וואָס איז אויסגעגאָסען אויף זייערע פון שרעק געשרומפּענע פנים׳ער.

פון די אַלטע איינגעזעסענע ישובים, פון די שטענדיגע נעסטען, צו וועלכע דאָס לעבען האָט מיט אזוי פיעל פעדים פערבונדען, זענען זיי אויסגעריסען און ווי די הינד אַרויסגעטריבען געוואָרען.

נאַקעט און בלויז!

וועש? בעטגעוואַנד? קליידער?—ווער טראַכט וועגען אַזעלכע קליי-ניגקייטען בעת דער טויט שוועבט פּאַר די אויגען?... דאָס עהרליך פערהאָרעוועט גוטס איז אויף גאָטס בעראָט פערבליבען, זענען זיי אין „פּריוט“ מיט׳ן אַלטען וואַנדער-שטאָק בלויז געקומען.

און עס זיצט די כלה אַ פערשעמטע צוקלעמט און פערטרויערט. זי קאָן צו איהר פערוואונדעטע האַרץ קיין טרייסט נישט געפינען. אַלע איהרע מיידעלשע חלומות זענען אַוועקגעפלויגען—און דער צוקונפט —

אַזוי שוואַרץ, אַזוי פינסטער...

האָט איהר פאַרצווייפעלטע לאַגע גוטע מענשען בעריהרט, און זיי האָבען זיך דערפיהלט גרייט מיט זייער הילף צו ענטפלעקען זיך איהר אינ׳ם גרויסען עלענד.

נאָך צוויי וואָכען בלויז, ווערט ענדליך אין שטאָדט היינט אויס-געפיהרט דאָס, וואָס די מחותנים האָבען מיט יאָהרען אַהער אין שטעד-טעל אָנגעהויבען.

עס פלאַקערן די לאָמפען אינ׳ם חתונה-זאַל מיט דער גאַנצער קראַפט; עס שעמירירען און שאָרכען זיידענע קליידער; עס שוועבען הין-און-צוריק צופלאַמטע פנימ׳ער און גלאַנציגע אויגען. די שטימונג איז אַ געהויבענע, אַ רעכט יום-טוב׳דיגע. רעשי׳ג הילכען די מוזיק-טע-נער און די פאָרלעך, טהוערס מיט טהוערינס טאַנצען „לשם שמים” ביז שוויס, נעביך...

און מאָדנע: ווי ווייט און פרעמד די חתונה-געסט זענען צווישען זיך, דאָך ווי נאָהנט און היימליך; דאָס גרויס שטעדטישע מאָדערניזם געשלייפט מיט׳ן קליינשטעדטעלדיגען אַלט-פאָטערישען; דער שרייענדער וואַרשאָווער לוקסוס נעאייניגט מיט דער פראָווינצישער בעשיידענהייט, און דאָך ווי שען ווי פרעכטיג עס האַרמאָנירט!

עפיס איז איצט קנאַפּער ווי אַלע מאָל בולט דער קאָנטראַסט צווישען דעם דאָקטאָר מיט דער טענדע ווערענדע און צילינדער הוט און דעם שוחט מיט דער סאַמעט פערפעדערטער קאַפּאָטע און אָבגעבלאַ-קירט געל סאַמעטען היטעל; צווישען דעם ראַזירטען חזן מיט די וואָנ-סען אינ׳ם שוואַרצען סמאָקינג און דעם שוואַרצען קאָלטענעוואַטען שמש אין די אַנקענע זשופּיצע; צווישען דעם רב מיט דער ברייטער באָרד און מיט׳ן ברייטען פליגעל-הוט און דעם רב׳ל מיט׳ן שיטערן ציגען-בערדעל בלויז אויף דער גאָמבע און מיט׳ן אויסגעקראָכענעם שטריי-מעל; אַזוי אויך דעם אונטערשיעד צווישען די גוט-געפּאַשעטע, הויך-בוזימדיגע פרויען אין די דורכזיכטיגע „טירולוועס” און די איינגעדאַר-טע אויסגעטריקענטע ווייבלעך אין די הויבלעך און יופּעס; צווישען די סאַליאָנאָווע פריזירטע פריילינס און די מיידלעך מיט די ערשט געצוואָ-גענע איינגעשטייפטע צעפּלעך.

און אַלץ פּאַסט אַזוי פּאָרט. אַלץ איז אַזוי יודיש האַרציג און אַלץ האָט דעם זיבעטען חן.

עס זענען אויך פאַרהאַן די היימלאָזע כלי-זמרים.

ער שטעהט הירשעלע, די „ערשטע פידעל” ווי צוגעשלאָגען אויפ׳ן

אָרט, זײַנע צושראָקענע אויגען בלאָנדזשען אין אַלע זײַטן ווי ער וואָלט עפּיס געזוכט צו געפינען און דאָס פידעלע ווײנט און קלאָגט, אַ בענק-שאַפט רײַסט זיך פון יעדען. זײַן שכן דער באַס ברומט אונטער און קרעכצט אַזוי טיף און אָט גיסט זיך טרעהרען בײַ אַלע פון די אויגען, די הערצער וואַרפען זיך נאָר אַרויסצושפּרינגען. דער ניגון האָט אָן אָרט דערמאָנט, אָן לאַנגע פאַרגאַנגענע צײַטען...

זיצט די כלה אַ פערהילטע אויפ׳ן חופּה-טראָהן. דאָס פּנים האָט זי איבּ׳ם ווײַסען נײַעם טיכעל פערגראָבען און שאָקעלט זיך רעגעלמעסיג צוקענדיג מיט די אַקסלען אַרויף און אַראָב. און דער הײמישער בדחן, וואָס „בעזעצט״ איהר, מוסר׳ט איהר אויפ׳ן אַלטען שטײגער:

„דערמאָן זיך כלה׳ניו, וואָס פּאַר אַ טאָג בײַ דיר איז הײַנט״.

...„עס זאָלען חלילה, דײַנע יאָהרען נישט אבגעהאַקט ווערען״.

— די כלה חלש׳ט !...

דער בדחן שפּרינגט אַראָב פון דער באַנק. ער האָט טאַקע נור געמײנט צו פּרובען זײַנע כּוחות און... ער בלײַבט צופריעדען. זי חלש׳ט נאָך...

— צו דער חופּה !

און מען פיהרט, די בלאַסע אויסגעווײגט אין טרעהרען כלה, צווי-שען די געשלאָסענע לעבעדיגע רײהען מיט די געפּאַרבטע ליכטלעך אין די הענד ביז צו דער חופּה, וואו דאָס רב׳ל נעהמט איבער די גאַנצע מאַכט אין זײַנע הענד — און...

— כלי-זמרים אַ פרעהליכ׳ס !

עס שאַלט דער טראָמפּײטער, עס רוישט די פּויק און די פידלען קלינגען-אָב פרײַע פרעהליכע טענער. פרעהט זיך דאָס יודישע האַרץ און קוועלט הערנדיג.

צווײ אַלטע יודענעס אין טשיפּיקלעך האָבען ערגיץ אַ גרויסען קוילעטש נעפּאַקט און טאַנצען אַ קעגען חתן-כלה׳

— אָט אַזוי. גאַנץ שען !

— אָט אַזוי האָב איך טאַקע געוואָלט ! פּליאַסקען זײ מיט די הענד. צו זײ טשעפּען זיך צו נאָך אַ פּאָר ווײַבלעך, מוהמעס פון בײדע צדדים. באַלד בילדעט זיך אַ גרויס ראָד, אין וועלכען עס ווערען פערפלאָכ-טען אַלע פערבעטענע געסט. אַ מיש-מאַש פונ׳ם נײַעסטען מיט׳ן אַלטס-טען. דרײַ לעבעדיגע דורות דרעהן זיך אין עיגול אַקסעל אויף אַקסעל אַזוי געקלאַמערט אין די גופים אויף אַזוי פיעל ווי זײערע נשמות זע-נען דערוויײטערט... דעם זײדענס סאַמעטען היטעל מיט׳ן טאַטענס טו-

כּענע היטעלע מיט'ן זוהנס קאַפּעליוש זענען פּעראַייניגט, בּעריהרען זיך יעדער ווײלע אָהן שום שאָדען...

און דער טראַמייטער הילכט און שאַלט, די פּויק רוישט, די פיד־לען קלינגען און דער עולם האָפּקעט. פערגעסען גאָר דעם חשבּון...

שוין וואַרטען די געדעקטע טישען. די טהורעינס אין די ווייסע פּאַרטוכער ווי די קלאָרע מלאכים פליהען פון טיש צו טיש, דערלאַנגען פּאָרציעס בּעגלייט מיט אַ היימליך שמייכלענדיגען בּליק... שפּיעלען די כּלי־זמרים דאָס „שטיק" און דער בּדחן קריכט פון דער הויט פרעהליך צו מאַכען...

רופט מען דרשה־געשאַנק!

— חתנ'ס צד דרשה־געשאַנק!

און עס רוקט זיך אַרויס אַ מוהמע, נעהמט אַ פויר אַ מעשען־פּענ־דעל און לעגט עס אויפ'ן טיש:

— אָט דאָס פערמאָג איך פון גאַנצען קופּער־און מעש־ווערק, שענק איך עס.

אַנ'איינגעבּויגענע בּאָבּע וואַקעלט זיך אויף די פיסעלען, ווי אַ שכּור גלייך צום טיש. טראָגענדיג הויך צוויי פולע פערמאַכטע הענד, עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז זי האַלט עפּיס אַ קיילעכדיגע זאַך, נאָר ווען זי קומט צו און לעגט אַוועק די הענד אויף דער זילבּערנער טאַץ דערזעהט מען, אַז זיי זענען אינגאַנצען לעדיג געווען, דער עולם צו לאַכט זיך. די בּאָבּע ווערט נישט אָבּהענדיג אָבּער און רופט הויך אויס אויפ'ן ציטערדיגען קול:

— אַ בּרכה שענק איך זיי: לאָז זיי גאָט אַ סך געבּען!...

כּלה'ס צד דרשה־געשאַנק!

שלעפּט אַרויס דער שוחט פון דער טיעפער קעשענע אין דער צויטען־אַטלעסענע קאַפּאָטע אַ טאַבּאַק־פּושקעלע:

דער זיידע זכרונו לברכה האָט נאָך געשמעקט פון דעם פּושקע־לע. ס'איז ביי מיר זעהר טייער. מעהר פערמאָג איך אָבּער נישט.

און אַ מוהמע אין אַ טערקישע שאַל וואַרפט אַריין אין טאַץ אַ —— וויקעל־שנור...

— צום „מצוה־טענצעל"!—שרייט שוין אַ הייזעריגער, אָבּער שטאַרק בּגלופין דער שוחט.

און ווידער רוישט און טומעלט די מוזיק. דער פּויק קלאַפּט ביז צום פּלאַצען און ווידער טאַנצט דער גאַנצער עולם. „דייטשען" מיט חסידים אַלע גלייך, בּרידער־יודען מיט איין ווילען און גוטע כּוונה.

און דער שוחט ווישט זיך דעם שווייס און רעגירט:

— לעבעדיגע יודען, מיר האָבען אַ לעבעדיגען גאָט!...

מיטהאַלטענדיג אין דער יודישער שמחה, זעהענדיג דעם „טרייסט"-טראָפּען, וואָס האָט אַריינגעפּלאָסען אין דעם פולען צרות-בעכער פון די פערוואָגעלטע האָט זיך געטראַכט:

— אַז וואויל איז אייך, איהר טהוערס אַרום דער שענער זאַך, וואָס איהר האָט זוכה געווען אויפצבויען אַ יודיש הויז...

מזל טוב!...

אַ בריף...

פעסעל האָט אויפגעשלאָסען די שטוב, די שליסלען האָבען אין איהר ציטערדיגער האַנד הויך געקלונגען. און ווען זי האָט די טהיר צוריק פאַרקלאַפּט, איז זי אינעווייניג שטעהן געבליבען פערטראַכט.

אַצינד האָט זי זיך פּלוצלונג דערזעהן בעליידיגט, אונפערשעמט פאַר אַלצדינג אין שטוב. דאָס אייל-בילד אויף דער אַקעגענאיבערדיגער וואַנד האָט זיך איהר אויסגעדאַכט ווינקט צו איהר מיט די גרויסע קיילעכדיגע אויגען און דער סאַרקאַסטישער שמייכעל האָט זיך מעהר צוצויגען אויף זיינע דיקע ליפּען.

דאָס איז זיכער: זי האָט פון זיך אַליין חוזק געמאַכט. האָט זי דאָך אַזוי פעסט געגלויבט.

אויף די שפּיץ-נעגעל איז זי דורכגעגאַנגען די שטוב. עפּיס האָט זי זיך געשראָקען פאַר איהרע אייגענע טריט, עמיץ זאָל זיך נישט אויפחאַפּען און אויספלאַצען מיט אַ געלעכטער, וואָס וואָלט איהר שטאַרק געוועהטאָגט. דערנעהנטערט צו דער קושעטקע האָט זי זיך אויף איהר אַ וואָרף געטהון, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אינ׳ם סאַמעטענעם קישען, וואָס איז נאָך פון פריהער וואַרים געווען און אָנשטרענגענדיג די געדאַנקען זיך גענומען דערמאַנען.

פריהער פאַר אַלעם האָט זי געזוכט אַ בעפריעדיגונג, עס איהר גע-

גאַנגגען ז׳ערין אַליין זיך צובערעכטיגען, צי איז טאַקע אַזוי נאַריש גע-
ווען פון איהר זייט צו קלערען און אַזוי צו בעהויפטען פאַר איהרע
חבר׳טעס, אַז דער בריף איז פון איהם? אָדער, צי האָט זי אין יענער
סעקונדע געמווט געדענקען אין דער מוהמע טויבעלע׳ן פון קליין
מינסק?

נאָכדעם האָט זי טיפער אַריינגעדרונגען אין דער געשעהעניש
און גענומען בעדויערן דעם פערשוואונדענעם חלום. עס האָט איהר
גוואַלדיג פערדראָסען, פאַרוואָס איז זי אַזוי גיך מיט דער פּאוויעסטקע
אויף דער פּאָסט געלאָפען און שנעל פערלאָשען דעם פונק האָפנונג,
וואָס האָט זיך אין איהר האַרץ אָנגעצונדען. זי האָט זיך דערפיהלט
שולדיג ווי איינער, וואָס האָט אַגרויס פערמעגען פערלאָרען צוליעב אַ
נישטפּאָרזיכטיגען שריט.

דען צוּוואָס דאָס אָבנאַרען זיך אַליין? זי, די פערלאָזטע רעזע-
וויסטקע גאַרט און קוקט-אויס אַ בריף פון איהר מרדכי׳ן. איהר
גאַנצע נשמה צאַפּעלט זיך פאַר דער ערפילונג פון דעם דאָזיגען וואונש.

ס׳איז געווען אַ צייט, ערשט מיט וואָכען צוריק, ווען זי, פּע-
סעל, איז געווען פערצווייפעלט און זיך איינגאַנצען פערלוירען איבער׳ן
שווייגען פון איהר מאַן. זי, וועלכע האָט אין דעם קנאַפּען יאָהר לע-
בען מיט איהם אויסגעפיהלט זיין גאַנצען אינהאַלט, וואָס אין איהרע
אויערן האָבען נאָך געקלונגען זיינע האַרציגע געזעגנונגס-רייד, וואָס פאַר
איהרע אויגען איז נאָך געשטאַנען זיין בלאַס ליידענד געזיכט און
אויף איהרע באַקען איז נאָך נישט פערטריקענט געווען דער הויך פון
זיינע ברענענדיגע קושען — זי האָט רעכט געהאַט זיך צו בעאונרוהיגען
ווען ער האָט פון זיך אַזוי לאַנג נישט געלאָזט הערען.

בלויז איין קאַרטעל מיט עטליכע געצעהלטע ווערטער האָט ער
אין די ערשטע טעג פונ׳ם וועג געשיקט און מער נישט.

דאַן האָט זי ווי אַ געטרייע פרוי צוגעבראַכט די צייט אין
בענקשאַפט און זאָרג פאַר איהר מאַן. עס זענען איהר די בליטען איינ-
געפאַלען קלערענדיג, אין וואָס פאַר אַ סכנה-אָרט איהר מרדכי געפינט
זיך, וואו דער טויט שוועבט יעדע ווייל איבער זיין קאָפּ. דאַמאָלס
אַ בריף פון איהם וואָלט געווען אַ היילונג פאַר איהר שווער האַרץ.

דערווייל האָט זיך אָבער די לאַגע גרינדליך געענדערט.

אויפ׳ן סמך, וואָס איהרע חבר׳טעס דערהאַלטען יאָ בריף פון זיי-
ערע מענער אויפ׳ן פראָנט און זי נישט—האָט זיך ביי איהר אויסגע-
אַרבייט אַ בעשטימטע מיינונג וועגען איהר מאַן, וואָס נישט קוקענדיג אויף

די ערגערניש און קרענקונג, וואָס דאָס האָט האָט איהר פאַרשאַפט האָט עס זי דאָך געריי׳צט נור אַזוי צו טראַכטען נישט אַנדערש; ביסלעכווייז האָט איהר אָנגעהויבען פערשטענדליך ווערען אַזעלכע מאָמענטען אין זייער לעבען, וואָס אַמאָל זענען זיי ביי איהר ווי רעטענישען אויסגע-קומען. עס האָבען זיך אַרויסגערוקט אין איהר געדאַנק קליינליכע אינ-צידענטען, וואָס האָבען ערשט אָנגענומען אַ פערגרעסערונגס-פאָרם און בעקומען אַ נייעם כאַראַקטער; אַ״ך האָט זיך איהר אַצינד קלאָר אָב-געשפּיגעלט; דער רעזולטאַט פון דאָס אַריינטראַכטעניש בלויז אין דעם זיך וועגען איהר מאַן, איז געווען אַ פאַטאַלער: מרדכי איז איהר פאַלש, ער טוט בכיון נישט שרייבען, וואָרום וואָלט ער געהאַט דעם ווילען וואָלט ער דאָס געקאָנט בעווייזען פונקט ווי אַנדערע זעלנער.

אַ בריף פון איהם האָט זי אויך ביי היינטיגען טאָג בעגעהרט מיט׳ן גאַנצען האַרץ, אָבער שוין מעהרער צוליעב דעם, כדי נישט צו פיהלען זיך מיט עפּיס קלענער און געפאַלענער פון איהרע חבר׳טעס די רעזערוויסטקעס, וועלכע פלעגען זיך אין די אויגען וועגען איהר סוד׳ען...

ליגענדיג איצט אויף דער קושעטקע האָט פעסעל שוין בעצייטענס אָנגעהויבען בעשעפטיגען איהרע מחשבות וועגען עפּיס אַ קאָמבי-נירענדען אויסרייד בנוגע דעם אָבגענאַרטען בריף.

אַ מינוט איז זי שוין געווען גרייט צו האַלטען זיך ביי איהרע פריהערדיגע רייד, אַז דער בריף איז געווען פון איהר מאַן. זי וועט נאָך פריש צולעגען, וואָס פאַר אַ ליבע, הייסע אויסדריקען ער שרייבט איהר, אויסטראַכטען אַ ציפער אין די טויזענדער, וויפיעל קושען ער שיקט איהר און דאַן אָבמאָלען ווי דער דאָזיגער בריף איז דורך און דורך אויסגעוועייקט אין טרעהרען, זאָלען זיי, איהרע חבר׳טעס טאַקע הערען און זיך קלעמען.

נאָר באַלד האָט זי רעזיגנירט פון דעם געדאַנק. עס קאָן זיך אָנהויבען אַ מורא׳דיגער פלאָנטער, פון וועלכען עס זאָל זיך אויסוויק-לען איהר באַרע ליגענד. מען וועט בודאי וועלען וויסען, וואו מרדכי געפינט זיך איצט, ווי לאַנג דער בריף געהט שוין, און אפשר וועט גאָר עמיץ פערלאַנגען איהם זעהן.

פעסעל׳ס געדאַנקען זענען געשטערט געוואָרען דורכ׳ן אַריינקו-מען פון פערעלע׳ן.

פערעלע, אַנ׳אָבגעצערט ווייבעל מיט טיפע שוואַרצע נריבלעך אונטער די אויגען, וואָס האָבען געחאַפט דעם אָנבליק פון טונקעלע

ברילען איז אַמאָל געווען די אינטימסטע פריינדין פון מרדכי'ן בע־קאַנטע האָבען וועגען זיי ווי פון אַ צוקונפט פּאָר'ל גערעדט, נאָר גאַנץ אונגערעכט פאר אַלע איז געשעהן, אַז פּעסעל—וועמענס קענטשאַפט מיט מרדכי'ן איז געשלאָסען געוואָרען טאַקע אַ דאַנק פערעלע'ן—האָט געוואו נען מרדכי'ס הארץ צופערבינדען זיך מיט איהר דורך חתונה, פערעל האָט דעריבער פון דאַמאָלס-אָן זיך בעטראַכט, ווי זיגדיג אַ קעגען איהר חבר'טע און חאָטש איבער דער צייט האָט שוין אויך פערעלע געלעבט מיט אַ מאַן—האָט דאָך פעסעל ביי יעדער געלעגענהייט געפיהלט אַ נויטווענדיקייט בולט אַרויסצושטעלען מרדכי'ס פייערדיגע ליבע צו איהר. עס האָט בעדאַרפט הייסען, איז פערהאַן עמיץ אַ שולדיגער צווישען זייער צוזאַמענלעבען איז עס מעהר ער, מרדכי, ווי זי...

איצט גראָד איז פעסעלע'ן גאָרנישט צום הארץ געווען פערעלע'ס וויזיט. איהר איצטיגעס ערשיינען האָט פעסעלען פערדעכטיגט און דערין געוואָלט זעהן נקמה שפורען... זי האָט זיך אָבער מיט מוט אָנגענומען צו בלייבען אויסהאַלטעוודיג ביז'ן סוף.

—האָסט געהאַט אַ בריף פון מרדכי'ן? וואָס שרייבט ער?

פעסעלע'ן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי הערט אין דער פראַגע פע־רעלע'ס חוזק-טאָן און עס האָט איהר ווי אַ שטאָך געטהון. זי איז אויפ־געשטאַנען, איבער איהר לענגליך העל-בלאָנדען געזיכט האָט זיך אַ פינסטערער וואָלקען דורכגעטראָגען און איבער די בלויע אויגען האָבען זיך די סאַמעט-ווייכע ווירעס אַראָבגעלאָזט, ווי עס וואָלטען געוואָלט פערשטעלען דעם טיפען פּיין, וואָס דידאָזיגע אויגען האָבען דאַן אויס־דריקט און מיט אַ געשטיקט שטימע האָט זי אין האַלב אָבגעהאַקטע ווער־טער געענטפערט:

—יאָ, אַ בריף. המ... הייסט כ'האָב איהם נאָך נישט,

—האָסט פערשפעטיגט די פּאָסט?—פערעלע האָט געלאַכט.

פעסעלען האָם דאָס בלוט אַ זעץ געטון אין פנים. זי האָט אויף פערעלע'ן אָנגעשטעלט איהרע אויגען, אין וועלכער ס'האָט זיך געשפי־געלט אַ בייז פייערל און מיט אַ ביטערן שמייכעל אויף די ראָזיגע ליפּלעך האָט זי נאָך געזאָגט:

—פערשפעטיגט די פּאָסט.

אין שטוב איז געבליבען הענגען אַ דריקענדע שטילקייט. פערע־לע האָט מעהר נישט געוואָלט קוועלען פעסעלען און האָט ווייטער נישט געפרעגט. די לעצטע האָט דערווייל אויסגענוצט די צייט אַ קלער צו טהון ווי אַזוי-אַרום צו פערבינדען אַ שמועס מיט פערעלע'ן.

פון פערעלעס האַלטען זיך האָט פעסעל געדרונגען, אַז דידאָזיגע פרוי, וואָס קאָן אויסגעצייכענט גוט מרדכי׳ס נאַטור, אָנצוצינדען זיך פאַר יעדעס פרישעס און נאָך גיכער זיך אויסצולעשען—פאַר איהר. איז גע־וויס קיין סוד נישט מרדכי׳ס יעצטיגע האַנדלונג אַ קעגען איהר, און צו וואָס דאָס זשענירען זיך? זאָל זי טאַקע וויסען, אַז זי מעג איהר בעס־טע פריינדין זיין... אַז זי פיהלט זיך אומגליקליכער פאַר איהר און זי האָט דערום די ערשטע איבערגעריסען דאָס שווייגען.

— יאָ פערעלע. אַזוי איז עס. מען מעג זיי, די מענער, גלויבען...

זי האָט גערעדט שווער און געווישט זיך די טראָפּענס שווייס, וואָס זענען איהר אַרויסגעטרעטען אויפ׳ן אַלבאַסטער שטערן.

— דו אויך? — איז פערעלע געוואָרען פעראינטערעסירט — דאַכט זיך...

זי האָט נישט געענדיגט. עס האָט זיך איהר נישט געוואָלט ענט־דעקען אַלץ וואָס זי טראַכט וועגען איהר.

— פערעלע, חבר׳טע!...

פעסעל האָט אויסגעבראָכען אין אַ היסטעריש געוויין. זי האָט געשלוכצט אויפ׳ן קול און רעגעלמעסיג געצוקט מיט די אַקסלען.

פערעלע האָט שטאַרק בעדויערט, וואָס דאָס געלעגענהייט האָט איהר אַזוי שלעכט געדיענט, ווען זי האָט זיך געגרייט הערען אַ שפּאַנענדיגע וידוי פון איהר חבר׳טע. זי האָט דעריבער אָנגעווענדט אַלע מיטלען פעסלען צו בערוהיגען, געלעגט איהר אויף דער קושעטקע, געגלעט איהר דעם קאָפּ און געשטופּט וואַסער אין מויל.

פעסעל האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט ווען עמיץ האָט שטאַרק געקלאַפּט אין טהיר:

— וואוינט דאָ קאַמגרין?

פעסעל איז אַ צוטומעלטע אויפגעשפּרונגען און גיך אָבגעשפּאַרט די טהיר. אין שטוב האָט זיך קוים אַריינגעשטופּט אַ זעלנער מיט אַנ׳־אָנגעהאָנגענעם ביקס אויף דער פּלייצע.

— איהר זענט פרוי קאַמגרין? — ער האָט מיט זיינע בליקען נע־בלאָנדזשעט איבער׳ן צימער — נעהמט איבער אַ הערצליכען גרוס פון אייער מאַן. מיר זענען חברים אין ראָטע און קעמפען אַקסעל ביי אַקסעל. מיט פיער טעג צוריק איז אייער מאַן פערוואונדעט געוואָרען.

— פערוואונדעט? — פעסעל איז בלאַס געוואָרען ווי קרייד און זיך אָנגעהאַלטען מיט די הענד פאַר אַ שטוהל.

— פערוואונדעט נישט שווער—האָט דער זעלנער ווייטער געזאָגט—

ער האָט דאַן געהערט, אַז איך נעהם מיין וועג אַהער אין דיענסט אַנ־געלעגענהייט האָט ער דורך מיר פון פעלד אייך אַנ׳אָריגינעלען בריף געשיקט.

פעסעל האָט אַראָבגעלאָזט רעם קאָפּ אויף דער ברוסט און פּאָר־געשטעלט אַ פּערקערפּערטען בילד פון טרויער. זי האָט איהרע אויגען אָנגעשטעלט אויף דעם פרעמדען זעלנער, וועלכער האָט איהר אַזוי פיעל גליק געבראַכט אין דער קריטישסטער שעה און געציטערט אָבצעווענ־דען זיי ערגיץ, זי זאָל זיך נישט בעגעגנען מיט פּערעלעס בליקען...

דער זעלנער האָט דערוויייל צושפּיעלט זיין מונדיר, אַרויסגענו־מען פון אַ זייטיגע קעשענע אַ שטיקעל צונויפגעלעגט ברודיגע לייווענד און דאָס פּעסלען דערלאַנגט.

פעסעל האָט זיך מיט אַ ציטער אָבגעשאָקעלט, אויפגעלעגט דאָס שטיקעל לייווענד און אַ ווילדען קוויטש געטהון:

— אוי בלוט!

אויף דער לייווענד, וואָס איז קענטיג געווען אָבגעריסען פון זיין העמד, איז געווען ווי איבערגעגאַנגען מיט׳ן פינגער, אָנגעצייכענט מיט בלוט:

„טייערע מיינע!

„איך לעב. כ׳דענק וועגען דיר שטענדיג ביז׳ן לעצטען אָטעם...

„דיין מרדכי״.

פעסעל איז צו דר׳ערד חלשות געפאַלען, צודריקענדיג פעסט צום האַרץ איהר מאַנ׳ס „בריף״...

דאָס האַרץ פון אַ פּרוז.

צוויי זעלנער מיט די היטלען אין די הענד, זענען די קאַנצע־לאַריע פון שפּיטאָל איבערגעטרעטען און קורץ אָבגעהאַקט געמאָלדען:

— פון פעלד־שפּיטאָל אַ קראַנקען געבראַכט.

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָוועכד. אין קאַנצעלאַריע האָט געוועהט מיט אַ שטייפקייט, ווי מיט צוואַנגען־הענד אומגעאַרעמט. די דריי דיזשורירענדיגע סאַניטאַרען מיט די טיף אין שטערן פערזעצטע אויגען־גריבעלעך, זענען ביים טיש געזעסען אין דער געזעלשאַפט פון צוויי קראַנקען־שוועסטער אין ווייסע פאַרטיכער און ווייסע הייבלעך און ערנסט פערטהון אין קאָרטען געשפּיעלט, לאָזענדיג גאַנצע נעבלען פּאַפּיראָסען־רויך.

— מאַרנירט אייך איהם איין אין זויערן — האָט אַ סאַניטאַר אַ זייה געטהון צווישען די צייהן נישט אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ צו די אַריינ־געקומענע.

— האַלט זיי דער טייוועל! שוין באַלד דאָ 31. — האָט דער אַנדע־רער אַ וואָרף געטהון די קאָרטען אויפ'ן טיש.

— ברענגט איהם אַריין, הינטישע קינדער!

דער, וואָס האָט בעפוילען איז פויל אויפגעשטאַנען, זיך דערנעהנ־טערט צום שרייב־טיש, צוגעגרייט אַלץ צום פּראָטאָקאָל.

אינמיטען האָבן די זעלנער דעם קראַנקען אַריינגעטראָגען. אַוועק־געזעצט איהם אויף דעם הילצערנעם טאָפּטשאַן, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אינ׳ם אָנלעהן.

דאָס איז געווען אַ זעלנער אַנ׳אויסגעפּאַקטער אין אָנטהועכץ, קוים וואָס דער מונדיר האָט אויף איהם געקאָנט צו. אויפ׳ן האַלז האָט ער געטראָגען אַ דיקע וואָלענע טוך, די גרויסע פוטערנע „פּאַפּאַכע״, וואָס איז איהם איבער די אויערן און אויגען אַריבערגעפּאַלען האָט נישט מעגליך געמאַכט חאַפּען זיין אָנבליק. נאָר די שוואַרץ-רויטע לענטע מיט צוויי צלמים און מעדאַל, וואָס האָט זיך פון זיין ברוסט בולט אַראָבגעגרויסט האָט געקאָנט אין דמיון אַ העלד מאָלען.

— נישט אַנדערשט ווי ביינאַכט זיך שלעפּען?...

דער פּראָטאָקאָליסט האָט געפּרעגט האַרט און אָבגעבראָכען דורכ־עקבויערנדיג איהם מיט זיינע בייזע בליקען.

— ס׳איז אונבעדינגט נויטיג... אַנ׳אָפּעראַציע — האָט זיך דער קראַנ־קער פערענטפערט. זיין שטימע האָט אַזוי ווייך און קינדיש געקלונגען, עס האָט זיך קוים געקאָנט גלויבען, אַז דאָס קומט אָט פון דעם דאָ־זיגען.

— נו וואָס אָפּעראַציע. אַז עס איז נאַכט, — ער האָט שנעל גע־פיהרט מיט די פעדער איבער׳ן בוך, וואו ער האָט פערצייכענט די אַלע ענטפערס פון דעם קראַנקען אויף זיינע געשטעלטע פראַגען און געאיילט זיך צו מאַכען אַ סוף.

דערווייל האָט אַ סאַניטאַר אַראָבגעשלעפּט פון קראַנקען דעם מונ־דיר, דעם קורצען פּעלץ, אָבגעבונדען איהם דעם האַלז-טוך און בעפרייט זיין קאָפּ פונ׳ם בעראַשקענעם היטעל.

עס האָט זיך בעוויזען אַ קיילעכדיג צאַרט, איידעל געזיכט, בע־ראַהמט מיט אַ שוואַרץ ווילד-פערוואַקסען בערדעל; אַ פּאָר קויהל-שוואַרץ ברענענדיגע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט מילדקייט אָהן אַ ברעג.

— גאָט דו מיינער! ווי אַרום האָט אַזעלכער געקאָנט זיך אויס־צייכנען?

די שוועסטער אַקסעניאַ מיט אַ ברייט אָפען רויט פּנים און אַ טיף פערוואַקסענער שטערן האָט דאָס באַמערקט הויך בשעת זי האָט געשפּאַנט פערפאָלגט זיין יעדע ווייכענוויז געביטענע מינע און די פּאַלבען, וואָס האָבען זיך געזאַמעלט אויף זיין ברייטען ווייסען שטערן.

— דאָס מלחמה־פייער פערהאַרטעוועט און שמיעדט-אויס אייזערנע

העלדען — האָט דער קראַנקער גערעדט און געקרעכצט.

— אַ יוד? — האָט זי זיך געחאַפּט, ווען דער קראַנקער האָט צום פּראָטאָקאָל זיין נאָמען גליקספעלד דערמאָנט.

— אַ יוד.

גליקספעלד האָט דאָס אַרויסגערעדט אין אַנ׳ענטשלאָסענעם טאָן, וואָס האָט זיך, ווי אַ שטאָלץ געהערט.

מיט עטליכע מינוט שפּעטער איז שוין גליקספעלד געלעגן אין שפּיטאָל-זאַל אויף אַ בעטעל און טיף אָבגעאָטעמט פון צופיעל אָנשטרענגונג.

אויף די ווייס-געהילטע בעטלעך זענען ס׳רוב קראַנקע שוין געשלאָפען. די געפאַלענע קאַרג געבראָכענע שיין פון דעם לעמפּעל ביי דער איקאָניע דאָרט אין ווינקעל, האָט אָבגעלויכטען די געצערטע געלבע פון יסורים פערקרימטע מאַסקעס, אַז מ׳האָט געקאָנט ווי אַראָבלייענען די נאָכאַמאָל אין חלום אויסגעשטאַנענע מאַטערנישען. און די שטילקייט האָט זיך געדאַכט לויערט צוקאָפּענס פון די בעטלעך און מאָהנט און פאָדערט פאַר זייערע בעליגערס אַזוי פיעל נישט אָבגעצאָהלטע חובות...

אין קאַנצעלאַריע האָט מען מיט פרישע ענערגיע גענומען זיך פאַר די קאָרטען. אַקסעניאַ אָבער האָט שוין דאָרט געפעהלט. דידאָזיגע שוועסטער, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אינטערעס פאַר דעם געבראַכטען איז איצט איבער איהם געשטאַנען און פון אַ גלאָז איהם דערלאַנגט עפּיס צו טרינקען. גליקספעלד האָט זיך געקוויקט און בעהאַרצט געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך שוועסטער.

— וואָס פאַר אַ זאַנפטיגקייט — האָט זי פאַר זיך געלאָזט פאַלען.

זי האָט דורכאויס געוואָלט מיט איהם אַ שמועס פערפיהרען. ער איז אָבער ערשט דערצו נישט אויפגעלעגט געווען. ער האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער דערשפּירט דעם וועהטאָג און האָט שווער געקרעכצט קריצענדיג מיט די צייהן.

גליקספעלד האָט היינט בעקומען אַ געפעהרליכע וואונד אין בויך. מ׳האָט איהם פון דער פּאָזיציע אין פעלד-לאַזאַרעט געבראַכט. דער פעלד-דאָקטאָר האָט איהם נור אַ צייטווייליגען באַנדאַזש געמאַכט און אָבגעשיקט אין שטאָדט. אַצינד קומט איהם אויס וואַרטען ביז אין דער

פריה ווען דער דאָקטאָר וועט אויף די וויזיטען קומען.

אַקסעניאַ איז דאָך פון איהם נישט אָבגעטרעטען. נאָהענט פון זיין בעטעל איז זי געזעסען און אויפגעפּאַסט אויף איהם, זי האָט נישט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג צו זיינע קרעכצען און אָננעהמענדיג זיין האַנד האָט זי ליעבליך געזאָגט:

—וואָס איז אייך ברודער?

זיין דין פאַרמירטע האַנד מיט די לאַנגע פינגער האָט געציטערט אין איהרע. ער האָט אויף איהר בעטענדיג אָנגעשטעלט די אויגען און געביטערט:

—אוי, שוועסטער, ס'טוט וועה גוואַלדיג!

זי האָט אים גערן געוואָלט מיט עפּיס לינדערן און געצערטעלט זיין האַנד ווען זי האָט גערעדט:

—נו, שאַט, אָט לויף איך נאָכ'ן פעלדשער.

דער פעלדשער איז געקומען. זיך ענטזאָגט אָבער צו בעריהרען די וואונד פון מורא פאַר אַ בלוט-פלוס, ער האָט נור דעם קראַנקען אַ פּראָשעק איינגעגעבען אויף צו בערוהיגען די נערווען, אפשר וועט ער קאָנען איינשלאָפען.

ווירקליך איז גליקספעלד אַ ווײַלע געבליבען שטיל. ס'האָט גע־שיינט, אַז ער איז אין דרימעל פערזונקען. באַלד אָבער האָט ער זיך גענומען וואַרפען אויפ'ן בעטעל און פון גרויס שמערצען געקלאַפּט זיך מיט די הענד אין קאָפּ.

די וואַכענדיגע שוועסטער האָט גוט בעאָבאַכטעט זיינע תנועות און פערשטאַנען, אַז ביי איהם איז אַ היץ איינגעטרעטען. זי האָט זיך צו איהם דערנעהנטערט מיט'ן טערמאָמעטר. ער האָט איהר האַנד אָנגע-חאַפּט און ווילד איהר בעדעקט מיט קושען.

—ראַטעוועט שוועסטער!...

אַקסעניאַ איז דורכגענומען געוואָרען מיט מיטלייד, איבער איהר לייב איז ווי אַנ'עלקטרישער שטראָם אַריבער, זי האָט זיך איבער איהם אַריבערגעבויגען און מיט איהר האַנד געפּלאָנטערט איבער זיין קאָפּ און געזיכט און געבעטען:

—בערוהיגט אייך!

ער האָט זיך אונטער איהרע לאַסקעס צעוויינט און געשעפּטשעט:

—מאַ—מע! מאַ—מע!

דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל דערלאַנגט זיך אַ זעץ אויף, שטייף איינגעגעסען זיין בליק אין איהר פּנים און צומישט געזאָגט:

—דו ביזט מיין מאַמע?

זי האָט איהם זאָרגפעלטיג צוריקגעלעגט, אַנגעשפאַרט דעם קאָפּ אין קישען און איהם שטיל אין אויער געפּליסטערט:

—איך בין—דיין—ליעבהאָבערין...

און ווייטער האָט זיך אַ שטילקייט פון הייליגע סודות געוועבט און אין שפּיטאָל רוים זיך צוגאָסען. אינ'ם שוואַרץ געשלייערטען דרויסען האָט אַ דראָבנע רעגענדל געטריפט און איבער די פענסטער-שויבען געהודזשעט, ווי אַ פידעל וואָלט שטיל וויינענדיג געשפּיעלט אַ ליעד פון שווארצער מרה-שחורה. אַ גרויס קינד איז אין ווייטען פרעמד אין בענקשאַפט פערגאַנגען נאָך דער מאַמעס צערטליכער האַנד און נאָך איהר'ס אַ ריינע כשר'ע טרעהר.

—מאַ—מע!

נאָר קיין ענטפער האָט ער נישט געקראָגען.

די שוועסטער אַקסעניע האָט מיט איהר טיכעל געווישט דעם שווייס פון דעם קראַנקענס שטערן און איהם אונטער דער נאָז אונטערגעטראָגען אַ שמעקעדיג פלעשעלע.

פלוצלונג האָט דער קראַנקער אויסגעבויגען דעם קאָפּ אויף אַ זייט ווי זיך צו עפּיס פון גאַנץ ווייט איינגעהערט און אָנגעהויבען זינגען, פריהער שטיל, פּאַמעליך מיט זיסע-טרויעריגע טענער דערנאָך העכער און שנעלער, שענע טרעלען, צאַרטע קלאַנגען, און ווידער שטיל אַ זשוזשעריי בלויז מיט די ליפּען, ווי דאָס זשוזשען פונ'ם וואַלד אין זומערדיגע בין השמשות'ן ווען די זון געהט שטאַרבען.

ווען ער האָט געענדיגט האָט ער דעם קאָפּ פערוואָרפען. אַקסעניאַ האָט געשיקט איהם עפּיס אין מויל דערלאַנגט און געקושט זיינע ליפּען. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט האַרט אויף זיין בעטעל אַרומגענומען זיין פּנים מיט איהרע ביידע הענד פערקוקט זיך אין זיינע אויגען און געמורמעלט:

—וועלטען שענהייט. גלאַנציגע ים'ען...

דער קראַנקער האָט זיך נישט געוועהרט. ער האָט שטאַרק געפיבערט, געסאָפּעט, געברומט און געכאָלעט מיט'ן האַלז...

אַז אַקסעניאַ איז מיט'ן גרויען בעגינען, וואָס האָט געבלייכט די געקאָלכטע ווענד פונ'ם שפּיטאָל-זאַל צוריק געקומען צו גליספּעלדט בעטעל איז ער שוין געווען קאַלט...

ער איז געלעגן ווי פערטראַכט מיט'ן פּנים אַרויף, דאָס מויל אויסגעקרימט, די נאָז פערשפּיצט און די אָפענע אויגען אָנגעשטעלט אויף אַ פּינטעל.

אַקסעניאַ האָט שטיל געוויינט, שטיקענדיג די טרעהרען אין זיך. זי האָט איהם די אויגען צוגעמאַכט און אָבגעווישט די פערטריקענטע שוים ביי די מויל-ווינקלען. ווען זי האָט זיך איבער איהם איינגעבויגען האָט זי בעמערקט אויף זיין האַלז אַ לייוועגדען זעקעלע הענגען אויף אַ זיידענע שנור, פאָרזיכטיג האָט זי די שנור אויפגעשלייפט, דאָס זעקעלע אויפגעמאַכט, דאָרט איז געלעגן אַ גאָלדענער מעדאַליאָן גע־הילט אין אַ פערשריבען פּאַפּירעל.

אויפמערקזאַם האָט זי דעם מעדאַליאָן באַטראַכט, ווי אַ גוט גע־דעכניש, וואָס איז איהר פון דערדאָזיגער נאַכט פערבליבען. ער איז גע־ווען אַ צוויי־זייטיגער. פון איין זייט איז אין איהם געפּאַסט געווען דאָס בילד פון אַ בעיאָהרטען יוד אין אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ ברייטער צוקאַמטער שוואַרצער באָרד אַרום אַ קיילעכיג פּנים מיט ענערגישע שטריכען, פון דער אַנדערער זייט—דאָס בילד פון אַ יודישע פרוי אין אַ פּערוק מיט אַ גוטמוטיג פּנים, ליכטיגע אויגען און אַ ליעב שמייכעלע אויף די ליפּען.

אַקסעניאַ האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס זענען זיכער גליקס־פּעלד'ס עלטערען. וואָרום ער האָט פון אָט דיביידע פערמאָגט אין זיך דאָס ליעבסטע און שענסטע...

פונ'ם פּאַפּיער האָט זי בלויז די אונטערשטע העלפט פערשטאַנען, וואו עס איז געווען אָנגעוויזען זייער אַדרעס, אין דער הויך איז גע־ווען אָנגעשריבען אויף יודיש.

דער יודישער זעלנער, ווענען זי האָט עס געגעבען איבערצו־לייענען, האָט איהר אַזוי פאָרגעלייענט:

„ליעבע מענשען!

איך שיק מיין זוהן פאַר אַ קרבן. זייט מיר גיטיגס מודיע,
וואו זיין טויטער קערפּער ליגט. לאָמיך קאָנען קומען אויף זיין קבר".
„די פערצוקטע מאַמע."

אַ גרויסער פערוואָלקענטער הימעל האָט זיך נידריג איבער דער שמאָדט געשפּרייט. אַ נאַסליכער פּוילער ווינד האָט געהודזשעט און געקלאָגט, ווי דאָס וואָיען פון הונגעריגע וועלף, שפּעט ביינאַכט. הינטערן קאַרע־

וואַן, וואָס האָט געפיהרט גליקספעלד׳ס טויטען קערפער צום יודישען בית-עולם—איז נאָכגעגאַנגען די שוועסטער אַקסעניאַ מיט אַנ׳אַראָבגע-לאָזטען קאָפּ. זי האָט שטאַר מיט אַ מאַטען קוק דורכגענומען דעם טוי-טען-קאַסטען און מינוטען-ווייז אַרויסגעלאָזט צובראָכען אַ זיפץ.

ביי׳ם אָפענעם קבר, ווען מ׳האָט דעם טויטען אַראָבגעלאָזט, האָט אַקסעניאַ זיך הויך צו וויינט...

יענעם אָוועגד האָט שוועסטער אַקסעניאַ אַוועקגעשיקט אַ בריף צו גליקספעלד׳ס עלטערן און אונבעקאַנט זיי אויסגעדריקט מיטגעפיהל אַלס איינע, וואָס נעהמט אַ גרויסען אָנטייל אין זייער אונענדליכען טרויער.
זי האָט אויך בייגעלעגט דעם פערצייכענטען נומר פון זיין קבר.

דעם מעדאַליאָן מיט די בילדער האָט אַקסעניאַ אין איהר טיש-קעסטעל בעהאַלטען...

בליקען.

פאר'ן כלל-ישראל.

I

ער וויל ראַטעווען דעם כלל-ישראל.

ווער איז ער?

ער איז אַ רעכט אוראייניקעל פונ'ם... רבי, אַ טאָכטער'ס פון צווייטען ווייב.

ווי אַזוי איז ער?

אַ דאַר אויסגעווייקט יודעל מיט אַ בלאַס דערשלאָגען פנים (פונ'ם מיחוש אַודאי), מיט אַ פּאָר פרום-פערגלאָצטע אויגען און אַ געל שיטער בערדעלע נאָכגעהאָנגען ביי דער גאָמבע; אויפ'ן קאָפּ אַנ'אויסגעקראָכען קאָל-פּעקעל, אויפ'ן שטרויענעם גוף אַ לאַנגער גרין אַטלעסענער חאַלאַט און אין האַנד אַ שוואַרצען פּאַריסאָל אַרומגעבונדען מיט אַ ווייס בענדעל.

וואָס טהוט ער?

ער „פיהרט" אַליין פאַר אַנ'עולם.

וואָס האָט ער?

ער האָט אַ לחש אַזוינעם, אַ קמיע הייסט עס, וואָס ווען איהר טראָגט איהר אויפ'ן האַלז קאָנען צעהנדליגער באָמבעס פאַלען אויף אייך, זיי וועלען אָן אייך צופּלאַצט ווערען, אָבער אייער מינדעסטע בעגעלע וועט נישט געשעדיגט ווערען.

זיי אין דאָס זייעריגע און ער אין דאָס זייניגע.

זיי, די אייראָפּעאישע געלעהרטע און רודף-שלום׳ניקעס, האָבען געטומעלט, גערוישט און געקאָכט אַ וועלט געגען די דייטשישע אַכזרי׳שע לופט-פליהערס, וואָס מזיק׳ן מיט זייערע באָמבעס אונבשיצטע פריעד ליכע איינוואוינער—און זענען דאָך מיעד געוואָרען. אַראָבגעלאָזט די הענד און געבליבען זיצען שטיל מיט פערטריקענטע פעדער׳ס.

ער אָבער, האָט ער זיך צו עפּיס גענומען וועט ער עס בעזרת השם יתברך, דורכפיהרען ביז׳ן סוף. פריהער וועט ער נישט שטילען און נישט רוהען, וואָרום די זאַך איז אַזוי מחייב און פערמאָגט אַ גאַנץ פּשוט׳ען שכל:

זיי, די חכמים פון דער וועלט זענען געקומען מיט׳ן יושר אויף די ליפּען. ס׳איז נישט קיין יושר—שרייען זיי—צו בעאונרוהיגען אומ-זיסט און אומנישט מענשען, וואָס האָבען דיר אויף דיין לעבען אפילו קיין „שוואַרץ אין דיין אויג״ נישט געזאָגט...—און וויבאַלד „יושר״ האָבען זיי דידאָזיגע קלוגע קעפּ אַביסעל פערשפּעטיגט, אַרויס פון דער מאָדע היינט דאָס יושר-קלייד, אַ פערצייטיש אָבגעבלאַקעוועטע מטבע.

ער, אָבער, קומט מיט׳ן כוח. כוח דאָס איז דוקא אַ קוראַנטע זאַך ביי היינטיגען טאָג; קראַפט שפּיעלט אַצינד גאָר אַ גרויסע ראָליע.

דען אויב איהר מיינט, אַז כוח בעשטעהט בלויז אין ביקס און שווערד האָט איהר אַ טעות: אמת, אַזאַ מין כוח איז אויך עפּיס, וואָס מ׳קאָן אַזוי מיט דער האַנד נישט אַוועקמאַכען, דאָס אָבער איז נישט דער כוח פונ׳ם יוד. „ועל חרבך תחיה״ איז די מדה פון עשו׳ן...—זיין כוח שטעקט גאָר אין עפּיס אַנדערש, זיין כוח איז אין מויל, „הקול קול יעקב״ איז די מדה פון יעקב׳ן... און דעם כוח וועט קיינער נישט גובר-זיין...

ווי אַזוי זעהט אויס זיין כוח?

נאַט אייך זיין פּאַרמעטענע קמיע ווי זי געהט און שטעהט:

הוֹשִׁיעֵנוּ מִבְּמִבִּי ה׳

קלערט איהר אפשר, אַז ער איז עפּיס אויסען דערמיט? הלילה וחס! אומגאָטעס ווילען, למאי זאָל דאָס אייך גאָר איינפאַלען? הע-הע־הע, ער מיינט גאָר נישט, ער וויל נור מזכה זיין אַ רבים...

—פאַר וואָס-זשע זאָל ער דאָס נישט צושיקען אין דער קעמפּענ-דער אַרמעע אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פאַר די יודישע זעלנער? אַזוי פיעל מאַטעס פון קינדער נעביך.

שיינט אויף זיין פנים, ווי פון אַ זון בעלויכטען און ער צולאַכט זיך גאַנץ היימליך:

—הע-הע-הע ווי זאָגט איהר? טאַקע אַזוי. אפשר יאָ.

—און פאַרוואָס דאָס נישט?—חאַפּט ער זיך צוריק מיט בעשלאָ-סענהייט—עס זאָל נור נישט זיין קיין מניעה פון מלכות.

—און וואו איז ער ביז איצט געווען מיט זיין רעצעפּט?

אַזוי פיעל יודישע קרבנות.

שווייגט ער שטיל און גיט אַ זיפץ טיעף פון האַרץ:

אַביסעל שפּעט זיך געחאַפּט נעביך...

— — — — — — — — — — — — —

וויפיעל גרויסע און שטאַרקע מענשען עס וואַרימען זיך ביי דער וועלט-שרפה און האָבען שטאַרק הנאה—וויל ער דאָס קליינע און שוואַ-כע מענשעל אויך חאָטש אַ האַנד זיך דערוואַרימען...

ער נויטיגט זיך נעביך, כ׳לעבען!

פאַר׳ן כלל-ישראל...

II

פּאָמעראַנצען.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ וואַרשאָווער בעל־הבית'טע).

—האָב'ך היינט אַ דאָנערשטאָג, שרה'לע קרוין, זאָל עס מיר קע־רען צו יענעם יאָהר...

זי הערען עפּיס? נישטאָ קיין פּאָמעראַנצען. אָבער פאַר די אויגען נישט אָנצוזעהן. אויסגעחאַפּט געוואָרען. האָטש צוריס זיך שונאי־ציון, זוכענדיג—(זי לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, בלאָזט־אָן די אונטער־גאָמבע און סאָפּעט).

אוי וועה מיר אַזאַ מעשה. אָנגעלאָפען זיך אַ גאַנצען נאָכמיטאָג אין גאַס, אויסגעריסען זיך די גרגרת, אָבגערעדט זיך דאָס האַרץ מיט די יודענעם מ'שטיינס געזאָגט, וואָס וואָלטען געגערען די קעשענע אָבגעשניטען. אַזאַ יקרות, אַזאַ ברען, און דאָ איז נישטאָ מיט וואָס זיך אונטערצולעהנען.

כ'דערמאָן מיך אַזוי. זי געדענקען? (גיט אַ זיפץ) ווי דער מאַרק פלעגט זיין פערפלייצט מיט פּאָמעראַנצען, עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן די געשרייען: „צו זעקס און צו דריי!״ „ראָזינקעס!״, „אַנ'עס און אַ נאַש!״—פאַר די אויגען שימערירען מיר נאָך די גאָלדענע, פעט־

פלייסיגע קעפיגע פּאָמעראַנצען און די קליינינקע פוך-ווייכינקע מאַנ-דערינקעלך, וואָס דו לעגסט צו זיי אַ פינגער צו שפריצט עס דיר אַ פול פנים זאַפט... (זי שפּייט אויס) טפו.

אַזאַ כפרה. מ׳זאָל נישט קריגען קיין פּאָמעראַנצען! קראַנק זענען זיי געווען די קרעמערס אָנצוגרייטען אַזאַ נויטיג אַרטיקעל. אַ שוואַרץ יאָהר אויף זייערע קעפּ!

און וואָס מיינען זי שרה׳לע קרוין, כ׳וואָלט נישט קראַנק געווען אַצינד אויף אַזוינע געממזר׳טע, רויטצוויקענדיקע מאַנדערינקעלעך חאָטש אַ האַלב „מענדעל”. זי זאָלען אַזוי לעבען און איך אויך ווי כ׳וואָלט גאַנץ גוט פאַרדייהעט, וואָס איז? כ׳טאָר מיר טאַקע נישט פערגינען? מען איז אַליין אויך אַ מענש. אין זיך אַליין איז מעהר מצוה. אַלץ אינאיינעם די „היימלאָזע” און „היימלאָזע”. גלויבען זי מיר כ׳האָב אי-בערגענוג געטהון, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין... אַנ׳אַלט העמד מיט דריי לאַטקעס אינגאַנצען, צוויי פּאָר זאָקען און אַ פונק ביי קינדער שירצעל ערשט פּאַר אַיאָהרען פסח געקויפט.

און כ׳מיין טאַקע, וויפיעל איז מען דאָס מחויב? ביי די היינטיגע גאָלדענע גליקען מ׳שטיינס געזאָגט. ס׳איז נאָר גרינג יענעם צו זאָגען:— גיב. אַ מכה איז גוט ביי יענעם...

יאָ, און ער, דאָס גוטע מענדעל מיינער, מיינען זי, וועט מיר חאָטש גלויבען? זאָלען די שונאים אַזוי אויסדערלעבען דעם היינטיגען שבת. וועט אַרומגעהן ווי זיין שטייגער אַראָבגעלאָזט די נאָז און שטי-לערהייד וואָרטשען ווי אַ הונד: „נישטאָ קיין פּאָמעראַנצן”... נישט גע-קאָנט אָנגרייטען... און געה דערצעהל איהם.

אוי וועט ער, דאַכט זיך מיר, האַפּען אַ יאָג, וועט איהם כדאי זיין, מיין גאַנצען כעס וועל איך צו איהם אויסלאָזען. אדרבה, לאָז ער זיך אַרומשלעפען צווישען די דראָזשקעס מיט די אויטאָמאָבילען, מיט די טראַמווייען, מיט די זעלנער און זוכען פּאָמעראַנצען. ס׳איז גאָר נישט אַזאַ גוואַלד. ביי לייטען קעהרט דאָס אין גאַנצען צום מאַנסביל. טאָמער האָסטו געהערט, זעה נאָר דעם מענטליק? כ׳קום נאָך אַרויס פון אַזאַ שען הויז ווי ער און מיין טאַטעשי איז אויך נישט אַבי ווער..

מ׳זאָגט, אַז ביי די האַליע קריעגט מען פּאָמעראַנצען. נו זאָל ער אונטערפאָהרען און קויפען. וואָס איז? דאָס איז פּאַר מיין כח? פּאַר מיין געזונד? אַ קראַנק צוברעכען מענש (כאַפּט זיך פּאַר׳ן בוזים). כ׳פאַל אַזוי אויך פון די פיס. אַז נישט וועל׳עך זיך נישט אָוועקלעגען נאָכ׳ן היינטיגען טאָג... אַז נישט וועט זיך מיר דער פּעהלער נישט אָנרופען...

און גלויבען זי מיר שרה'לע קרוין, די פּאָמעראַנץ פּעהלט מיר נאָך מעהר ווי איהם.

ס'קומט דער פרייטאָג-צו-נאַכטס, ס'פאַלט אַריין אַ מענש, איז פראָסט נישטאָ מיט וואָס איהם אויפצונעהמען. ווידער דאָס גלעזעל „וואַ־רימע וואַסער" און אָבער דאָס גלעזעל וואַרימע וואַסער, אָדער דער „אַנטאָנער" עפּעל, וואָס קריכט שוין פון האַלז, כ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, אַז קיין ביסעל ביער איז נישט פאַרהאַן וואָלט אַ פּאָ-מעראַנץ געווען ווי געוואונשען.

צו מען פערזעצט זיך שבת-צו-נאַכטס ביים „שפּיעלען", עס ווערט טרוקען אין האַלז—איז פּאָמעראַנץ נויטיג ווי דאָס לעבען. דער קוֹלען מיט די „באַבקע"—אַזאַ מזל אויך די בעקערס—אָדער זיי קומען אַרויס פאַרברענטע, אָדער אינגאַנצען רויה. אַז מ'ווערט גע'הרג'עט פאַר'ן שטיקעל האָלץ. יענע וואָך זעהן זי, איז גאָר נישט מעגליך געווען אין מויל אַריין צו נעהמען, געשפּירט זיך דער אייל, זאָל אַזוי די קרע-מערקע פון האַלז... אַ חרפּה און אַ שאַנדע צו ווייזען זיך מיט אַזעל-כֿעס אויפ'ן טיש...

און ווידער איז פּאָמעראַנץ טאַקע גוט ביי אַלע צייטען. ס'איז מחיה-נפשות, דערחאַפּט דאָס הארץ, שטילט דעם דורשט, גיט צו קרעפ-טען און צוגעהט אין מויל... (זי שפּייט אויס).

נאָר וואָס כ'בעט איהן, קומט אַרויס פון רעדען, אַז דאָס מין איז גאָר נישט צו בעקומען.

און נו, אין אַ שען שטיקעל צייט לעבען מיר דאָס. וואָס מען שטעהט אַלץ אויס. פון אייזען דאַרף מען זיין מ'זאָל דאָס אַלץ איבער לעבען. אַ מלחמה האָט זיך דעם דייטש געוואָלט. אַנ'אויסווילעניש און אויסרייסעניש אויף איהם. באָמבעס וואַרפט ער, וואָלט ער בעסער פּאָ-מעראַנצען געוואָרפען...

III

„אָפּען" און „פערמאַכט".

פון דער געדיכטער לעבעדיגער כוואַליע, וואָס טראָגט זיך דורך מיט אַ שטורם און פערפלייצט די נאַלעווקעס אויף ביידע ברעגען—טיילט זיך אויס שווימענדיג געגען שטראָם אַ קורץ גע-וויקסיגער יודעל מיט אַן'אָבגעברענט פּנים און שוואַרץ גלאַנציגע אויגען, אין אַ לאַנגען שוואַרצען פּאַלטאָ און קליין היטעלע, פערשטעלט דעם וועג אַ לויפענדיג הויכען האָריג-בעוואַקסענעם יוד אין אַ שווע-רע גרויע בורקע מיט אַ באַרינקאָווע היטעל און חאַפּט איהם פריי-דיג אָן:

—יאָסעל?

דער הויכער בלייבט שטעהן דערשראָקען, בויגט-אַראָב און קוקט גוט אָן דאָס קליינע יודעלע, דאַן אַריינקומענדיג אין התפּעלות שרייט ער אויס נישט מיט זיין קול:

—פּיניע?

ביידע בלייבען שטעהן פערגאַפט, קוקען זיך אָן מיט גלאַנציגע אויגען און שווייגען. דאָס גרויסע וואונדער האָט זיי גענצליך די שפּראַך בערויבט. אַזאַ בעגעגעניש! נאָר דער מענשען-געדראַנג און די שטוי-

סען וואָס זיי בעקומעןביידע פון פרעמדע עלענבויגענס, ערוואַכט זיי.

ביידע מאַכען זיך גלייך, קוקען זיך אַרום פאַרזיכטיג, ווי זיי האָבען מורא פאַר זייטיגע בליקען און ווי אָבגעשמועסט פערקערעווען זיי זיך אין אַ זייטיג טויער אַריין. דאָרט פערבינדט זיך צווישען זיי אַזאַ געהיימער רמז'דיגער געשפרעך:

דער נידריגער:—אַרויסגעחאַפּט זיך? (קוקט אַרויף).

דער הויכער:—ס'איז דאָך אָפען (קוקט אַראָב).

דער נידריגער:—וואָס כ'הער. אָפען? (פערבייסט די אונטערשטע ליפּ).

דער הויכער:—אַז מ'זאָגט אָפען—איז אָפען.

דער נידריגער:—אָבער ס'געווען פערמאַכט.

דער הויכער:—אַנ'איינפאַל (לאַכט גראָב).

דער נידריגער:—איז קיינער דאָרט נישטאָ?

דער הויכער:—קיינער (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט).

דער נידריגער:—קאָן מען דאָך גאַנץ גרינג אַריין (קוקט צרויף פערטראַכט).

דער הויכער:—אוי. אוי.

דער נידריגער:—זאָל איך מיך אַריינחאַפּען?

דער הויכער:—נאָר וואָס? (שמייכעלט און ווינקט מיט די אייגען).

דער נידריגער:—און די שומרים? (דאָס רויטע פּנים ווערט בלאַס).

דער הויכער:—אַ דר'ערד פון זייערטוועגען... (ווייזט אַ קולאַק).

דאָס זייטיגע אויער ווען עס וואָלט דעם שמועס קולט געווען, וואָלט מאָמענטאַל זיך אָנגעשטויסען דעם פּירוש המלות: דאַ פּלאַנעוועט זיך מסתמא אַ וואַזשנע גנבה, מען רעדט זיך אָב תמימות'דיג אַריינצוחאַפּען זיך ערגיץ אין אַנ'אָפען וואוינונג, וואו קיינער איז גראָד נישטאָ און מאַכען דאָרט די בדיקה און טאָמער וועט זיך זיי עמיץ שטעלען אין וועג, זאָל מען יענעם האַקען די ציינער...

קלאָר און פערשטענדליך.

ס'וואָלט אָבער אַ חשד געווען אויף גאַנץ כּשר'ע יודען.

דאָ ריידען איינפאַך צוויי אייגען שטעטעלדיגע יודען:

דער נידריגער, וואָס האָט פאַר דער מורא פון אָנקומענדיגען שונא, זיין אָנגעהאָרעוועט און ערוואָרבען גוטס אויף הפקר געלאָזט און אַנטלאָפען אַהער אין שטאָדט אַריין—פרעגט ביים הויכען, אויב דאָס שטעדטעל איז „אָפען". נאָך נישט אָבגעשלאָסען דורכ'ן „קורצען", דער הויכער פערזיכערט איהם, אַז עס איז „אָפען" און קיינער איז דאָרט נישטאָ. נישט „אונזערע" און נישט „זייערע". קריגט דער ערשטער חשק צוריק זיך אַהיים חאַפען אָבראַטעווען דאָס וואָס וועט זיך לאָזען, איהם שטעהן נאָך אָבער אין וועג די „שומרים"—די שטאָדטישע בחורים, וואָס היטען-אָב, אויב אַ בעל-הבית איז אַנטלאָפען פון דער היים אין דעם קריטישען מאָמענט איהם צוריק נישט אַריינצולאָזען;—דערויף בערוהיגט איהם דער הויכער, אַז די שקצים קאָן מען פראָסט אויספאַטשען.

IV

שליטעלעך.

אַ פעליגע נאַכט האָט אונטער׳ן פרייען הימעל, וואָס איז געווען מיט אַ שוואַרץ וואָלקענדיגען פאָרהאַנג פערצויגען, דער אומגעריכט אָנגעקומענער פערשייטער, בייז-שניידיגער ווינד, געטאַנצט, געשטיפט און ליידענשאַפטליך געווילדעוועט מיט דעם שטיל-ברענענדיגען, אָטעם-פערחאַפּעדיגען. ווייס־האָריגען פראָסט. פאַרטאָג האָבען זיך שוין די געוויןווייהען געלאָזט פיהלען, ס׳האָט זיך געהערט ביז צום אויפציטערן אַ קרעכצען, אָכצען, און אַ שטילער יאָמער ו-ו־ו-וועה... ו-ו־ו-וועה... אין דעם בעגינען איז געפאַלען אויף דער וועלט דאָס ערשט-געבוירענע. אונשולדיגע, ריינע קלאָר קינד—שניי...

געבוירען געוואָרען איז עס מיט מול און מיט לעבען אויף לאַנגע טעג... נישט אַזוי גיך וועט עס דער גראָבער מענשליכער שטיוועל צוטרעטען.

טאַטע-מאַמע האָבען קיין כוחות נישט געשפּאָרט. פעט און שטייף איז עס געוואָרען, צוואָקסען אין דער לענג און אין דער בּרייט.

אַ ש׳יט-וועגס—אַ נחת!...

האָבען זיך איבער די גאַסען בעוויזען ווי אויסגעוואַקסען, די דינ-געשניצטע, קיילעכדיג-געבויגענע פערשידען-פאַרביגע שליטעלעך מיט די מעשענע גלעקלעך אָן דער שפּיץ. און דערמאָנען דעם געדאַנק אין יאהרען, אין צייטען, וואָס געווען איז אַמאָל און אַזוי פערשוואונדען. גאָט דער איינציגער ווייסט, ווען וועלען זיי זיך אומקעהרען צוריק.

זיי גליטשען זיך די שליטעלעך איבער דעם טרוקענעם שניי, רוקען זיך אַהין און אַהער און לאָזען נאָך זיך איבער טונקעלע גרויע צייכענס, ווי דער גרויער אומעט, וואָס זייער ערשיינען לאָזט אין האַרץ איבער.

וואָרום נישט די שליטעלעך-פאַרשוינען פון אַמאָל זענען די איצ-טיגע, נישט קיין פרעהליכע פּאָרלעך מיט פרייע רויטע שמייכלענדיגע פנימ'ער נאָכ'ן מיטאָג זיך דורכצולופטערן אַביסעל—פיהרען זיי איצט, נישט חברה-קאַוואַלערען מיט מיידלעך אויף דער קניע, מיט'ן שפּראָצענ-דיגען געזונדטען יוגענד-לעבען און מיט'ן ברויזענדען הילכיגען געלעכ-טער—שליטלען זיך אויף זיי היינט, אויך נישט די שטיפערישע שול-יוגענד מיט די אָנגעסמאַליעטע אויערלעך און אָבגעזענקטע נעזלעך—פאָה-רען שפּאַצירען אין זיי דאָ.

אומעטיגע, פערזאָרגטע מיליטער-לייט מיט אַ פערגליווערטע בענק-שאַפט אין די אויגען, בעיאָהרטע ברייט-בערדיגע דאָקטוירים מיט שריי-ענדיגע רויטע צלמים אויף זייערע אָרימס, געהילט אין פוטערנע פּאָלערינעס, וואָס פאָהרען דאָכט זיך, ווי גאָר אָהן אַ שום ריכטונג — זענען זייערע פּאַסאַזשירען איצט.

ס'טרעפט, אַז עס שליטלען זיך דורך אַ גרופּע פערוואונדעטע זעל-נער מיט אָנגעהאָנגענע פערבאַנדאַזשירטע הענד, גלייך אויסגעצויגענע פיס, נעבען זיי אַ פערשלאָפענע באַרמהאַרציגע שוועסטער מיט'ן שוואַרצען געדעקטען טוך אויפ'ן קאָפּ—דער ריכטיגער טרויער-צייכען—הערען זיך שווערע קרעכצען און פון די ברוין-און בלויע איינגעשרומפענע געזיכ-טער קאָן מען דייטליך זייער פּיין אַראָבלייענען—און אַ גרויל געהט דורך איבער'ן לייב.

און אַמאָל שלעפען זיך אויף זיי דורך—צו דעם באַהן-סטאַציע—מיטלאָזע פרויען פון בעאַמטע מיט געפרוירענע קינדערלעך. זיי פער-לאָזען זייערע לאַנג-בעזעסענע ערטער מיט פערקלעמטע הערצער און פערווייינטע אויגען.

ניין, ס'איז גאָר נישט אויף קיין פאַל דאָס „שליטלען" זיך פון אַמאָל.

זאָגאַר דער גאַנצער געשטעל, וואָס אין פלוג קומט אויס דער זעלבער איז אָבער דאָך אַ גאַנץ, גאַנץ אַנדערער: דאָס געפּאַשעטע פלינקע פערדעל איז רעקוויזירט. קריכט איצט אַ הויט-און-ביין אַלטע בכבוד׳דיגע שקאַפּע, שטרענגט נעביך אָן אַלע קרעפטען קוים וואָס זי דערשלעפּט דאָס שליטעלע.

דער דראָזשקאַרזש, אַ רעזערוויסט און אפשר אַ רויטער בילעטניק איז אויפ׳ן שלאַכטפעלד אַוועק דאָס פאָטערלאַנד פערטיידיגען און דער יונג דער שמייסער אינ׳ם בלויען חאַלאַט, וואָס גרייכט איהם איבער די טריט און אינ׳ם טאַטענס קוטשמע איבער די אויערען, איז נאָך גאָר אַ „יאַט" און קאָן צומאָל מיט דער בייטש קיין רעכטען שמיץ נישט געבען.

אפילו דער גלאָק האָט נישט דעם היימליכען, ברייטליכען, ראַשיגען קלאַנג פון פערצייטענס. — ערשט קלינגט ער עפּיס אַזוי טעמפּ, פערשטיקט. און פּרובירט לעגט אַן׳אויער צו, הערט זיך גוט איין, ביז׳ן בערזיכער אייך, אַז ער קלינגט אַזוי מאַט און טרויעריג:

—קלאָג!... קלאָג!... קלאָג!...

אַ שטילע לויה.

אַ מאַטע ליכטיגקייט האָט דורך דעם פון פראָסט-פערקאָוועטען פענסטער געשלאָגען אין שטוב-אַריין. אַ גרויער שטילער אומעט האָט פון יעדען ווינקעל געהויכט און אַלץ מיט זיינע פליגעל געהילט; אויף דער פערזשאַווערטער מיט שטריק אַרומגעבונדענער אייזערנע בעטעל, ווייט איבער׳ן שוואַרצען צופודעלטען שטרוי-שעניק איז דער טויטער געלעגען איבערגעדעקט מיט אַנ׳אָבגעבליאַקעוועטען געקעסטעלטען ווינטער-שאַל און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָרט אונטער די שאַל האָט עמיץ פערבאָרגען דעם סוד פון לעבען און טויט.

לייבקע האָט אַ פערטראַכטער הין-און-צוריק די שטוב געמאָסטען, נערוועז געקלאַפּט מיט די פיס ווי זיך אַליין צופערטויבען, געביסען דעם שוין פון לאַנג אויסגעגאַנגענעם פּאַפּיראָס און בייז געשפּיגען אין חלל אַריין.

אויף לייבקען האָט דעם פאָטערס טויט געמאַכט אַ קליינעם איינדרוק. ער האָט דאָס שטענדיג אָבגעוואַרט ווי אַ זאַך, וואָס מען קאָן באין־אופן נישט אויסמיידען. לייבקע האָט אַלע מאָל דעם קראַנקען טאַטען ווי אַ צום טויט פער׳משפּט׳ען בעטראַכט. ער איז אין משך פון יאָהרען מיט דעם דאָזיגען געדאַנק אַזוי איינגעוועהנט געוואָרען, אַז ער האָט מיט איהם שלום געשלאָסען און גלייכגילטיג געבליבען צו דעם,

וואָס מוז סוף-כל־סוף פריהער אָדער שפּעטער קומען... לייבקעס פער-צווייפלונג איבער׳ן פאָטערס טויט האָט געשטאַמט פון גאָר אַנ׳אַנדערע זייט:

ס׳איז נישט געווען קיין מעגליכקייט דעם פאָטער ברענגען צו זיין אייביגער רוה...

שוין היינט דער דריטער טאָג, ווי עס ליגט דער אָבגעשטאַנע-נער קאַלטער קערפּער, וואָרט מ׳זאָל איהם זיין רעכטס טהון, אומקעה-רען צו זיין ערשטער אָבשטאַמונג — צו די מוטער ערד — פון וואַנען ער איז גענומען געוואָרען, און נישטאָ קיין שום מיטעל ווי אַרום דאָס אויסצופיהרען.

שנעלער ווערען לייבקעס טריט ער לויפט אום ווי אַ פערוואונ-דעטע חיה, פערביטערט און אָנגעזאָפּט מיט צער און צאָרן. זיין מוח איז פערזונקען אין איין שאַרף עקבויערענדיגע מחשבה:

—וואָס טהוט מען?

עפּיס צו פערקויפען אָדער פערזעצען איז אין דער אויסגעלע-דיגטער פעראָרימטער שטוב נישט בנמצא; ערנידעריגען זיך און בע-טען ביי עמיצען אויף אויסריכטונג פאַר׳ן מת—דאָס וואָלט לייבקע קיינ-מאָל ביי זיך נישט גע׳פועל׳ט; ס׳איז געווען אַ פּלאַן לייבקע זאָל אַרי-בערגעהן צו זיין מייסטער בעטען אויסלאָג עטליכע רובל. אויפ׳ן וועג שוין האָט ער זיך אָבער אומגעקעהרט אַהיים. צו גוט קאָן ער דעם מייסטער זיינעם, אַזוי נאַריש צו זיין און גלויבען, אַז יענער וועט פון עפּיס געריהרט ווערען, כדי זיין בייטעל געלד צו בעריהרען...

און דאָך האָט ער היינט ווי נישט גערן מסכים געווען צו דער מאַמע׳ן, זי זאָל אין גאַס געהן עמיצען צו וויסען געבען... ער האָט זיך נישט געפיהלט בכוח דער צובראָכענער מאַמע׳ן אָקעגענצושטעלען, ווען פון איהרע אויגען האָט בלוט גערונען און ער האָט זיך אונטער-געגעבען.

אַצינד פיהלט ער זיך דערפון זעהר געקרענקט און נידערגעשלאָ-גען, עס איז איהם אַ בזיון פאַר זיך אַליין. יעדעס מאָל, וואָס ער קומט איהם אויס פאַרבייצוגעהן דעם פאָטערס בעטעל, שטעלט זיך איהם פאָר, ווי דער טויטער טאַטע דאָרט אונטער דער געלער שאַל, וואָס ליגט מיט אַזאַ פער׳עקשנ׳טע רוהיגקייט מיט׳ן פינסטערן פנים און מיט דער אויפגעשטעלטער פערשטאַרטער באָרד — הערט אַלץ, וויים אַלץ, וואָס אַרום איהם קומט פאָר און שמייכעלט אין זיך אויף זיין לייבקעס אונ-בעהאָלפענקייט... און ווי וואָלט זיך איהם געוואָלט אַזוי געבען אַ געה-

א, אָבדעקען די שאַל און דעם טאַטען אויפ'ן אויער אַ זאָג טהון:

—הער טאַטע, וועסט דאָך מודה זיין, אַז ווען כ'האָב געקאָנט, האָב איך פאַר דיר אַלץ געטהון...

ריכטיג. ס'איז אַזאַ צייט געווען גאָר נישט לאַנג ווען לייבקע האָט אַלע דאָנערשטאָג אָוועגד זיין שווער אויסגעהאָרעוועטע וואָך-לוין אַהיים געבראַכט און נישט געמינערט קיין פרוטה איהר אָבגעגעבען אויף דער מאַמעס האַנד:

—נאַ מאַמע, די פענסיע.

די מאַמע נעהמט-צו דאָס געלד מיט אַ קרעכץ, טרעהרען בע-ווייזען זיך איהר אין די רויטע אויגען און זי גיט צו:

—אפשר וועט זיך שוין פון היינט אָן דער אויבערשטער מרחם זיין...

לייבקע איז דער שפייזער פון שטוב. דער טאַטע אַרבייט שוין לאַנג נישט, זינט ער איז קראַנק געוואָרען און צו בעט געבליבען ליי-גען מעהר ווי אַרומגעגאַנגען. נאָך אַלס קינד פלעגט לייבקע הערען דעם טאַטען אָפט הוסטען און חיקען און גאָר מיט אַמאָל פערקייכען זיך אויף אַ שעה, אַז מען האָט געמיינט עס איז שוין נאָך איהם. דער-נאָך איז געקומען אַ דאָקטאָר אין אַ ברייטען קאַפעליוש מיט אַ פעלערינע מ'האָט געבראַכט אַ סך קליינינקע פלעשעלעך, דער טאַטע האָט אייז גע-שלונגען, איז ער אַ צוויי וואָכען אָבגעלעגען אין בעט און ווידער גע-וואָרען געזונד.

—אַ האַרץ-פעהלער—האָט ער דאַן געהערט רעדען — האָט דער טאַטע.

ערשט ווען ער איז אַ גרויסער געוואָרען, אַנגעהויבען אַרבייטען און פערדינען—האָט איהם די מאַמע אַלע מאָל מעהרער פרטים פון טאַ-טענס קרענק דערצעהלט. לייבקע האָט שטענדיג פעראינטערעסירט גע-הערט פונקט ווי דאָס ערשטע מאָל.

—אַ שלאָסער דער טאַטע געווען, ווי דו היינט יונג און שען, נישט געטרונקען, נישט אין קאָרטען נעשפילט, טריי און איבערגעגע-בען מיר געווען, כ'האָב מיך מיט איהם גליקליך געשעצט און פלוצ-לונג—אַ הימעל שטראָף—יעשען דעמאָלט געווען, אַ פוילער ווינד, אַ נעץ רעגען, איז ער אַ פערשוויצטער אַרויס אויף דער גאַס און—אַ וועהטאָג איז מיר—ס'האָט איהם אין האַרץ—זאָגט'ר—געגעבען אַ שטאָך ווי אַ ביס

פון אַ וואָרם. און אַזוי נעביך, האָט ער בעקומען דעם פעהלער. דאָק-טוירים זאָגען אָבער—ענדיגט די מאַמע—אַז ער קאָן אַזוי אויסלעבען די יאָהרען...

עס געהט נישט אַוועק פונדעסטוועגען איין וואָך די מאַמע זאָל זיך נישט אַריינרייסען אין פאַבריק מיט אַ יאָמערליכען געשריי:

—קום אַהיים לייבקע, האָסט שוין נישט קיין טאַטען!

ביי'ז און צוטראָגען וואַרפט לייבקע די אַרבייט. פלינק ווי אַ פוי-געל לאָזט ער זיך פליהען, שוין באַלד איז ער ביים האַלב-טויטען פאָ-טער. מיט זיינע שוואַרצע געזונדטע הענד דריקט ער איהם פאַר די שלייפען, רייבט איהם ביים האַרץ, ביז דער לעצטער עפענט די אויגען און אָטעמט-אָב. דאַן ברענגט לייבקע אַ דאָקטאָר, פערשאַפט די רעצעפט און לאָזט זיך צוריק צו דער אַרבייט נישט ווערענדיג געריהרט פונ'ם שבח, וואָס די שכנות גיבען איהם אין די אויגען.

גרינגער, העכער, הויבט זיך ביי איהם דער האַמער נאָך אַזאַ פאַל. אנגענעהמע טענער גיט פון זיך דאָס אייזען אַרויס. טיק... היק... יעדער קלאַפ מונטערט און הייטערט איהם. אַ שטראָם וואַרימקייט געהט איהם איבער'ן גאַנצען קערפער דורך און אויפ'ן האַרץ איז איהם אַזוי גוט, לייכט, דורך זיין האַנד איז דעם קראַנקען טאַטען ווידער דאָס לעבען געשענקט...

אַזוי חזר'ט עס זיך איבער כסדר, לייבקע ווערט נישט מיעד צו דערררייסען דעם פאָטער און צו פלעגען איהם אין זיין קרענק. ער קאַרגט איהם גאָר נישט. אפילו שוין איינמאָל חדשים-לאַנג אין אָטוואָצק איהם אויסגעהאַלטען.

נאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה, מ'האָט די פענ-סיעס פערקלענערט. לייבקעס פערדיענסט האָט קוים געקלעקט אויף ברויט מיט קאַרטאָפעל די וואָך אויסצוקומען; די מאַמע איז אַמאָל אַנ'איינ-געהערין געווען אין רייכע בעל-הבתישע הייזער—וועש האָט זי אַרויס-גענומען צו פעררייכטען—זענען די אַלע קיין רוסלאַנד אַנטלאָפען און קיין זייטיגער גראָשען איז אויך נישט צוגעפאַלען — האָט מען דעם קראַנקען טאַטען אויפגעהערט צו-צוזעהן און ער האָט אָנגעהויבען פאַר זיי אין די אויגען אונטערצוגעהן.

ווען לייבקע איז מאָנטאג פריה אַוועק צו דער אַרבייט איז איהם אַזוי באַנג געווען. אַנדערש ווי תמיד האָט ער בעטראַכט דעם טאַטען, וועלכער איז געזעסען איינגעהילט אינ'ם שיטער אויסגעקראָכען פעלצעל, האַרט צוגעשפאַרט צום קאַלטען אויווען און בעהאַרצט אַזוי עפיס פון

סידור געזאָגט. ווי טרויעריג, ווי מאַט, ווי אָבגעצערט דאָס געל-גע-קנייטשט פּנים איז געווען און וויפיעל אינערליכער פּיין עס האָט אַרויס געקוקט פון זיינע פערנעבעלטע אויגען. עס האָט איהם אַזוי ביים האַרץ פאַרשפּאַרט, אַז ער האָט געוואָלט אַרויף פאַלען אויפ'ן טאַטען איהם קושען און אַזוי פיעל וויינען..

און, אַז די מאַמע איז שפּעטער מיט דריי שעה אַריינגעפאַלען אין פאַבריק מיט אַ געוויין:

—קום אַ היים לייבקע, האָסט שוין נישט קיין טאַטען! — האָט לייבקע דערשפּירט, אַז אַצינד איז ער גאַנץ אַנדערש ווי אַלע מאָל. ער איז געבליבען זיצען מיט דער פייל אין דער האַנד און זיך פון אָרט נישט געקאָנט ריהרען. די מאַמע האָט איהם אַרויסגעשלעפּט און ער איז נאָכגעגאַנגען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אָהן שום בעוועגונג.

שוין אין שטוב איז לייבקע געבליבען שטעהן ביי דער טהיר אונמעכטיג און שטייף געקוקט אויפ'ן גוסס ווי ער איז געלעגען מיט אויסגעלאָשענע אויגען, אַ קאַלטער שווייס האָט בעדעקט זיין ביינערען פּנים, אַ ווייסע געדיכטע שוים האָט איהם פון מויל געפלאָסען, אין האַלז האָט שטאַרק געאַרבייט און דאָס האַרץ האָט זיך געהויבען און גע-הויבען ווי נור אַרויסצושפּרינגען..

אין מיטען דעריינען האָט זיך לייבקע דערמאָנט נאָך וואָס ער איז געקומען, אָבגעריסען זיך פון אָרט און דערלאַנגט אַ שפּרונג-צו צום בעטעל און געוואָלט איבער'ן טאַטען נעהמען אַרבייטען מיט די הענד, ווי שטענדיג, נאָר די מוטער האָט זיך איהם אין וועג געשטעלט:

—דו זעהסט נישט, אַז מ'טאָר שוין נישט...

דאַמאָלסט ערשט האָט לייבקע אויסגעבראָכען אין אַ געוויין...

לייבקע האָט אינ'ם מיטען לויפען אַ דערשראָקענער זיך אָבגע-שטעלט, די אויגען האָבען זיך ביי איהם ברייט געעפענט און זיינע בליקען האָבען געפּאָרשט די געלע שאַל אויפ'ן בעטעל, וואָס דער טוי-טער קערפּער אונטער איהר איז געוואָרען פיעל בולט'ער און אָנגענו-מען דעם פאָרם פון אַ פרישען פאַרשיטען קבר:

—האָט דאָס געקאָנט געשעהן? אָדער האָט ער עס נור אין דער קראַנקער פאַנטאַזיע געזעהן?

מיט אַ מינוט צוריק איז געבוירען געוואָרען אַנ'אויפטהו אין זיין קאָפּ: באין ברירה וועט ער אַליין בעגראָבען דעם טאַטען אין דעם

צושטאַנד ווי ער איז איצט. און פלוצלונג — — — האָט זיך דער טויטער אַ צאַפּל געטהון...

אונטער׳ן שאַל האָט געהערשט אַ פערגליווערטע רוהיגקייט. לייבקע האָט זיך דערין פּאָלקאָם איבערצייגט און דאָך האָט ער דער-פיהלט ווי אַ טיפען שניט אין ברוסט: ס׳איז איהם מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען די גרויסע עולה, וואָס ער האָט בדעה געהאַט געגען פּאָטער צו בעגעהן, און ער האָט דעם געדאַנק אינגאַנצען אויפגעגעבען.

דערנאָך האָט ער געקלערט אַזוי:

—ווען איך אַנטלויף וואָלטען יודען געמוזט דעם טויטען צו נעה-מען און איהם אַ קבר געבען.

און אַצינד האָט זיך ביי איהם אין האַרץ צופלאַקערט אַ גרויסער צאָרן אויף די אונבעקאַנטע יודען. וואו זענען זיי דען ערשט? און פאַר וואָס זאָלען זיי היינט נישט קומען? דער געדאַנק האָט איהם געפּלאָגט, האָט ער זיך צום בעטעל דערנעהנטערט, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ איבער׳ן טויטען טאַטען און ביטער געשמייכעלט:

—אָרימער אַרבייטער, עלענד בעשעפעניש! אינ׳ם לעבען האָסטו קיין אָרט נישט געהאַט און בעקומסט איהם אויך נאָכ׳ן טויט נישט...

דאָס ווייסע מיט שניי בעדעקטע פענסטער האָט גענומען שוואַרצען. אין שטוב איז געשטאַנען אַ פוילע דרינגענדיגע קעלט. לייבקע האָט זיך דערשפירט מיעד און דורכגעפרוירען ביז׳ן ביין. ער האָט זיך גע-וויקעלט אין פּאַלטאָ און געשפּאַנט שטיל און איינגעהאַלטען.

אַצינד האָט ער געהאַט אין קאָפּ אַ פּאָלשטענדיגען אויסגעאַרביי-מען פּלאַן און איז געווען פעסט ענטשלאָסען איהם דורכצופיהרען ביז׳ן סוף, באַם די מוטער וועט נישט ברענגען הילף פון גאַס.

ער האָט זיך געוואָלט צושפּאַרען אויפ׳ן בעטעל ווען אין שטוב איז אַריין די מוטער אַנ׳איינגעבויגענע און אַ פערצאָגטע, זי האָט אָהן שום רייד אַ וואָרף געטהון מיט׳ן אויג צום טויטען ווי צוקאָנטראָ-לירען אויב ער איז נאָך פאַרהאַן דאָ... דערנאָך האָט זי אַ הויכען קרעכץ אַרויסגעלאָזט און מיט פערבראָכענע הענד מעהר אין שטוב אַריין געזאָגט:

—קוים אויסגעבעטען. מאָרגען פאַרנאַכט קומט נאָך איהם די עגלה.

—מאָרגען ערשט? לייבקע איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער. האָסט דאָך מסתמא געזאָגט ווי לאַנג...

ער האָט זיך פאַרהאַקט און געבליבען שטיל.

—נו, אַודאי—האָט די אלמנה געשטאַמעלט—ווען נישט דאָס וואָל-

טען זיי זיך נישט געאיילט...

לייבקע האָט זיך אַ ריס געטהון צו דער טהיר און ווען ער האָט איהר געעפענט האָט ער פון דרויסען אַריינגערעדט:

—הער מאַמע, כ׳געה נאָך בערלען. ביינאַכט איז היינט פינסטער אין די גאַסען, וועלען מיר׳ן ביידע אַוועקטראָגען אויפ׳ן בית-עולם און וואָלען זיי דאָרט מיט איהם מאַכען וואָס זיי ווילען...

די אַלטע האָט דערווייל פון אונטער דער שאַבקע צוויי ליכטלעך אַפּריר גענומען, אָנגעצונדען און אַוועקגעשטעלט זיי צוקאָפּענס פונ׳ם טויטען.

עס איז צוגעפאַלען אַ גרויע נאַכט, וועלכע מענשען האָבען זיך געמיהט איהר רעכט פינסטער צו מאַכען. די גרויסע שטאָדט האָט די אויגען פערשטעלט און געמיינט דערמיט, אַז קיינער וועט איהר ניט זעהן...

אין אָרימען קוואַרטאַל האָט מען זיך געלאָזט בענוגענען. די בע-לויכטענע פענסטער מיט פערקלאַפּטע פאַפּיר אינעווייניג האָט אויסגעזעהן, ווי אַ מענש מיט פערבונדענע אויגען; ערגיץ אַנדערש האָט מען די פענסטער מיט דיקע געדיכטע טיכער פערהאַנגען ביז צו דער זיכערקייט, אַז קיין ליכטיגער שטראַהל וועט זיך נישט דורכ׳גנב׳ענען אַרויס אָדער מען האָט שטייף די שטאָרען אַרונטער געלאָזט.

צוויי לאַמטערנעס פון ביידע עקען גאַסען האָבען געצאַנקט, עפּיס ווי על פּי טעות האָט מען זיי פערגעסען צו פערלעשען; דער טראַמוויי האָט זיך אַ פינסטערער דורכגעשאַרט די גאַס און וואו-נישט-וואו איז דורכגעפאָהרען לאַנגזאַם האַלטענדיג זיך ביים טראָטואר אַנ׳אויסגעלאָ-שענע דראָשקע מיט אַנ׳אויפגעשטעלט בויד און די טריט פון די פערד האָבען אָבגעהילכט אין דער לעדיגער גאַס.

פערשפּעטיגטע חדר-יונגלעך געפיהרט ביי די הענד פון די טאַ-טעס האָבען נייגעריג די קעפּלעך צום הימעל פעררייסען און די טאַטעס האָבען אויף זיי אָנגעשריען:

—מ׳האָט דאָך אייך געזאָגט, אַז מ׳טאָר נישט קוקען!...

און דער נאַכט-וועכטער איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשלאָגענער, האָט דערויף אַ ברום געטהון:

—פינף שטיק זענען זיי!...

באַלד איז איינגעטרעטען אַ וויסטע שטילקייט. שוואַרצע וואָלקענס

האָבן שטיל פאַרבייגעצויגען. אין דער שטילקייט האָט מען געקאָנט הערן קומען נייע וועלטן. שטימען האָבן געשאַלט ווי טויטע אויפ־צעוועקן און אין דער פינסטערקייט האָבן ריין־קלאָרע טרעהרן געלויכ־טען...

לייבקע, מיט דער הילף פון זיין חבר, האָבן פערשטומט אין דער טויטער גאַס מיט׳ן טויטען קערפער צום טויטען־הויף געשלייכט און בעגלייט האָט זיי אַ פוסטע שוואַרצע מרה־שחורה.

אַ גרוס פון יענער וועלט...

אַז פּנחס פרידלעך איז אַמאָל אין אָוונט ווי זיין שטייגער, אַריינגעקומען אויף גאַסט צו די זילבערפיינס, האָט ער צווישן דער שטענדיגער הויז-געזעלשאַפט געטראָפן אַ פּנים חדשות: אַ דיקליכען יונגערמאַנטשיק אין אַ שוואַרצען סמאָקינג מיט אַ געטאָקט קיילעכדיגען פּנים און גלאַנציג לאַכענדיגע אויגען.

אין שטוב האָט געדריקט אַנ׳איינגעהאַלטענקייט. ס׳איז געווען שטיל, אַז מ׳האָט יעדענס אָטעמען געהערט. די אָנגעגעגאָסענע גלעזער טיי אויפ׳ן טיש זענען געשטאַנען נישט בעריהרטע ווי פערגעסענע. אַלע זענען געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם פרעמדען און מיט׳ן גע-שפּאַנטסטען אינטערעס זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס יענער האָט דער-צעהלט מיט היץ און זשעסטיקולירט דערביי מיט די הענד.

פרידלעך האָט זיך געזעצט און אויף וויפיעל ער האָט זיך אָנ-געשטרענגט נישט צו מאַכען קיין גערודער ביי׳ם אַרויסרוקען די שטוהל איז איהם דוקא נישט געלונגען. דער דערצעהלער האָט איבערגעהאַקט, אויף אַ רגע דורכגענומען איהם מיט די אויגען און באַלד ווייטער דערצעהלט:

— קודם פערשטעהט איהר מיך, האָבען זיי אַ נעהם געטהון די אָנ-געזעהענסטע בעלי-בתים און אַלע טאָג דריי אַנדערע פון זיי בעפוילען

צו רייניגען די גאַסען... דערנאָך האָבען זיי מאָביליזירט אַלע מיידלעך אין עלטער פון 17 ביז 26 יאָהר, בעזעצט זיי אין קאַזאַרמעס און זיי מוזען טהון אַלע ווייבערישע אַרבייט פאַר דער אַרמעע ווי: באַקען, קאָכֿען, וואַשען וועש, נייהען, שטריקען און ד. גל... די בעקערייען האָבען זיי רעקווירירט און קיין ברויט איז אין שטאָדט נישטא.

—וואָס האָבען מיר היינט?—האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויב אַלע הערען איהם אויפמערקזאַם—דעם 9-טען?—יענעם דיענסטאָג דעם 1־טען, האָט מען פערקויפט ציווילע ברויט אין אייניגע בעקערייען, זענען געלאָפען די רייכֿסטע בעל־הבית׳טעס אַליין נאָך אַ ברויטעל, געצאָהלט פרייזען אין טאָג אַריין. און פלוצלונג פון דער העלער הויט, מען ווייסט נישט פון וואָס און פון וואַנען—אַ פּראָוואָקאַציע מסתמא — איז אויסגעבראָכֿען אַ שיסעריי און 75 פרויען זענען גע׳הרג׳עט געוואָרען אויפ׳ן אָרט. מ׳האָט אפילו נישט דערלאָזט זיי דערנאָך ברענגען צו קבר ישראל...

—„אַך, וואָסערע נאָך שרעקליכֿע זאַכֿען — האָט דער דערצעהלער אַ שיינענדיגער כֿמעט אויסגעזונגען — דער דאָזיגער לאָדזער האָט זיך דאָס אָנדערצעהלט, פשוט די האָר האָבען זיך קאַפּויער געשטעלט. הערענדיג זיינע מעשיות האָבען מיר זיך אַזש פונאַנדערגעוויינט...

אַלע ביים טיש האָבען זיך אָבגעשאָקעלט, ווי פון אַנ׳עקעלדיגע זאַך. די מאַדאַם זילבערפיין האָט, קיינער זאָל נישט בעמערקען, אין אַ זייט אויסגעבויגען זיך און דריימאָל אויסגעשפּיגען... פרידלעכֿ׳ן אָבער האָבען דעם דערצעהלער׳ס ווערטער אומגעציעלט געטראָפען אין האַרץ ווי מיט געגליהטע שפּיזען. ווען ער האָט דעם נאָמען „לאָדז״ געהערט דערמאָהנען האָט איהם אַ שווייס דעם גאַנצען קערפּער אָנגעגאָסען און ער האָט זיך פון אָרט געהויבען ווי אַ געביסענער.

שוין אַכֿט וואָכֿען צייט ווי פרידלעך דרעהט זיך אַרום דאָ אַנ׳עלענדער, אַנ׳איבריגער, אָבגעריסען פון זיין פרוי און טעכֿטער אין לאָדז. עס האָט זיך איהם דורכאויס פערוואָלט סאַמע אין די לעצטע טעג איידער לאָדז איז פערנומען געוואָרען חאַפּען זיך געשעפטליך אַהער און בעווייזען נאָך קומען אַ היים. און ער איז טאַקע געבליבען שטעקען אונטערוועגנס...

געהט ער אַרום אַ שטאַרק בעזאָרגטער פאַר זיין פאַמיליע, מיט וועלכֿער ער קאָן אין קיין פערבינדונג נישט קומען און איז פאַר איהם ווי פערלוירען, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג — און דאָ האָט זיך איהם גאַנץ אומגעריכֿט אונטערגערוקט אַזאַ שוידערליכֿער גרוס.

מיט די אָקופּירטע געגענדען בכלל איז עס דאָסזעלבע פּונקט ווי מיט יענער וועלט. ס'איז נאָך ביז היינט פון דאָרט קיינער נישט צוריקגעקומען אָבגעבען אַ גענויען בעריכט פון אַלעם, וואָס דאָרט קומט פּאָר, מען דערצעהלט אָבער פון דאָרט דוקא אַ סך, אַזוי פון דער שלעכטער זייט ווי פון דער גוטער זייט. מאמינים שאָקלען צו אַלץ צו מיט'ן קאָפּ און אפּיקורסים לאַכען זיך גראָב אויס...

פרידלעך האָט גראָד געהערט צו די ערשטע, צו די גלויביגע. דעריבער האָט ער זיך פון דעם געהערטען אַזוי איבערגעשראָקען. ער איז אַזוי צומישט געוואָרען, אַז דאָס ווייטערדיגע דערצעהלען האָט ער שוין מעהר נישט געהערט, אין קאָפּ האָט איהם גערוישט און אין די אויערן האָט איהם געקלונגען ווי מיט טויזענדער גלעקער...

שוין צום סוף האָט זיך פרידלעך געחאַפּט און אָבגעשטעלט דעם פרעמדען:

—כ'בעט אייך זעהר, אפשר קאָנט איהר אַזוי פריינדליך זיין און מיר זאָגען דעם אַדרעס פון דעם צוריקגעקומענעם פון לאָדז.

—זיין אַדרעס?

דער יונגערמאַן האָט זיך פערטראַכט. זיין נאָז האָט זיך בעדעקט מיט רויטע בושה-פלעקלעך.

—פערשטעהט איהר מיך—האָט ער געשטאַמעלט—איך פערזענליך האָב איהם נישט געזעהן... ס'הייסט געזעהן האָב איך איהם יאָ, נאָר זיין אַדרעס וויים איך נישט.

—און זיין פאַמיליע?

—דאָס געדענק איך נישט, ס'הייסט כ'האָב איהם פערגעסען צו פרעגען.

—אָבער גערעדט האָט איהר דאָך מיט איהם?

דעם יונגענמאַנס פנים האָט געפלאַמט און ער האָט געענטפערט אָבגעהאַקט:

—איך? ניין, גערעדט האָט מיט איהם מיין שוואָגער.

—קאָנט איהר מיר נישט זאָגען אייער שוואָגערס אַדרעס?

—ביטע שען!

ער האָט אָבגעזיפצט, אויסגעריסען שנעל אַ בלעטעל פונ'ם נאָטיץ, פערצייכענט און איבערגעגעבען פרידלעכ'ן.

נאָך דעם זעלבען אָוועגד איז פרידלעך אַוועק לויט'ן אָנגעוויזע-

נעם אַדרעס. דער אייגענטימער, אַ יוד מיט אַ גרויער קאַנטיגער באָרד און בלויע בייטעלעך אונטער די אויגען האָט איהם העפליך אויפגענו־מען. נאָכדעם ווי ער האָט איהם זיין שוואָגער דערמאָהנט.

—מיט וואָס קאָן איך אייך דיענען?

—איהר האָט גערעדט מיט איינעם, וואָס איז געקומען פון לאָדז?

—איך, איך—האָט דער אַלטער געשמייכעלט און די בייטעלעך אונטער די אויגען האָבען זיך לענגער אויסגעצויגען—צופעליג האָב איך איהם געפּאַקט... אַ גוואַלד וואָס ער דערצעהלט אַלץ.

—טהוט מיר אַ געפעליגקייט און זאָגט מיר דעם אַדרעס פון דעם לאָד־זער—האָט זיך פרידלעך געבעטען—עס געהט מיר אין מיין גאַנץ לעבען.

—פערשטעהט איהר מיך — איז דער אַלטער געבליבען פערלעגען און די בייטעלעך אונטער די אויגען האָבען זיך געקאָרטשעט—די מעשה דערפון איז אַזוי: איך, איך, אייגענטליך, האָב איהם אייגענטליך יאָ, ווי זאָגט מען דאָס, נאָך נישט געזעהן...

פרידלעך האָט חושד-געווען דעם אַלטען, אַז ער וויל איהם נישט זאָגען דעם לאָדזערס אַדרעס און ער איז צו איהם שטאַרקער צוגע־שטאַנען:

—ענטשולדיגט מיר, איהר האָט דאָך וואָס געזאָגט, דאָס איהר אַליין האָט מיט איהם גערעדט.

—נישט דאָס, אַז איך האָב מיט איהם גערעדט—עס הייסט, ווי זאָגט מען דאָס, איך האָב מיט איהם כמעט ווי גערעדט.

דער אַלטער האָט געדרעהט מיט'ן קאָפּ, געקוקט קרום אויף זיין גרויער באָרד, וואָס ער האָט אַפּוירגעשאַרט און איהר אונטערגעהאַל־טען מיטביידע הענד,

—וואָס הייסט דאָס, „נישט גערעדט" און „כמעט ווי גערעדט?"

פרידלעך האָט געהויבען מיט די פּלייצעס.

דער אַלטער האָט זיך געפיהלט צוגעדריקט צו דער וואַנד און געקווענקעלט מיט דער צונג:

—דאָס הייסט אַליין פאַקטיש, ווי זאָגט מען דאָס, האָב איך מיט איהם נישט גערעדט, גערעדט מיט איהם האָט מיין שוואָגער דוד. און צו מיין שוואָגער דוד האָב איך, ווי זאָגט מען דאָס,צוטרוי ווי צו זיך אַליין, איז עס ביי מיר גלייך פונקט ווי איך אַליין וואָלט גערעדט מיט דעם לאָדזער.

—איז, הייסט עס, דוד ווייסט יאָ, וואו דער לאָדזער געפינט זיך?

—הע-הע! נאָך אַ מין וויסען!—דער אַלטער האָט אָבגעאָטעמט און

זיך אויסגעהוסט.

—און וואו קאָן מען געפינען אייער שוואָגער דוד׳ן?

—מיין שוואָגער דוד האַלט אַ שפּייז-קרעמעל אויף די אָקאָפּעס...

אַ נאַכט האָט פרידלעך צוגעבראַכט זעהר אַ שווערע. ווי נאָר ער האָט געפּרובט צומאַכען אַנ׳אויג האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווי זיינע ביידע טעכטער די קורסיסטקעס, מאַניע און פראַניע שטעהן אין קאַזאַרמע מיט פערשוואַרצטע עלענבויגענס איבער אַ באַליע ברודיגע זעלנערישע וועש און האָריוועז שווער ביז שווייס... און דאָ—ווי זיין פרוי בראָניע וואַלגערט זיך אין אַ רינשטאָק ערגיץ פאַר אַ בעקריי מיט אַדורכגעלעכערטען שאַרבען...

גאַנץ פריה איז ער אַ האַלב בערוהיגטער אויפגעשטאַנען און געלאָזט זיך זוכען דוד׳ס שפּייז-קרעמעל אויף די אָקאָפּעס, וועט ער דאָך באַלד וויסען דעם גאַנצען אמת וועגען לאָדז...

—ר׳ דוד האָט רחמנות אויף אַ יוד, זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר דעם אַדרעס פון דעם געקומענעם פון לאָדז. אייער שוואָגער האָט מיר פערזיכערט, אַז איהר ווייסט.

פרידלעך האָט גערעדט מיט אַ געשטיקטער שטימע און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ וועלט מיט פּיין.

—אַ שאלה צי איך ווייס? אודאי ווייס איך. מהיכא-תיתא איהר דאַרפט נישט בעטען. דער יונגערמאַן וואוינט אויף... ס׳איז אַ מורא צו הערען וואָס דאָרט טהוט זיך, אין דעם לאָדז.

פרידלעך האָט געבלאָנדזשעט איבער גאַסען און געסלעך, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען אויף נאַס גליטשיגע טרעפּ, אָנגעקלאַפּט אין אַ געשפּאָלטענע טהיר, וואָס איז געווען בעקלאַפּט פון אויבען ביז אַראָב מיט געפלאָכטענע שטרוי און אַריינגעפאַלען אין אַ פינסטערן קאָרידאָר, וואו עפּעס אַ זויערער ריח האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון אין נאָז.

—דאָ וואוינט אַ לאָדזער יונגערמאַן?

פון דער אַנדערער שטוב האָט אַ דומפּיג קול אַרויסגעשריען:

—זיידמאַנ׳ען זוכט איהר? זייט מוחל אין דער לעצטער שטוב.

האָט ער זיך געלאָזט נאָכ׳ן קול און דאָך געטראָפען אין דער לעצטער שטוב.

אויף אַ קאַנאַפּע איז געלעגען אַנ׳אָבגעצערטער יונגערמאַן מיט אַרויסשטאַרצענדיגע קיהן-באַקען און מיט אַ שוואַרצען פלאַסטער אויף

דער גאָמבע. ער איז אויפגעשפּרונגען און געשטעלט זיך מיליטעריש־מעסיג גלייך אויףביידע פיס.

פרידלעך האָט בעטראַכט דעם לאָדזער און ביי זיך געקלערט:

אַ העלד דער דאָזיגער בחור! אַזוי דרייסט צו זיין, דורכרייסען זיך דורכ׳ן שונא און דורכמאַכען אַ וועג אַהער.

דערנאָך האָט ער דרך־ארץ׳דיג געפרעגט:

—כ׳בעט אייך זעהר איבער, איהר זענט אַ לאָדזער?

—אַ לאָדזער.

—פון וועלכער גאַס?

—פון באַלוט.

—ווען זענט איהר געקומען?

—אויף שבת.

—האָט זיך דאָס אין אונזער לאָדז אַזעלכעס אָבגעטהון?

פרידלעך האָט בעדויערענד געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

—פרעגט גאָר נישט מיין הער—האָט דער יונגערמאַן מיט׳ן שוואַרצען פלאַסטער אויף דער גאָמבע אונטערטעניג גערעדט — ס׳איז דאָרט חושך...

—איהר ווייסט אפשר די נעמען פון די פרויען, וואָס זענען גע־הרג׳עט געוואָרען אין די בעקערייען?

פרידלעך האָט געפיבערט און געקוקט מיט מורא דעם יונגענמאַן אין מויל אַריין.

—פון וואַנען קאָן איך דאָס וויסען?—האָט ער גראָב געלאַכט.

—אָבער איהר האָט בייגעוואוינט די אַלע געשעהענישען?

—איך?

דער יונגערמאַן האָט זיך גע׳חידוש׳ט און געצוקט מיט די אַקסלען.

—איהר קומט דאָך פון לאָדז?

—פון לאָדז גאָר? אַנ׳איינפאַל. פאָלג מיך אַ גאַנג.

—נאָר וואָס?

—כ׳האָב דאָס געהערט דערצעהלען אין סאָכאַטשאָוו...

פעטערבורג זאָל נאָר וועלען!...

דער אָוונד איז געווען איינער פון יענער סודות-פולע אָווענדען, וואָס וועקען האָפנונג און דרייסטקייט אין בעטויבטע הערצער און זאָגען צו אַ סך, אַ סך, אויפ׳ן שוואַרץ געפלאַסטערטען הימעל האָט קוים ערגיץ-וואו אויפגעפלאַצט אַ בלישטשענדיג שטערענדעל, ווי אַ׳ן אָבשלאַג פון אַ ווייטע ליכט-שיין זיך בעוויזען און נישט געוואָרען; אין דער שטילער, רוהיגער לופט האָט זיך עפּיס נייעס געשאַפען און געשפּירט האָט מען די וועלט-בעפרייאונג פון די גרויע ווינטער-קייטען.

צוויי יודען זענען אין איינאַנדער געגאַנגען שטיל פערטראַכט אין זיך, שטאַרק פער׳דאגה׳ט און פון מינוט-צו-מינוט אַרויסגעלאָזט הויכע זיפצען.

ביידע קעפּ זענען פול געווען מיט שווערע בלייערנע מחשבות; ביידע האָט ווי פערשיעדען, עפּיס געפּרעסט אויף די הערצער, ביידע האָט געשראָקען די נאָהנטע צוקונפט און ביידע גלייך האָבען אין געדאַנק זייערע בליקען געווענדט צו איין ווייטען ליכטיגען פּונקט, וואָס האָט זיי אויסגעוויזען ווי אַ לייכט-טורם פאַר בלאָנדזשענדיגע אינ׳ם שטורמישען ים, פון וואַנען זייער רעטונג קאָן קומען.

ביידע יודען האָט דער גורל אויפגעפּאַרט אונטער איין שטיקעל הימעל פון אַ לאַנגען שמאָלען הויף. ביידע זענען שכנים אונטער איין

דאַך: משה-בער דער היימלאָזער אין קעלער-שטוב און ר׳ מאיר־וואָלף דער פּאָדריאַטשיק אויפ׳ן ערשטען שטאָק—ביידע האָט דער גורל היינט זעהר בעאונרוהיגטע צוזאַמענגעבראַכט אויף איין אָרט: משה־בער, ווי געוועהנליך—אונטען אין פינסטערען קאָרידאָר און ר׳ מאיר-וואָלף ווי דער שטייגער—אויבען אין ליכטיגען זאַל און ביידע האָט דער נורל ווידער פערבונדען אויפ׳ן וועג אַהיים מיט הייסע פערלאַנגגען און שטי־לע האָפנונגען אין איין און דעמזעלבען פּלאַץ—משה-בער — אויף גוט האַרציגע יודען און ר׳ מאיר-וואָלף—אויף גוים תקיפים, פון וואַנען עס דאַרף זיך אַ ליכטיגע בשורה דערטראָגען אויפצוהייטערן זייערע געמי־טער און דערפרעהען זייערע הערצער.

—פעטערבורג זאָל נאָר וועלען!

געזאָגט האָט עס דער ערשטער טיעף צובראָכען מיט הויך אויפ־געהויבענע אויגען—ר׳ מאיר-וואָלף.

און איבערגע׳חזר׳ט האָט עס גאַליג מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען —משה-בער.

—פעטערבורג זאָל נאָר וועלען!

ביידע האָבען איינגעהאַלטען די טריט, בעוועגט זיך געלאַסענער און געקלערט!

ווי ווייט אָהן שום אָבגעהער צווישען זיך זענען די רעיונות פון אָט די ביידע יודען געווען.

משה-בער:

פאַר דיר אַליין בוחן-לבבות, איז ענטפּלעקט די פּיין פון מיין פערוואונדעט האַרץ און נור דו זעהסט די שאַנד, וואָס פאַרדעקט מיין פנים.

די הייליגע יום-טוב-טעג דערנעהנטערן זיך צו אונז צו געזונד און צו גליק. טעג, וואָס די נשמה בעקומט אין זיי אַנ׳עליה ווען מען איז בודק ווי עס דאַרף צו זיין דעם חמץ אין אַלע חורים און סדקים און מען איז מבער דעם שאור שבעיסה... דו האָסט אונז מיט דיין גנאָד פאַר די טעג בעזונדערע מצוות געגעבען, וואָס׳זשע וועט מיט דיין קנעכט משה-בער זיין? ווי אַזוי-אַרום וועל איך מיט מיין הויזגעזינד קאָנען זיי מקיים זיין.

דערבאַרימדיגער טאַטע אין הימעל, וואָס האָבען זיי פון מיר גע־מאַכט, וואָס איז געוואָרען פון דיין דיענער משה-בער, ווי אַזוי בין איך

דאָס אַראָבגעפאַלן פון גאָרען-הויך אין אַזאַ טיפען טאָל? זעה מיין מעמד! קאָנסטו דען פון מיר מקבל-תענוג זיין?

געדענקסט טאַטע מיינע סדר-טישען? זיי זענען נישט פערשעמט געוואָרען אָהן אורחים, קיין "זבחי מתים" האָבען מיר חלילה נישט גע-געסען, אונטער דעם באַלקען פון מיין הויז האָט אַ קול-תורה געקלונ-גען... בכלל האָב איך אין די הייליגע יום-טוב-טעג אויף דעם "חציו שלכם" מוותר געווען...

כ'ווייס, מטאָר נישט מהרהר זיין, אפשר? אפשר האָב איך מיט עפּיס פוגם-געווען. מסתמא בין איך ווערט די שטראָף. און כל מה דעביד רחמנא... זאָל דאָס חאָטש זיין אַ כפּרת עון.

און ווידער, וואָס בין איך, אונווירדיגער און נישטיגער יחיד אַקעגען דער גרויסער צרה, וואָס האָט געטראָפען דיין פאָלק ישראל.

רבונו של עולם מיט'ן גאַנצען רצון וויל איך אַלץ מקבל-באהבה-זיין. נאָר ס'איז אַזוי שווער, אַזוי שווער.

האָסט מיך אָנגעוואָרפען צו מתנת בשר ודם, כ'שוואַרץ מיר דאָס פּנים וואָך-איין וואָך-אויס נאָך מיין קצבה. שוין דריי וואָכען איז איבער געלאָפען ווי איך האָב נישט קיין פּרוטה בעקומען.

—נישטאָ קיין געלד. פּעטערבורג שיקט נישט.

פּטר'ט מען מיך אָב.

נו לייד איך מיט מיין משפחה נויט אין דער שטיל. עס ווייסט קיין בן-אדם נישט, אַבי בכבוד. וואָס וועט אָבער האַרציגער טאַטע יום-טוב זיין?

זאָל מיר דער הייליגער פסח אַזוי פערשטערט זיין? אין דערדאָ-זיגער נאַכט ווען דיינע קינדער וועלען זיצען און דיין לויב דערצעה-לען, זיך פרעהען מיט דער אויסלייזונג פון זייער הער און דיר כביכול כח און גבורה געבען ווי אַ מלך, וואָס מעהרט קראַפט און שטאַרקייט ווען מען לויבט זיין גבורה און מען דאַנקט איהם—פאַר וואָס זאָל איך געמינערט זיין פון זיי?

הער פון אַלע נשמות. איך, דיין דיענער משה-בער, וואָס כ'בין נישט ווערט צודערמאָנען דיין נאָמען, בין מיר חלילה נישט מיאש. כ'ווייס דיין הילף קאָן קומען כהרף-עין—פונדעסטוועגען...

מיין גאַנץ אויסקוקעניש איז צו דער היגער דאָזאָר-שטוב. זיי האָבען איצט אַ שליח-מיוחד געשיקט קיין פּעטערבורג נאָך געלד. זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר כל יכול, זאָלסט מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל דאָרט ריכטען אין זיין שליחות. פּעטערבורג זאָל געבען... און איך

משה-בער זאָל קאָנען האָטש ווי עס איז יום-טוב מאַכן

און ר׳ מאיר-וואָלף:

ס׳איז ענטפּלעקט פאַר דיין כסא הכבוד, יודע מחשבות מיין צער, און נור דו זעהסט ווי איך קוועל זיך אין יסורים.

די הייליגע יום-טוב-טעג דערנעהנטערן זיך צו אונז צו מזל און ברכה. טעג, וואָס מ׳קאָן אין זיי דורך שמחה של מצוה אַרויסגעהן מעבדות פון דעם עצבות, וואָס קלעפּט זיך אָן אויף דער נשמה אין די וואָכעדיגע טעג, וואָס ס׳איז חלילה אַנ׳עבדות צו דער סטרא־אחרא — לחרות, צו דער פרייער דינסט פאַר כביכול אַליין; דו האָסט אונז מיט דיין גנאָד פאַר די טעג בעזונדערע געבאָטען געגעבען, וואָס׳זשע וועט מיט דיין קנעכט מאיר-וואָלף זיין? ווי אַזוי־אַרום וועל איך מיט מיין הויזגעזינד קאָנען מקיים זיין דיינע דינים כראוי?

דערבאַרימדיגער טאַטע אין הימעל, וואָס האָבען זיי פון מיר גע־מאַכט? וואָס איז געוואָרען פון דיין דיענער מאיר-וואָלף? ווי אַזוי בין איך דאָס געבליבען אָהן איין איינציג גוט פלעשעל וויין? זעה מיין מעמד קאָנסטו דען פון מיר מקבל תענוג זיין?

געדענקסט טאַטע, מיינע סדר-טישען? די שענסטע בעסטע וויינען האָבען איהם בעציערט, מ׳האָט חלילה, נישט פערגעסען קיין „הטוב ומטיב" צו מאַכען איבער אַביסעל „אויסטערלישעס"... בכלל האָב איך אין די הייליגע יום-טוב-טעג דעם „חציו לכם" געהיטען...

כ׳וויס, מ׳טאָר נישט מהרהר זיין. אפשר? אפשר האָב איך מיט עפּיס פּוגם געווען. און כל מה דעביד רחמנא... זאָל דאָס האָטש זיין אַנ׳אָבקומעניש אויף מיינע זינד.

מיט׳ן גאַנצען רצון וויל איך, רבונו של עולם, אַלץ מקבל-באהבה זיין. נאָר ס׳איז אַזוי שווער, אַזוי שווער.

אַזאַ גזירה. פּלוצלונג צו פערוועהרען פערקויפען וויין און נעהם מאַך קידוש איבער „צמוקים".

כ׳וויס נישט ווער ס׳איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געפאַ־לען אויף דער המצאה צו מאַכען וויין פון צמוקים, בלויז אויפצודער־קלערען, אַז מ׳גיסט צו וואַסער פון „וואַסער-לייטונג" צו אַזעלכע מיני פּירות, קאָן אַרויסקומען זיסער וויין, קאָן נאָר אַ קבצן, לא עלינו.

מ׳שטיינס געזאָגט—דאָס זיסקייט פון די צמוקים. כ׳בין מסופק גאָר מיט דער ברכה.

שוין דריי שבתים, נישט היינט געדאַוונט, ווי כ'האָב גאָר קיין צמוקים אויך נישט געהאַט.

—נישטאָ קיין ראָזינקעס!

פטר'ט מען מיך אָב.

נו, לייד איך שטיל, עס ווייסט קיין בן-אדם נישט, אַז איך האָב קידוש געמאַכט איבער די חלות, אַבי בכבוד, וואָס וועט אָבער האַרצי-גער טאַטע יום-טוב זיין?

זאָל מיר דער הייליגער פסח אַזוי פערשטערט זיין? אין דערדאָ-זיגער נאַכט ווען דיינע קינדער אין אַנדערע ערטער וועלען ביי די אַרבע כוסות פון יין כשר ומשובח מכוון זיין די אותיות כנגד חכמה, בינה, תפארת מיט אַלע כנגד'ס און בטלים — פאַר וואָס זאָל איך גע-מינערט זיין פון זיי?

הער פון אַלע נשמות, איך, דיין דיענער מאיר-וואָלף, וואָס כ'בין נישט ווערט צו דערמאָנען דיין נאָמען, בין זיך חלילה נישט מיאש. כ'ווייס דיין הילף קאָן קומען כהרף עין—פונדעסטוועגן..

מיין גאַנץ אויסקוקעניש איז צו דער היגער דאָזאָר-שטוב. זיי האָבען איצט אַנ'עקסטרע דעפעשע קיין פעטערבורג געשיקט, אויסצופועל'ן אַנ'ערלויבניש אויף פערקויפען ווייַן לאַרבע כוסות. זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר כל יכול, זאָלסט מאַכען אַזוי, אַז זי זאָל ריכטען אין איהר שליחות, פעטערבורג זאָל געבען... און איך מאיר-וואָלף זאָל קאָנען חאָטש ווי עס איז יום-טוב איבער אַ רעכט ביסעל וויין קידוש מאַכען..

אַזוי זענען זיי ביידע געגאַנגען און געטראַכט.

ביים טויער האָבען זיך ביידע צוזעגענט:

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָהר.

— מאַ, דער אויבערשטער וועט העלפען.

— אודאי וועט ער העלפען.

— פעטערבורג זאָל נאָר ווען!...

— אודאי, פעטערבורג זאָל נאָר וועלען!...

אײנער פון אסף.

פריהמאָרגען.

אין דעם קלײנעם בעשײדען אויפגערוימט שטיבעל, וואָס האָט זיך אײנגאַנצען געטונקען אין אַ געפלאָכטענע נעץ פון גאָלדענע שטראַה־לען, האָט זיך געשפּירט אַנ׳אַנגענעהמע רוהיגקײט און הײמליכקײט, ווי עפּיס אַ קדושה וואָלט אַרום געשוועבט. דאָס לינדע ווינדטעל, וואָס האָט געבלאָזען אין דרויסען און ווי סודות אין די אויערן אײנגערוימט, האָט יעדע רגע דורכ׳ן אָפענעם פענסטער זיך אַרײנגעריסען און מיטגע־ברענגט הינטער זײנע פליגעל אַ פרישען פעלד־און וואַלד־ריח.

מאַן און װײב זענען אויף דער קאַנאַפּע געזעסען און צווישען זײ האָט זיך אַ שמועס געוועבט.

ער, אָסיף גרין — דער שטעדטעלשער לעהרער — אַ מאָגערער בלאָנדין מיט אַ לאַנג קרענקליך פּנים און אײנגעגראָבענע גוט בלויע אויגען אונטערן שפּיציגען שטערן; און זי, ליזאַ — אַ קלײנינקע, אַ פולע מיט אַ ברוין ווי בראָנז געזיכט און דערינען ווי אַ פּאָר פערזעצטע ברילױאַנטען בלאַסקעדיגע אויגעלעך.

אָסיף האָט גערעדט טרוקען און בײז:

— נײן, איהר לעבט אַלע אין טעות. מאָרגען נאָך אפשר קומען די קאָזאַקען. ס׳וואָלט נעווען אַ פערברעך זיך צו נאַרען מיט אַנ׳אײנ־

רעדעניש, אַז אונז וועט נישט טרעפען דערזעלבער גורל, וואָס אַלע שכנ׳ישע יודישע שטעדטלעך; מיר זענען פאָלשטענדיג הפקר מיט׳ן האָב און נפשות. זיי זענען זיך אָן אונז נוקם פאַר דער מפלה.

ליזע האָט איהר הענדטעל אַריבערגעפירט איבער זיין קאָפּ און פערקוקט איהם ליעבליך אין די אויגען.

—וואָסזשע מיינסטו?

—כ׳וואָלט געמיינט דו זאָלסט אויף אַ קורצע צייט פערלאָזען די שטאָדט. ס׳איז פיעל בעסער דו זאָלסט דאָ נישט זיין...

ער האָט אַ ציטער געטהון און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

—געה דו נאַרעלע, וואָס דיר פאַלט אַלץ איין!

ליזע האָט זיך אָבגעווענדט פון איהם ברוגז׳לעך און זיך אויס-געדרעהט מיט דער פּלייצע.

איז ער אויפגעשטאַנען, ביי׳ם פענסטער זיך אַוועקגעשטעלט און דורך דעם אַראָבגעלאָזטען פאָרהאַנג שטאַר געקוקט אין דער זוניגער גאַס, וואו דאָס לעבען איז ווי דורך אַ בעפעהל געהאַמערט געוואָרען, און זיך פאַרטראַכט.

דערנאָך האָט ער גענעהנט צו ליזאַ׳ן און אַזוי געזאָגט:

—הער ווייב, ווען דיר זאָל עפּיס געשעהן...

ער האָט זיך אַליין דערשראָקען פאַר זיינע ווערטער, וואָס האָ-בען אויסגעוויזען איהם קלינגען אַזוי משונה׳דיג און ער האָט אָבגעהאַקט.

—כ׳בין בייז אויף דיר מאַן, דו מאַכסט מיך היינט אַזוי טרויעריג.

אָסיפּ האָט זיך צוריקגעזעצט און איהר אָנגענומען פאַרביידע הענד.

—ווייסטו די בעדייטונג פון עקעל געפיהל? כ׳געדענק ווען כ׳בין אַ קליינער געווען האָבען יונגלעך אַריינגעוואָרפען אַ טויטע קאַץ אינ׳ם טייך ביי׳ם שטעדטעל און פון דעמאָלט אָן האָב איך מעהר נישט גע-קאָנט טרינקען קיין וואַסער פון דעם טייך און זיך דאָרט נישט גע-באָדען...

ליזאַ האָט זיך צו וויינט:

—צו וואָס שרעקסטו מיך? דו שלעכטער מאַן! האָסט הנאה מיך צו פייניגען, כ׳קאָן נישט אַוועק פון דיר אפילו אויף איין טאָג.

זי האָט זיך געטוליעט צו איהם און פערבאָרגען איהר קאָפּ אין זיין שויס.

האָט ער כדי מעהר זיך אַליין צו רייצען, פאַר זיך געשעפּטשעט:

—מ׳דאַרף זיך קאָנען באַהערשען. מ׳טאָר קיין קינדער נישט זיין. ס׳איז נישט די צייט פאַר סענטימענטען. ווילסטו נישט דעם לעבען קיין בעל-חוב בלייבען, הער זיך צו צו זיינע פאָדערונגען. די צייט רופט, דיען איהר, ברענג איהר אַ קרבן; די צייט איז ריזיג שטאַרק און איז זיך נוקם אָן איהרע פערשווערער; שפּיעלען זיך מיט׳ן טייוועל איז געפעהרליך.

—הער מיין טאָכטער די שטראָף פון דיין מאַן און פערלאָז נישט...

ליזאַ האָט דאָס אַרויסגערעדט אַזוי שפּאָטיש, אַז אָסיפּ האָט אויס-געפּראַלט אַ געלעכטער. זי איז ווי אַ פּילקע אויפגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע און געפּאַטשט מיט די הענדטלעך:

—כ׳האָב אַ פּלאַן, אַ טייערען פּלאַן... הער אָסיפּ, דו שוואַרץ-זע-הער, כ׳בעשווער דיך זאָלסט זיך אויפהערען גריבלען אין דיין פילאָ-זאָפיע און מיך פערביטערן. פערלאָז דיך אויף מיר ס׳וועט שוין זיין רעכט...

—ליזאַ!...

אָסיפּ האָט עפּיס געוואָלט זאָגען אַ שאַרף וואָרט נאָר די לעצטע מינוט חרטה בעקומען און שטיל געבליבען. ער האָט נאָר געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און מיט די פינגער געקלאַפּט איבער דעם אָנלעהן פון דער קאַנאַפּע.

—כ׳האָב דיך פיינד!

ליזאַ האָט איהם די ווערטער געוואָרפען אין פּנים אַריין און אַוועק אין שלאָף-צימער.

II

אַנ׳אָוועגד.

די שטוב איז געווען פערזונקען אין אַ מילדער שיין, וואָס איז געפאַלען פון׳ם ברענענדיגען נאַפט-לאָמפּ אונטערן בלויען אַבאַזשור און געמאַכט דעם איינדרוק ווי אין לבנה-שטראַהלען געהילט, אַ שטילקייט מיט אַ זיידענעם אָטעם און פער׳חלומ׳טע סורות! אַ נעסט פון פריעדען.

מאַן און ווייב זענען ביים טיש געזעסען פערטיפט אין די בי-כער, וואָס איז פאַר זיי געלעגען.

אָסיפּ האָט דער ערשטער אַ הויב געטהון דעם קאָפּ פון בוך אַרויס, ווי ער וואָלט זיך אין עפּיס דערמאָנט און אָנגעשטעלט אַ שטומען בליק אויף ליזאַ'ן. דער בליק איז געווען אַ שטרענגער פול מיט פאַר-וואורף צו גלייך אַ מיטליידענדער, אַזוי קוקען טאַטעס אויף זייער ליע-בע פערזינדיגטע קינדער...

ליזאַ האָט דעם בליק דערפיהלט אויף זיך. ער האָט געשטאָכען און געוואָרימט, זי האָט דאָס בוך פערמאַכט און זיס געשמייכעלט:

—שוין ווידער אָנגעבלאָזען?

—דאָס איז מיין רעכט.

אָסיפּ האָט זיינע ווערטער בעטאָנט.

—רעכט, מיין טייערער, האָט געוויסע גרעניצען.

—כ'פּרוב זיי גאָרנישט איבערצוגעהן.

—טאַקי אַ שאָד.

ס'איז איינגעטרעטען אַ פּאַוזע. מאַן און ווייב האָבען זיך שאַרף אָנגעקוקט.

דערנאָך האָט אָסיפּ איבערגעריסען די שטילקייט:

—אַ פערשולדיגט קינד בעשטראָפט מען. אַ פערשולדיגטער מענש דאַרף זיך אַליין בעשטראָפען.

—נו גוט. כ'נעהם אויף זיך אַ האַלבע שעה כסדר צו הערען פילאָזאָפיע...

זי האָט זיך שטיפעריש געשטעלט אויף די קניע אַקעגען איהם:

—נו זיי מיר מוחל גוט אָסיפּ'ל...

ביי אָסיפּ'ן אויף די וואָנסען האָט זיך אַ שמייכעל צוצויגען. ער האָט זיך איינגעבויגען איהר אויפצוהויבען און געוואָלט עפּיס זאָגען, ווען פון דער גאַס האָט זיך אין מיטען דערינען דערהערט עטליכע היכע גראָבע קולות, וואָס האָבען אויף רוסיש געפרעגט:

—וואו איז דאָ אָסיפּ גרין?

—די קאָזאַקען!

מאַן און ווייב האָבען אויפגעצאַפּעלט, ווי אַ שניידיגער ווינד וואָלט זיי דורכגענומען.

אָסיפּ האָט זיך מאָמענטאַל פערלוירען און אַזוי שטעהן געבליבען איינגעבויגען מיט ביידע הענד אויסגעשטרעקט פאַר זיך. ליזאַ האָט אָבער קיין רגע נישט געזוימט. זי איז פלינק אויפגעשטאַנען, מיט איין שפרונג איז זי אין שלאָף-צימער געווען און פון דאָרט געפליסטערט:

—אָסיפּקע! האַלט זיי אויף ווי לאַנג מעגליך.

ווידער האָבען זיך די קולות איבערגע׳חזר׳ט. דאַן האָט זיך דער הערט שווערע, האַסטיגע טריט אונטערן פענסטער און באַלד דערויף אַ קלאַפּ אין טהיר:

—עפען!

—ווער איז עס דאָרט ביינאַכט?

—רוסיש מיליטער. פערטיידיגער פון פאָטערלאַנד, שענקט עפּיס עסען...

—כ׳האָב גאָר נישט.

—נו עפען, יוד.

אַ זעץ—און די טהיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. אין שטוב זענען אריינגעקומען דריי קאָזאַקען מיט מגושם - אָבגעברענטע פּנים׳ער, ווילד צופלאַמטע אויגען, וואָס האָבען געבליצט אונטער די פון שטערן אראָבהענגענדיגע צושויבערטע אויסגעפּעצטע קענזשעס האָר, ווי די אויגען פון אַ הונגעריגען וואָלף. איינער האָט פון אַ בעשריבענעם פּאַפּיר אַרויסגעליי׳ענט:

—אָסיפּ גרין—אַ לעהרער! זיין ווייב ליזאַ—אַ שענהייט!

—וואו איז דיין ווייבעל?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרען אָסיפ׳ן, נאָכדעם ווי דער קאָזאַק האָט כלומר׳שט דורכגעפיהרט די אָפיציעלע טייל.

—כ׳ווייס נישט—אַוועקגעפאָהרען.

אָסיפּ איז געוועזן בלייך, זיין שטערן האָט זיך גערונצעלט. ער האָט געשטאַמעלט און געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

—דו לייקענסט יוד!

—כ׳ווייס נישט.

—ס׳וועט זיין שלעכט. דו, גיב אַרויס דיין ווייבעל!

דער קאָזאַק האָט איהם געדראָהט פאַר דער נאָז.

—אָט איז אַ מיידעל, אַ שענהייט!...

אַ קאָזאַק האָט זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער און געטייטעלט צו דער טהיר פון שלאָף-צימער.

אַלע האָבען אָבגעווענדט די קעפּ אַהין, אָסיפּ איז אַזוי צומישט געוואָרען, אַז ער האָט נישט געקאָנט בענעהמען, וואָס דאָ קומט פאָר און זיך שיער נישט צושריען.

פון שלאָף-צימער איז זיך פאַמעליכ׳ל, וואַקלענדיג איינגעבויגען אויף אַ שטעקען, אַרויסגעקראָכען מיט אַ הוסט אַ שטאַרק אַלטישקע מיט אַ שפּאָרעוודיגען האָרב אויף דער פּלייצע, דעם קאָפּ מיט׳ן פּנים שטייף

אַרומגעבונדען און אויף די אויגען אַ פּאָר גרויסע בלוי שפּאָקולען.

—וואָס—פּער—לאַנגט—איהר—קינדער—לעך?

זי האָט די ווערטער קוים אַרויסגעבּרענגט אויף אַ דין קוויטשענ־דיג קינדעריש קולכ׳ל. דער הוסט האָט איהר געדושעט און זי האָט מעהר נישט געקאָנט רעדען...

אַ מיידעל, באַבעניו...

די אַלטיטשקע, וואָס האָט פּאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מאָדנע בע־שעפעניש האָט אַפּנים געוואונען די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָזאַקען, אַז זיי האָבען צוליעב איהר אַ מינוט פון אָסיפ׳ן זיך אָבגעקעהרט.

—אפשר ווילסטו זיך ווייל...ען?...

—פע, נישט שעהן. או-הו! או-הו! איהר—געהט—אַ קע־גען טויט או—הו!, או—הו! און האָט נאַ-ריש-קיי-טען אין זין.

די אַלטע האָט געבעלעבעטשעט מיט די צונג, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען פון הוסטען...

—ביזט אויסגעוועבט!...

—נו בענש מיך באַבעניו—האָט איינער געחוזק׳ט.

ער האָט ענטבלויזט דער קאָפּ, איינגעבויגען זיך און אַרונטער־געקראָכען אונטער דער אַלטיטשקער׳ס האַנד.

די חברים האָבען געקוואָלען און געפּאַטשט מיט די הענד.

—נו, גענוג אַמוזירט זיך!

דער, וואָס האָט בעפוילען איז האַרט צו געגאַנגען צו אָסיפ׳ן:

—יוד, די מינוט אַהער דיין ווייבעל!

די ווערטער האָבען זיך געקאָלערט אין חלל אַריין און זיך אָבגע־שלאָגען אָן די ווענד, ווי זיי וואָלטען קיין אָרט נישט געפונען. אָסיפ איז געשטאַנען אָהן בעוועגונג, דאָס האַרץ ביי איהם האָט זיך שטאַרק גע־וואָרפען, אַז ס׳איז געווען צומערקען, זיין פּנים איז געווען אויסגעקרימט און אָבגעשפּיגעלט זיינע יסורים, און אין די אויגען, וואָס האָבען אַזוי תחנונים׳דיג געקוקט אין פוסטען רוים האָט זיך געזילבערט אַ טרעהר.

—איהר—קינדער—לעך—פּער—דיענט אַנ׳עבירה או-הו!

די אַלטע האָט אויסגעהוסט פּאַר איהם אַנ׳ענטפער. ס׳האָט אויס־געזעהן, אַז זי בעמיהט זיך זיי ווייכער צו מאַכען.

—געה אין קבר אַריין!...

—גיבסט דיין ווייב? קרעציגער יוד!

דער קאָזאַק האָט אָסיפ׳ן אַ שליידער געטהון צו דר׳ערד, דער לעצטער איז געפאַלען, ווי אַנ׳אונטערגעשניטענער בוים. דאַן האָט ער

זיך אויף איהם אַרויפגעזעצט, שווער געסאָפּעט און מיטביידע פויסטען ווילד אַרומגעפאָהרען איבער זיין פּנים, איבער די אויגען און נאָז.

—ווילסט אונז האָבען צוגעדענקען יודן!...

אָסיפּ איז געלעגען, ווי אַ שטום-געבונדענער קרבן. ער האָט זיך אפילו נישט געפּרובט צו ווערען. עס האָט קיין זיפץ נישט אַרויסגע-לאָזט. ס'איז איהם אַלץ ניחא געווען, אפשר וועט ער דאָך ליזאַ'ן אָב-ראַטעווען...

—לעבסט נאָך הונד?

דערנאָך האָט ער איהם געטרעטעוועט מיט די געקאָוועטע שטי-וועל איבער'ן האַרץ און בויך.

ביי דער אַלטיטשקער האָבען זיך פון שרעק די פיס געבראָכען, זי האָט זיך געוואַקעלט נאָר אומצופאַלען. מיט די ציטערדיגע הענד האָט זי אונטער די שפּאַקולען די אויגען געווישט...

—וואַסקאַ עק איהם!

ביידע חברים האָבען געמוטיגט וואַסקאַ'ן אין זיין אַרבייט.

וואַסקאַ האָט זיך בעגאָסען מיט אַ רויטקייט. עס האָט זיך איהם אָנגעצונדען דאָס בייזע פייער און דערוועקט אין איהם די רויב-חיה, וואָס איז דורשטיג נאָך בלוט און ער האָט מיט אימפּעט די שווערד אַרויסגעכאַפּט און געוואָלט דערלאַנגען מיט איהר איבער אָסיפּ'ס קאָפּ.

נאָר אין יענעם מאָמענט איז עפּיס אַזעלכעס געשעהן, וואָס האָט די קאָזאַקען צו די ערטער צוגעשמידט און ביי וואַסקאַ'ן איז אַזש די שווערד פון דער האַנד אַרויסגעפאַלען.

די אַלטיטשקע האָט פּלוצלונג זיך קרעפטיג געגעבען אַ גלייך אויס, בעפרייט זיך פון די פּעק שמאַטעס און דאַרעס, און פאַר זיי איז גע-בליבען שטעהן אַ בליהענדיגע שענהייט.„

—לאָזט איהם אָב, כ'געה מיט אייך...

איהר שטימע האָט געציטערט און איז ווי אַ דונער אין שטוב געפאַלען.

— — — — — — — — — — — — —

ווען ליזאַ איז פאַרטאָג צוריק אַהיים געקומען האָט זי אויף דער אָפענער טהיר געטראָפען אָסיפּ'ן הענגען אַ פערשטאַרטען.

אויפ'ן טיש האָט זי אַ צעטעל געפונען, געשריבען מיט אָסיפּ'ס האַנד.

„נאָכדעם וואָס עס איז געשעהן, קאָן איך נישט און וויל נישט לעבען"...

זכר לדאטשע

I

ר׳ יודעלע שטיינהאַרץ, אַ חשוב׳ער בעל-הבית און אַ שטיק כלל-טהוער, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבען אַרומגעהן אַ פער׳מרה-שחורה׳טער, דערשלאָגען און פערטראַכט, די קנייטשען אויף די רויט-אָבגעבליאַקעוועטע בעקלעך האָבען זיך טיעפער און שאַרפער איינגעשניטען, די בייטעלעך אונטער די מוטנע אויגען, האָבען זיך בולט׳ער צולעגט, די גרויע געפוצטע באָרד האָט איהר פאָרם אָנגעוואוירען און אפילו אַנ׳אַנדערע ברודיגע טונקעלען קאָליר אָנגענומען.

—אַ קלייניגקייט? הײנטיגע שרעק. אַזעלכע שווערע דאגות! אונזערע יודעלעך זעהען שען אויס. מ׳וויל נעביך אַרויסטרייבען אַלע היימלאָזע. וואו וועלען זיי זיך אַהינטהון?—אַזאַ שטייגער יוד ווי ר׳ יודעלע ליידט טאַקי מיט׳ן כלל...

אַזוי האָבען געזאָגט און געמיינט שכנים און ווייטע בעקאַנטע. די אמת׳ע סיבה אָבער פון וואַנען עס שטאַמט ר׳ יודעלע׳ס גרויסע דאגה האָבען געוואוסט זיין ווייב חיה׳לע און זיינע מקורבים. ר׳ יודעלע האָט זיך ביז קראַנק ווערען פערבענקט אין דער—דאַטשע.

און איהר האָט איהם אסור נישט צו פערדענקען.

ר׳ יודעלע, וואָס איז שוין היינט ברוך-השם אַ בן ששים האָט נאָך נישט פערפעהלט קיין איין זומער זינט ער איז „פאַר זיך" צו

פאָהרען אויף דאַטשע; די דאַטשע—זאָגט ר׳ יודעלע איז מרחיב דעתו של אדם... ער האָט זיך אַזוי איינגעוועהנט צו דער דאַטשע, אַז ער קאָן גאָר נישט משיג זיין, ווי אַזוי קאָנען מענשען דאָס בעווייזען אַזאַ גבורה און אויסהאַלטען אַ זומער אין שטאָדט, ביי אַזעלכע ברע-נענדיגע היצען, געפּרעסטע און געשטיקטע לופט.

עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען. ר׳ יודעלע האָט היינ-טיגען זומער געמוזט פערבויגען זיין ווילען פאַר דעם ווילען, וואָס איז שטאַרקער פאַר איהם... און אָט וואָס איהם האָט אַזוי דערקוטשעט!

—וואָס, איהר זענט גאָר אַ היגער?—שטעלט איהם אָב אַ בעקאַנ-טער פערוואונדערט—שוין אַ שטיק אין זומער?

—אַ היגער—בלייבט ר׳ יודעלע אַ געפּלעפּטער.—היינטיגע צייטען, הע-הע, האָבען גאָר אַנ׳אַנדער דין. אויף היינט הע-הע, איז דאָס גע-זאָגט געוואָרען דער פּסוק: „אשרי יושבי ביתך", מאַכט דער גוי, הע-הע, „ווזשענדזשע דאָבזשע, וו׳דאָמו נאַיליעפּיעי"...

—נו, ווער איהר אייך טאַקע בעגעהן? עפּיס אַנ׳אַלטער ליעטניק?

—אודאי פעהלט מיר די דאַטשע ווי די רעכטע האַנד. ראשית, איבער׳ן געראויש מיט׳ן געפּילדער אויפ׳ן הויף אַ גאַנצען טאָג, קאָן איך קיין דרימעל נישט חאַפּען נאָכ׳ן מיטאָג און דאָס איז סם פאַר מיינע נערווען לא עליכם... והשנית קאָן איך סתם אָהן פרישע-לופט נישט לע-בען, ווי אַ פיש אָהן וואַסער. און וואָס ווער נאָך זיין, ווען עס וועלען אָנקומען די רעכטע הייסע טעג? דער אין הימעל זאָל מיר נאָר שטאַר-קען די כחות. וואָס קאָן מען העלפען? ס׳איז „טשאַס וואָיענִי" הע-הע.

ר׳ יודעלע קלאָגט זיך, שטעלט-אָן אַ פערצווייפעלט רחמנות פּנים, זיינע אויגען דריקען-אויס אַזוי פיעל טרויער און באַנג, אַז דאָס האַרץ קאָן צוריסען ווערען אָנקוקענדיג דעם דאָזיגען עלענדען דאַטשעלאָזען יוד.

—מילא וויבאַלד ווידער, אַז מען שפּירט אין זיך, אַז מ׳דאַרף אַזוי גוואַלדיג אַ דאַטשע, נעהמט מען און מען פאָהרט אַרויס—געפינט יענער פאַר נויטיג יוצא צו זיין אבי מיט אַ וואָרט.

—יאָ גרינג אָבצוזאָגען זיך מען פאָהרט אַרויס,—האָט ר׳ יודעלע פעראיבעל—ביי אַזאַ בהלה, ביי פּאַניע האָט זיך דאָס „דם" צו יאַכמערט, הע-הע, אין דרויסען איז היינט אַ סכנה צו זיצען.

—נ׳מאַ, איז איין מאָל נישט—פּרובט דער בעקאַנטער שוין חרטה צו האָבען.

ציגדט זיך אָן ר׳ יודעלע פלאַם פייער און שיט מיט ווערטער ווי אַ ברויזענדער ים כ׳וואַליעס:

—וואָס פערשטעהט איהר? איהר זענט אַ טיפש! קיינמאָל כמעט נישט אָנגעקוקט זומער די שטאָדט, דאַרף איך איצט אויף די עלטערע יאָהרען אַ קראַנקער צובראָכענער מענש, זיך ברענען און בראָטען אין שטאָדט אָהן דאַטשע, אָהן לופט, אָהן לעבען. אָהן ווייס איך וואָס. דער אין הימעל ווייסט, וואָס פון מיר קאָן דאָ חלילה ווערען...

II

מיט ר׳ יודעלע׳ן איז חלילה גאָר נישט געשעהן.

דער אין הימעל האָט פערנומען זיין ביטערען ביי טאָג און ס׳איז פאַר איהם געקומען צוגעברענגטע שלאָפלאָזע נעכט.

אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען, ווען ר׳ יודעלע האָט זיך געפעדערט, אָבגעזאָגט ברכת התורה און צום פענסטער צו נאָך אַ ביסעלע פרישע לופט, האָט ער פלוצלונג אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערשפירט, אַז ס׳איז איהם ליכטיג געוואָרען אין זיי, ווי פון אַנ׳אויפגעהעהנדיגע זון, פונקט אַקעגען זיין פענסטער אין מיטען הויף האָט ער דערזעהן אַ — בוים.

אַ בוים, זעה אַ וואונדער, אַ שענער און אַ גלוסטיגער צו די אויגען, געגוג בעצווייגט און בעבלעטעלט. מיט׳ן קאָפּ איז דערדאָזיגער בוים געשטאַנען אַביסעל איינגעבויגען, פונקט ווי ר׳ יודעלע ביי שמונה עשרה, דעריבער האָבען זיך די זוניגע שטראַהלען אָן איהם אָנגשלאָגען און געבילדעט אונטער איהם אַ געגוג טונקעלען שאָטען; צו-פוסענס דעם בוים האָט אויף אַ שטח-ווייט געפלאַסטערט אַ גראָז-גערטענדעל מיט אויסגעשניטענע גלייכע און קרומע שטעגעלעך.

אייגענטליך, שטעהט שוין דאָ דער בוים צעהנדליגער יאָהרען. ער איז אין דערזעלבער עלטער וואָס ר׳ יודעלע, שווערען קאָן אָבער ר׳ יודעלע, אַז זינט ער וואוינט אין דעם הויף, זעהט ער איהם היינט ערשט אַזוי רעכט.

—אָ-וואַ, טצאַ, טצאַ! אַ בוים!

און ער האָט פון גרויס התפעלות זיך צושריען.

—קום נאָר אַהער חיה׳לע, דו האָסט שוין אַמאָל געזעהן דעם-דאָזיגען בוים?

—נאַ דיר אַ נייעס—האָט זיך חיה׳לע צו-לאַכט—ענטדעקט אַמעריקאַ!

—וואָס פערשטעהסטו?—האָט ר׳ יודעלע איהר מבטל געווען.

נאָך אינ׳ם זעלבען טאָג, אַז ר׳ יודעלע האָט אָנגעביסען און אָב־געשלאָפען דעם „שינת צהרים״, איז ער אַ צייט דערנאָך געלעגען אויף דער אָטאָמאַנע מיט אָפענע אויגען פערטיעפט אין מחשבות. און ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער די ליולקע פעררויכערט און גיך מיט דראָבנע טריט אַראָב אויפ׳ן הויף.

לאַנג, לאַנג האָט ער זיך געדרעהט אַרום דעם בוים, בעטראַכט איהם פון אַלע זייטען, בעוואונדערט זיין גרויס און ברייט, אָבגעריסען אַ בלעטעל און געשמעקט דערצו, געמאָסטען מיט די פיס אין אַלע זייטען דאָס גראָז-גערטענדעל און, אפנים, צופרידען געבליבען.

שפּעטער האָט מען בעגעגענט ר׳ יודעלען אַרומלויפען אַ פּער-שוויצטען, אַ צוטראָגענעם, פונ׳ם סטרוזש צום רזשאָנצע, פונ׳ם רזשאָנצע צום אַדמיניסטראַטאָר און פון דאָרט ווידער צום סטרוזש. מיט אַלע דריי האָט ער עפּיס געפיהרט אונטערהאַנדלונגען צוהיצטערהייט, זיך גע דונגען, געמאַכט מיט די הענד, אויסגעשפּיגען, ברוגז געוואָרען, אַנט-לאָפען און ווידער צוריקגעקומען; צום סוף האָבען איהם אַלע געדריקט די האַנד, שטאַרק געווינשעוועט און זיך צוגאַנגען מיט אַ שמייכעל...

—הכלל בלייבט שוין אַזוי?

—יאָ, יאָ, בעשטימט.

III

געווען איז עס אַ פרייטאָג, אַ קופער בעוואָפענטע זון האָט זיך אויף דער בלוי-ווייס געפלעקטער הימעל-פּאָזיציע אַוועקגעשטעלט און אָהן אויפהער געשאָסען מיט ברענענדיגע שטראַהלען. די פענסטער פון די הייזער אין ר׳ יודעלעס הויף זענען ווייט געעפענט געווען, פון וואַ-נען אַלעמאָל האָט אַנ׳אַנדער מענשען-קאָפּ אַרויסגעשטעקט, אָבגעעאָ-טעמט, אָבגעפרישט זיך און ווידער פערשוואונדען.

אַז אַזאַ קאָפּ האָט זיך בעוויזען אַרום צוועלף דעם זייגער, ווען די העלדישע זון האָט שוין געהאַט אַ האַלבע וועלט פערנומען—האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט אַזוי גיך אָבבייסען פון געזועהענעם בילד:

אין גערטענדעל, אונטער׳ן בוים, איז ר׳ יודעלע אין דער יאַר-מולקע, ציצענעם שלאָפראָק און געלע פּאַנטאָפעל אויף אַ לעזשאַק גע-זעסען און בנעימות געלייענט אַ בלאַט צייטונג.

—חאַ-חאַ—האָט דער קאָפּ געלאַכט — געזעהן אַנ׳המצאה? וואָס אַ

יוד א גביר קאָן זיך פערגינען!

באַלד זענען אַלע פענסטער בעלאַגערט געוואָרען פון נייגעריגע קעפּ, וואָס האָבען זיך גע׳חכמה׳ט אויף ר׳ יודעלעס אַדרעס. ר יודעלען האָט עס קנאַפּ געאַרט, ער האָט אַראָבגעבראַכט דעם סטרווש, וועלכער האָט אַקעגען בוים איינגעגראָבען אַ סלופּעק׳ל, צווישען האָט ר׳ יודעלע בכבודו ובעצמו גאַנץ געלאַסען אַ האַמאַק פערבונדען, פּאַוואָלינקע אין איהם זיך צולעגט און אויסגעצויגען, נאָך פּאַמעליכער זיך צוויעגט און פערזונקען געוואָרען אין אַ האַרטען שלאָף מיט אַ שטאַרק הויך מאָנאָ-טאָנע כראָפּען...

און פּאַרנאַכטצו, האָט מען שוין געקאָנט טרעפען אונטער׳ן בוים ר׳ יודעלען מיט חיה׳לען צוזאַמען, ביידע אויסגעפּוצטע לכבוד שבת, זיצען ביי אַ טישעל און טרינקען בהרחבה טיי, אַ שליג נאָך אַ שליג.

פון יענעם טאָג אָן האָט ר׳ יודעלע אָגגעהויבען אָפטער צו בע-זיצען זיין „דאַטשע", פאַר וועלכער ער האָט שוין געהאַט אַנ׳איינגע-אָרדענטען סדר-היום.

—זעהט איהר ווי דער הימעל פערלאָזט נישט, האַ? אַ שטיקעלע בטחון נור, גוואַלד בטחון!

ר׳ יודעלע ווייזט-אָן אויפ׳ן בוים און פערגלאָצט די אויגען צום הימעל.

—עך, אויך מיר אַ יש. צופערגלייכען מיט דאַטשע!—מאַכט עמיץ צו-נישט ר׳ יודעלעס דאַטשע.

—איז עס על-כל-פנים אַ זכר לדאַטשע — קוועלט ר׳ יודעל פון זיין איינפאַל.

אַ דרייפאַכע הנאה פון זיין „זכר לדאַטשע" האָט ר׳ יודעלע אינם שבת קודש, ווען ער איז כולו רוחניות און איז מסוגל צו געניסען עונג רוחני...

בעגינען, די זון געהט אויף מיט אַ שמייכעל און קוקט צאַרט אַראָב אויף די פערשלאָפענע הייזער, וואו מענשען חלומ׳ען איצט פון יוגענד, פון גליק, פון אַמאָל... זיצט ר׳ יודעלע אונטער׳ן בוים פערוואָרפען אינ׳ם פאָטעל, און מיט אַ מתיקות, וואָס צוגעהט אין אַלע אברים לערנט ער הויך אַ פרק משניות, רעדט אַרום, טייטשט זיך אַליין אויס און צו-קייט יעדער משנה אַזוי ווי פאַר קליינע קינדער, די בלעטער פון בוים שעפּטשען ווייך, סוד׳ען זיך. און העכער הערט זיך אַ קלאַנג פון זיל-בער-טרעלען, דאַכט זיך, אַז דאָס זענען מלאכים אַראָבגעקומען הערען ר׳ יודעלעס תורה...

באַלד נאָכ'ן עסען איז ר' יודעלע שוין ווידער אוף דער „זכר לדאַטשע". דאָרט האָט ער דעם אמת'ן תענוג פון „שינה בשבת".

דערנאָך הויבען זיך אָן צוזאַמענקומען די משפחה: די קוזינס מיט די קוזינעס. אַלט און יונגוואַרג, אַלע זעצען זיך אויס אין גערטענדעל און די טשאָטשע חיה'לע לויפט מיט די שליסעלעך אין האַנד אַרויף אין שטוב און אַראָב און שטעלט כבוד פאַר די געסט.

—וואָס ווייסט איהר, ס'אַראַ מחיה נפשות אָט דאָסדאָזיגע בוימעל איז אין אַזאַ טאָג—גיט ר' יודעלע צו פערשטעהן זיינע געסט דעם רעכטען זיסען טעם פון דער „זכר לדאַטשע".

חברה שמייכעלט, פערקוקען זיך ערגיץ אויף אַ באַלקאָן, אויף אַ פאַרביי-פליהענדיגען פויגעל, כדי נישט אויסצושיסען קיין געלעכטער.

נאָר יאָסעלע פאַניטש, דער איינציגער דייטש פון דער משפחה, קאָן זיך נישט גובר זיין און הויבט-אָן מיט'ן הגדה-נגון:

—„זכר לדאַטשע, כן עשה הפעטער ר' יודעלע בזמן שהדאַטשע לא היה קים"...

לאַכט שוין די משפחה, צווישען זיי אויך די טשאָטשע חיה'לע.

—ר' יודעלע רויטעלט זיך און גיט אַ זייה צווישען די צייהן,

—יאָסעלע קעלבאַס!...

שפעטער פראַוועט דאָרט ר' יודעלע, שלוש סעודות, צוגיסען זיך זיינע אָנגעזאַפטע מיט דביקות זמירות, ווי אַ פויגעל געזאַנג און צוטראָגען זיך אין הויף רוים גלייך אין הימעל אַריין...

דער הימעל שיט זיך אויס מיט שטערן, עס שווימט אַרויס ווי אַ שיפעל, אַ קיילעכדיגע לבנה—און בעשפריצט מיט זילבער די צווייגען פון בוים, אַ סאַמעט ווינדטעל גיט צערטלעך אַ גלעט, ווערט די „זכר לדאַטשע" בעלויכטען און ר' יודעלע מאַכט בכונה הבדלה אַזוי הויך און אַזוי שען, אַז דער גאַנצער הויף זאָגט נאָך—אָמן.

און שוין שפעט אין דער כשוף-נאַכט, אַלע זענען אין שלאָף גע-שמיעדט, רייסט זיך נאָך דער הייזעריגער גראַמאָפאָן פון ר' יודעלע'ס „זכר לדאַטשע".

—אוי זכור אז-כ-ר-נו עוד-ד-ד-ד...

ער געהט!...

דאָס לעבען אויפ׳ן וואָקזאַל, נישט אַכטענדיג, וואָס עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, האָט געברויזט און געקאָכט. אַלע זאַלען זענען געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען זיך מיט אַ שטאַרק נערוועאישקייט געשטופּט, געשטויסען זיך, געשטרויכעלט געוואָרען איבער אָנגעוואָרפענע קוישלעך און רייזע-טאַשען און געפאַלען מיט אַ זידלעריי אויף די ליפּען; אַלעמענס פּנימ׳ער האָבען אויסגעדריקט דערשלאָגענקייט, שמערץ און אונבעהאָלפענקייט. עס האָבען געזאָדען די פערלאָפענע אויגען פון אַ צומישונג און שרעק ביז משוגעת.

הענעך האָט זיך פעררוקט אין אַ זייט, שטייף געקלאַמערט זיין רייזע-טאַש און האָט אַלע אַרומיגע בעטראַכט מיט זיינע פערשטיינערטע בליקען.

דאָס אַרומפליהען פון די פּאַסאַזשירען און זייער פּילדערן אַזש ביז צו הייזעריג ווערען, דאָס העשעריי פון די קליינע קינדער ביי די אַמ׳ען אויף די הענד, דאָס געקלונגעריי פון די גלעזער אויפ׳ן בופעט און שפּאָרען פון די מיליטער-לייט, דאָס הוילע שווישטשעריי פונם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געשפּאָלטען די קיהלע לופט, דאָס גערויש פון די וואַגאָן-רעדער, וואָס האָבען עפּיס געהילכט גאַנץ אַנדערש ווי אַלע מאָל — דאָס אַלץ האָט הענעכ׳ן אַזוי צוטומעלט, אַז ער האָט זיך אינ-

גאַנצען פּערלוירען. דער קאָפּ איז איהם געווען ווי אָנגעגאָסען מיט בליי, אין די אויערן האָט איהם עפּיס געפּייפט און געהיטשעט, ווי עמיץ וואָלט איהם אין זיי מיט טאַצען געקלאַפּט און צווישען דעם אַלעם האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין מוח און איבערגעשריען אַלץ מענדעל'ס דראהונג:

— ער געהט!... ער געהט!...

ס'איז געווען מינוטען ווען הענעך האָט לחלוטין פערגעסען, וואָס ער טהוט דאָ אין דעם גיהנם צווישען דעם בינטעל צוזאַמענגעדריקטע מענשען, וואָס מיט זייערע בעוועגונגען, בליקען און קולות האָבען זיי דערמאָנט אין רעכטע משוגעים... ער איז דאַן פול געוואָרען מיט רחמנות אויף זיך אַליין. ער האָט זיך פערטראַכט און פערבענקט נאָך דער שטיל רוהיגער היים, נאָך אַ וואַרים ווינקעלע, נאָך דער פרוי און קינדער, נאָך אַ געבעט בעט, און יעדעס מאָל, וואָס עמיץ האָט איהם מיט עפּיס די געדאַנקען איבערגעשלאָגען איז עס איהם פאָרגעקומען, ווי מען וואָלט איהם אויפגעוועקט פון אַ געשמאַקען שלאָף מיט זיסע חלומות און עס האָט איהם אופס'ניי אַ פּיק געגעבען אין קאָפּ מענדעל'ס:

— ער געהט!... ער געהט!...

עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג. ווי אַ לעבעדיגער שטראָם האָט זיך דער רייזענדער עולם אַ וואָרף געטהון צו דער טהיר, עס איז ענטשטאַנען אַ געדראַנג און אַ געראַנגעל. יעדער האָט געוואָלט וואָס פריהער אַנטלויפען פון דאַנען ווי פון אַ ברענענדיג הויז. מענשען האָבען שווער געסאָפּעט, געקריצט מיט די צייהן און געקעמפט מיט די עלענבויגענס. הענעך איז מיטגעריסען געוואָרען מיט'ן שטראָם, אַריינגעשלעפּט אין אַ וואַגאָן און איינגעפּרעסט געוואָרען אין אַ ווינקעל ביי'ם פענסטער צווישען פעקלעך, זעק בעטגעוואַנד און קאַסטענס.

דער צוג האָט גערוהרט און מיט זיין ברענענדיגע לאָמטערן געלויכטען אין דער בערגיגער געגענד אַריין, ווי אַנ'אויג פון דער נאַכט. די רעדער האָבען געקלאַפּט צום טאַקט מאָנאָטאָנע טיק, טיק. און הענעכ'ן איז אויסגעקומען, אַז ער הערט דייטליך די ווערטער:

— ער ג־ע־ה־ט!... ער ג־ע־ה־ט!...

אויף מזרח־זייט האָט דער הימעל אָנגעהויבען זיך ווייסען, דער צוג האָט זיך געטראָגען צווישען שאָטען געהילטע וועלדער און שוואַרצע טאָלען, פאַרביי ווייסע דאָרפישע הייזלעך און פעלדער, אויף וועלכע מען האָט נאָר וואָס געהאַט דעם ווייץ אבגעשניטען און איהם הפקר געלאָזט אונטער'ן הימעל.

דער הענעך איז שוין צו זיך געקומען נאָכ׳ן ערשטן דרימל. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטיוכען און ניכטערן פון דער פערהאַפטער נאַכט-שכרות און זיך דערמאָנען, ווי פון עפּיס לאַנגס און ווייטס.

אַצינד האָט ער קלאָר אַלץ געדענקט, ווי ער וואָלט עס נאָכ-אַמאָל דורכגעלעבט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען:

צום ערשט איז דער שותּף זיינער מענדעל גראָסמאַן אַמאָל ביינאַכט אַריינגעפאַלען אין שטוב אַ בלאַסער און אַ צוטראָגענער, אַריינגערופען איהם לפני ולפנים, פערשלאָסען די טהיר און איהם אַ זאָג געטהון אויפ׳ן אויער:

—ברודער הענעך, ער געהט!...

ער, הענעך, האָט אין אָנהויב נישט רעכט פערשטאַנען וועמען ער מיינט. נאָר, אַז מענדעל האָט איהם נאָכאַמאָל בעטאָנט מיט אַזאַ פערצווייפעלטע מינע:

—ער געהט!... האָט ער זיך ערשט געכאַפּט.

דערנאָך האָט מענדעל מיט איהם גענומען איינ׳טענה׳ן אַזוי צו זאָגען:

דו הענעך, זאָלסט דיר די זאַך נישט האַלטען פאַר גרינג, דו דאַרפסט וויסען זיין, אַז ס׳איז שוין די גסיסה... כ׳וויים פון אַ זיכערע קוועלע, אַז מ׳האָט שוין איינגעקויפט זעק צו פּאַקען די צירקלען... מ׳זאָגט, אַז די „וואָלינצעס" פיהרען אַלע נאַכט אַרויס פון די קאַזאַר-מעס, וואָס ס׳איז נאָר דאָרט פאַרהאַן, ברודער, ער געהט!...

און, אַז ער הענעך האָט זיינע רייד נישט גענומען אַזוי ערנסט האָט מענדעל איהם מסביר געווען:

—אין די גאַסען דרעהען זיך אַרום פּראָסט געראַדט לעבעדיגע מתים... דאָ וועט מען שווימען אין טייכען בלוט. און, אַז ס׳וועט שוין האַלטען סאַמע ביי דער לעצטער מינוט גיט פּאַניע אַ דרעה וואו מען דאַרף און אַדיו! גאַנץ וואַרשא דרעהט זיך איבער מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. וואַרשא איז דאָך געהוילט... דו ווייסט דאָך.

שפּעטער האָט מענדעל דאָסזעלבע איבערדערצעהלט פאַר מאַניע׳ן און זי האָט איבער איהם אָנגעהויבען וויינען:

—הענעכשי, לאָמיר זיך איינפּאַקען און אַנטלויפען, לאָמיר זיך ראַטעווען מיט די קינדער פון אַ זיכערן טויט... אַלע פאָהרען. די פעלד בלום׳ס, די שרייבמאַנ׳ס, די בריאַנסקי׳ס. געדענק, זיי נישט קליגער פון דער גאַנצער וועלט... ס׳טייטש ער געהט דאָך...

און עפּיס דעם ווייב׳ס טשאָטשע איז געקומען, אַ דיקע יודענע

מיט אַ רויט פּנים ווי געשוואָלען, וואָס שטענדיג, סיי שבת, סיי אין דער וואָכען טראָגט זי אַ שוואַרץ-זיידען קלייד און אויפ׳ן הויכען בוזעם אַ גאָלדענע קייט. דידאָזיגע טשאַטשע — פּעסעלע רופט מען זי — האָט איהם גענומען מוסר׳ן פאַר וואָס דאָס געשעפט איז ביי איהם טייערער ווי דאָס לעבען פון ווייב און קינדער... און אַזוי ווי איבער דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט מאַניע זיך צוגעהאַלטען די אויגען מיט אַ טיכעל, געשלוכצט און געצוקט מיט די אַקסלען —האָט דעריבער די טשאַטשע פּעסעלע אויסגעלאָזט מיט אַזאַ כעס, אַז דאָס פּנים איז איהר נאָך דאָפּעלט רויטער געוואָרען:

—דו הענעך זאָלסט זיך נישט שפּילען מיט קיין יתומה׳ס טרעהרען... אַז די מוטער לעבט נישט, בין איך איהר מאַמע.

הענעך האָט נאָך אַצינד גוט אין זכרון און עס טהוט איהם הנאה ווי אַזוי ער האָט די שטעל פערטרעטערין פון דער פערשטאָרבענער שוויגער אָבגעשטעלט:

—נו, און די טשאַטשע פאָהרט?

—וואָס גלייכסטו? אַזאַ רייזע איז פאַר מיינע כוחות? פון די שרעק אַליין בין איך דאָך שוין האַלב אָבגעפאַלען.

זי האָט זיך געהאַלטען מיט ביידע הענד פאַר׳ן בוזעם, ווי זי וואָלט גע׳עדות׳ט... און דאָך פערשטומט געבליבען.

ערשט ווען דער שכן דער ליטוואַק, וויגאָדסקי, האָט איהם אויפגעקלערט, אַז אין רוסלאַנד איז אַצינד שוכוואַרג מיט גאָלד צוגלייך און מען קאָן דאָרט מאַכען די אמת׳ע גוטע געשעפטען און מען דאַרף טאַקע וואָס גיכער, וואָרום ער געהט...—האָט ער מסכים געווען. האָט זיך דאַן געשטעלט אַ פראַגע:

—וואוהין פאָהרען?

ער, הענעך, האָט דוקא חשק געהאַט קיין מאָסקווא, וויבאַלד ווידער אַנטלויפען דאַרף׳זשע זיין וואָס ווייטער. נאָר מענדעל האָט איהם איבערגעשפּאַרט מיט זיינע ריידעלעך:

—געזעהן ווי ער וויל זיך בעוואָרענען? אָדער גאָרנישט, אָדער גאָר. פאַר דיר איז קנאַפּ, למשל, בריסק? בריסק — האָט מענדעל אָנגעוויזען אויף דער לאַנד-קאַרטע—איז אַ פעסטונג און אַ וואַזשנע פעסטונג דערצו. ראשית איז פאַרהאַן דאָרט אָנגעפיהרט רוסיש „פלייש״ כחול הים, אַז דער דייטש זאָל דאָרט אַהין פאַרקריכען האָט ער די אמת׳ע מפלה... והשנית, האָט ער גאָרנישט בדעה צו געהן ווייטער ווי וואַרשא. נאָך ווייניג פאַר איהם, האַ?

אין דעם ענין האָט ער זיך געװוּזט רעכענען אײנגאַנצען מיט מענ־דעל׳ס מײנונג, מחמת מענדעל האָט דעם פײערדיגען קאָפּ און קאָן פּאָליטיק װי זײַנע פינף פינגער. און אַז ער זאָגט, ס׳איז נישט פאַר־האַן קײן זיכער און קוראַנטער בעהעלטעניש װי בריסק—קאָן מען זיך אויף איהם פערלאָזען.

איז געבליבען פאָהרען און װאָס שנעלער, װײל—ער געהט...

הענעך זעהט אַצינד פאַר די אויגען דאָס פאַקעװען, דאָס געזעג־נען זיך מיט װײב און קינדער און מיט מענדעלע׳ן. אַלץ איז בײ איהם געװאָרען ריכטיג און ער האָט עס געטהון מיט אַ לײכטען האַרץ.

און דאַך װען עס איז געקומען די רײה מיט אַ װאָך שפּעטער פאַר איהם אַלײן אָבצופאָהרען איז ער געװאָרען אָבהענדיג און אונמו־טוג, אַז ער האָט זיך גאָר קײן אָרט נישט געקאָנט געפינען.

איצט אין װאַגאָן, בעמיהט זיך הענעך צו דערגעהן די סיבה פון זײן פערביטערונג און יאוש און קומט צו בעשלוס, אַז דאָס איז נאָר צוליעב די שװעריגקײט און בענקשאַפט צו פערלאָזען דאָס אַלטע אײנגע־זעסענע װאוין־אָרט צו פערפרעמדען זיך פון דער הײם. און האָט ער נאָר דעם שריט געמאַכט װעט עס איהם שוין װײטער פיעל גרינגער אָנקומען.

און װירקליך, װאָס װײטער דער צוג האָט דורכגעשניטען שטעדט און דערפער, מעהר בערוהיגט איז הענעך געװאָרען. ער האָט זיך דער־פיהלט עפּיס מיט אַמאָל גליקליך און זיך אַלײן בעטראַכט װי אַ העלד, װאָס האָט זיך אַרויסגעקריגען דורך אײגענעם פערשטאַנד און קראַפט פון אַ סכנה, ס׳איז איהם געפעלען דאָס שפּיצעל, װאָס ער האָט עמיצען אַנ׳אונבעקאַנטען אָבגעטהון. אַט קומט ער אַרײן אין װאַרשא... און טרעפט איהם, הענעכ׳ן נישט. הענעך האָט איהם אָנגעפײפט... נאָך פריהער אַװעקגעפאָהרען.

אַצינד האָט ער זיך געװאונשען, אַז ער זאָל זיכער אַרײן, און, אַז ער האָט פערבונדען אַ שמועס מיט די מיטפּאַסאַזשירען אין װאַגאָן, האָט ער שוין אויף אײגענע אחריות פערזיכערט, אַז—ער געהט...

װען די בוימער, צװישען װעלכע דער צוג האָט איצט געשװעבט האָבען אָנגעהויבען שפּרײטען שאָטענס צו מזרח־צו, די זון איז קײלעכ־דיג און רויט געװאָרען, װי אַ גרויסע גאָלדענע טאַץ און אויף בערג־שפּוּע׳ס האָבען זיך אָנגעהויבען לײכטען װײסע הײזלעך אינ׳ם שקיעה־פלאַם—האָט דער צוג אַ צאַפּעל געטהון און זיך אָבגעשטעלט. אַ דעמ־פּיג קול האָט אויסגעשריען:

—ברעסט ליטאָווסק!

— — — — — — — — — — — — — —

אויפ׳ן וואָקזאַל האָט הענעכ׳ן אָבגעוואַרט זיין שותף מענדעל. די ערשטע פראַגע, וואָס ער האָט איהם געשטעלט איז געווען:

—וואָס הערט מען מיט איהם?...

—ער געהט!...

הענעך האָט כלומר׳שט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ פער׳דאגה׳ט, און מענדעל האָט זיך דערפיהלט שולדיג איהם צו בערוהיגען:

—לאָך דיך אויס ברודער הענעך, אַהער וועט ער נישט קומען!..

אין יענער נאַכט.

אין יענער נאַכט ווען די קינדער פון אַ גרויס שטאַרק פאָלק זענען מיט שאַנד פון לאַנד פאַר'ן פיינד אַנטלאָפען; אין יענער נאַכט ווען די פוילישע רעזידענץ האָט איהר רוקען בעפרייט פון דעם יאָך פון איהרע פערקנעכטער און אונטערדריקער; אין יענער נאַכט ווען דער שטאָלץ און כבוד פונ'ם רוסישען „טאַפּערען" סאָלדאַט איז דערטרונקען געוואָרען אין דער פולישער ווייסעל; אין יענער נאַכט ווען יודען האָבען אָבגעאָטעמט פון גרויס פיין און אין די פערשמאַכטע פינסטערע הערצער האָט אַ פאַלשע שיין פון האָפנונג געוואונקען און געוועקט,—אין יענער נאַכט זענען בלויז געצעהלטע מענשען געשטאַנען מיט די זייגערס אין די הענד און געבּרענט פון אומגעדולד, אָבגעוואַרט די שעה פון דער „גאולה"—ווען וועט עס שוין ענדליך געשעהן!...

און אַ מעהר ווי געוועהנליכע רוהיגע נאַכט איז עס געווען. קיין ווינדטעל האָט קיין בלאָז נישט געטהון, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז גאָר די בריאה האָט זיך פערגאַפּט אויף דער אונבעגרייפליכער גרינדליכער ענדערונג, וואָס איז אַזוי אונגעריכט פאָרגעקומען, מילד צוגיסענדיג איהר זילבער-מאַטע שטראַהלען האָט זיך געגליטשט אַ נייע לבנה אויף דעם בלויען פאָן פון דעם מיט מיליאָנען שטערנדלעך אויסגעזייהטען הימעל-הויך; אַ געטליכער שלאָף האָט איינגעשטילט די שטאָדט און אין דער טיעפער שטילקייט האָט מען קוים געקאָנט דערהערען דאָס אָטע-מען פון די שלאָפענדיגע. די בעפעלקערונג האָט גאָר נישט געאַהנט פון איהר אויסלייזונג.

צווישען די אָבוואַרטענדיגע מיט קלאַפּענדיגע הערצער פון זייער „משיח", זענען אויך געווען באָליעק פּאָליעווסקי און דאָראַ איטקין.

I

צווישען די ערשטע צעהן, וואָס זענען זיך געקומען מעלדען נאָכדעם ווי עס איז פערעפענטליכט געוואָרען, אַז מען פערשרייבט פריוויליגע אין דער שטאָדט-מיליץ—איז געווען באָליעק פּאָליעווסקי, אַ דאַרער יונ-גער בחור מיט אַ העפט אויפ'ן פּנים, מיט אַ פערקעמטען הויכען „יאָוש".

ער איז געווען בעגייסטערט פאַר דעם דאָזיגען אידעאַל. שוין די מעגליכקייט אַליין צו קלערען דעריבער האָט איהם געשמייכעלט, זיין פּנים האָט געשטראַהלט, דאָס האַרץ אין איהם האָט פאַר נחת געקוואַ-

דען און ברייטער געוואָרען און די האַנד האָט איהם געציטערט בשעת ער האָט די דעקלאַראַציע אונטערגעשריבען.

מ׳האָט בעדאַרפט וועגען איהם אויסקונפטען האָבען און אונטער דער צייט האָט באָליעק שטיל גאָט געבעטען, עס זאָל זיך אַלץ אויס־לאָזען צום גוטען. ער זאָל נישט פערשעמט ווערען פאַר אַלע בעקאַנטע „פאַניענקעס״, וואָס קוקען שוין אויף איהם מיט׳ן געהעריגען דרך־ארץ ווי אויף אַ צוקונפטיגען מיליציאַנט און טיילען איהם שוין צו די גע־העריגע מאָס כבוד, וואָס אַזאַ פערזענליכקייט שטעהט אָן...

געגאַנגען איז עס גראָד ווי געוואונשען. באָליעק איז אַנ׳אונבע־פלעקטער און איז ראוי געווען צו אַזאַ כהונה. האָט מען איהם גאַנץ אונ־געריכט אַרויסגערופען און ער איז בעשאָנקען געוואָרען מיט׳ן טיטול מיליציאַנט.

איז ער אַהיים געקומען און פאַר פרייד אַ טענצעל געכאַפּט. יע־נער טאָג איז איהם אויסגעקומען אַ זון בעשיינט מיט שטראַהלען. דער מוח איז ביי איהם ווי פערנעבעלט געווען און דאָס איבערגעפּולטע האַרץ האָט ביי פּלאַצען געהאַלטען...

שוין די דריטע נאַכט היינט ווי ביי באָליעק׳ן אין טאַש נעכטיגט אַ רויט־ווייס מיליצישע באַנד. ער דאַרף אַ ליאַדע־ווען מיט איהר זיין אָרים בעצירען און בעווייזען זיך אין איהר גאַנצער פּראַכט צווישען דער געזעלשאַפט.

וואָלטען זיי שוין געקומען!...

ער, באָליעק, ווייסט, דאָס האַרץ זיינס שפּירט עס אפשר מעהר ווי דער שכל איז משיג, אַז היינט נאָך דאַרף עס פּאָרקומען; היינט ביינאַכט דאַרף זיך אָבשפּילען עפּיס אויסטערלישעס; אָט מ׳רעדט, אַז מען וועט היינט ביינאַכט אויפרייסען די בריק איבער דער ווייסעל... בעת דער „רעוויראָווע״ איז פאַרנאַכט ווי אַ שטילע קאַץ איבער דעם הייף אַרומגעגאַנגען און ליעבליך, נישט ווי זיין שטייגער גאַר, אָנגע־זאָגט די פענסטער שליסען — האָט די זאַך געשיינט צו זיין אמת. שפּע־טער איז דער אמת בעשטעטיגט געוואָרען דורך די אָבטיילונגען גאַלאָ־פּירנדיגע קאָזאַקען, וואָס האָבען צו דער ווייסעל ריכטונג געצויגען.

און באָליעק שטעהט ביים פענסטער מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען אין דעם זילבער איינגעטונקטען דרויסען און פּאָרשט און זוכט. זיין געהער איז אָנגעשטרענגט און פאַר זיין אויער געהט נישט פער־לוירען יעדער מינדסטער שאָרך, יעדער פערטויבטער גערויש פון אַ וויטען לויפענדיגען וואָגען און יעדער ביל פון ערגיץ אַ הונד.

—נאָך נישט?

—גאָט מיינער! וואָס ציהט זיך אַזוי לאַנג די היינטיגע נאַכט?

און ער פאַלט אויף אַ שטוהל אָהנמעכטיג...

II

צווישען די לעצטע צעהן פּאַליטישע, וואָס זענען נאָך געבליבען אין טורמע, נאָכדעם ווי עס איז בעפעהלט געוואָרען אַלע אַרעסטאַנטען אוועקצושיקען—איז געווען דאָראַ איטקין. אַ הויך פעסט געבויט מיידעל מיט אַ פערריסען נעזעל און פערקעמט די האָר אין אַ ברייטען שרינט.

די מיטזיצערינס, דאָראַ׳ס קאַמער-חברטעס, האָבען צווישען זיך געלאָזט פּאַלען ווערטער, אַז באַם ס׳זאָל פּאַסירען, מ׳זאָל זיי נישט בע-ווייזען אַרויסצופיהרען ביז ס׳זאָל קומען די ענדערונג... — דאַן בלייבען זיי פריי... און דאָראַ איז געווען בעגייסטערט פאַר דעם דאָזיגען גע-דאַנק. שוין די מעגליכקייט אַליין צו קלערען דעריבער האָט איהר גע-טרייסט, איהר לאַנג פּנים האָט זיך געראָויטעלט. דאָס האַרץ אין איהר איז געוואָקסען און הענד און פיס האָבען איהר געציטערט ביי יעדערס מאָל קלויבען אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטען צום אַוועקפיהרען און זי איז ווייטער זיצען געבליבען.

מ׳האָט בעדאַרפט וועגען איהר אויסקונפטען האָבען און אין דער צייט האָט דאָראַ שטיל גאָט געבעטען עס זאָל זיך אַלץ אויסלאָזען צום גוטען; זי זאָל נאָך בלייבען ביי דער האָפנונג, אַז איהר נשמה קאָן אַמאָל פון קוועל לויז ווערען, אַז זי קאָן פון דער גרויער קאַלטער קאַמער פון הינטער די פערצוימטע קראַטען פריי אַרויס, אַז זי קאָן נאָך האָבען ליכט און זון, מ׳זאָל איהר מעהר נישט אַזוי ברוטאַל בע-האַנדלען נאָר רעכנען זיך מיט איהר, ווי איהר שטעהט אָן.

בעגאַנגען איז עס גראָד ווי געוואונשען. דאָראַ איז אַנ׳אונבע-פלעקטע און איז ווערט די מנוחה. האָט מען איהר גאַנץ אונגעריכט אַרויסגערופען און זי איז בעשאָנקען געוואָרען מיט׳ן טיטול—„רוהיגע”. און בעקומען אַ צוזאָג צו בלייבען דאָ ביז די לעצטע מינוטען.

איז זי צוריק אין קאַמער געקומען און פאַר פרייד אין דער הויך געשפּרונגען. יעגער טאָג איז איהר אויסגעקומען ווי אַ שוואַרצער הי-מעל אָבער דאָך בעשיט מיט פינקלענדיגע שטערן; דער קאָפּ האָט זיך איהר פון פאַנטאַזיע פערדרעהט און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט...

שוין די דריטע נאַכט ווי דאָראַ פערקריכט אויף דער נאַרע שלאָפען מיט אַ פעסטען גלויבען, און אין חלום זעהט זי איהר בעפריי-אונגס-שיין, וואָס דאַרף אַ ליאַדע-ווען איהר לעבען בעציערען און זי קעהרט ווידער צוריק אַפרייע מיטגלידערין צווישען דער פרייער געזעלשאַפט.

וואָלטען זיי שוין געקומען!...

פון פאַרנאַכט אָן, זינט ווען דער הימעל אין מערב-זייט איז ערנסט רויט געוואָרען און מיט יעדער מינוט האָט די רויטקייט גע-גוסס׳ט און אָבגעשטאָרבען, שטעהט דאָראַ ביי׳ם פערקראַטעוועטען פענ-סטער׳ל, טרויעריג פינסטער איז אין קאַמער, אויף דער פּאָדלאָגע וואַל-גערן זיך הויפענס מיסט און אין ווינקעל נעבען קיילעכדיגען אייזער-נעם אויוועלע פול אַלטע אַש, אין דער הויך איבער׳ן געזימס פון די אייזערנע קראַטען ליגט ווי אַוועקגעשליידערט אַ שטיקעל פערהאַרטעוועט ברויט. וואָס איז אַרומגעוויקעלט פון שפינוועבס און פליגען זשומען דאָרט גרויליך—דאָראַ׳ן געהט דאָס קנאַפּ אָן.

זי, דאָראַ, ווייסט, דאָס האַרץ זאָגט איהר אונטער, אַז היינט נאָך דאַרף עס פאָרקומען; היינט ביינאַכט קומט די ענדערונג, וועגען וועל-כער מען האָפט און מען גאַרט אַזוי פיעל צווישען די ווענד פון דער תפיסה; קיין שום רייד פון גאַס האָט אַהער הינטער די מויערן אפילו נישט דערגרייכט, נאָר עפּיס מערקט עס זיך אין דער לופט... בעת דער „קלוטשניק” איז פאַרנאַכט, ווי אַ לאַשטשענדיג הינטעל איבער די קאַמערן אַרומגעגאַנגען און פריינדליך, נישט ווי זיין שטייגער גאָר, אָנגעזאָגט זיך האַלטען רוהיג — האָט די זאַך געשיינט צו זיין אמת. שפּעטער איז דער אמת בעשטעטיגט געוואָרען דורך דעם נאַטשאַלניק׳ס גאַלאָפּ אַרויספאָהרען, פון הויף צו דער באַהן-ריכטונג...

און דאָראַ שטעהט ביי׳ם פענסטערל מיט אַ טיעף איינגעגעסענעם בליק אין דעם דרויסען, וואָס איז פערפלאָכטען מיט אַ נעץ מאַטע לבנה-שטראַהלען און פאַרשט, און נישטערט; איהר געהער איז אָנגעשטרענגט, און ביי יעדער מינדסטען בוימער-שאָרך צאַפּעלט איהר האַרץ אויף; פון יעדער וואַסער-וואַל בעוועגט זיך איהר ברוסט און פון יעדען ווינד-טעל-בלאָז צינד זיך איהר מוח אָן.

—נאָך נישט?

—גאָט מיינער! וואָס ציהט זיך אַזוי לאַנג די היינטיגע נאַכט? און זי פאַלט אויף דער נאַרע, אָהנמעכטיג.

III

און דאָרט הויך אויף דעם הימעל, האָט פּונקט אַזוי אויך אַ שטע-רענדעל זיך פערגאַפט צו דער ערד אַראָב.

שטיל, שאַ, קוקט עס, פאַרשט עס.

פּלוצלונג האָט דאָס שטערנדעל אַ ציטער געטהון און אויסטיי-לענדיג זיך פון דער בלויער לופט, איז עס, ווי אַ בליץ, שנעל אַרונ-טער געפאַלען און פערשוואונדען געוואָרען אין תהום...

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָרט ביי דעם ווייסעל האָט זיך עפּיס אין געהיים געוועבט.

הויך איבער דער בריק האָבען מענשען, ווי די שאָטענס הין־און־צוריק געשוועבט, טייוועלש אויף די ווענד געקלעטערט, געטהון, גע־לאַדעוועט, געבונדען, אַלץ אָהן אַ וואָרט, ווי די קברנים שטייף איינגע־עקשנ׳ט און אונטען אויף דעם רוקען פון דער רוהיג־שלאָפענדיגער ווייסעל האָבען זיך ליכטיגע ווייס־געפאַרבטע דאַמפּערס געגליטשט ווי זיי וואָלטען געווען ווייסע חלומות פון דעם שוואַרצען טייך.

וואָלקענס האָבען גענומען פאַרבי־ציהען און לויפען, דער לבנה־לאָמפּ האָט זיך אויסגעלאָשען, ווי עמיצענס האַנד וואָלט זי פערדרעהט; אין האָריזאָנט האָט זיך אַ סקעלעט בעוויזען, געשטאַנען פערשטומט און זיין הוילער שאַרבען האָט געקוקט און אַלץ אַרום בעטראַכט...

—טראַאַחחח!...

אַ ווילדער קראַך האָט די לופט פערהילכט און די נאַכט אויפ־געציטערט.

גלייך האָט עס ווי אַנ׳אָבגעריסענער ווינד גענומען האַסטיג און רויה בלאָזען, ווילדעווען און מיט פייער שפּייען; די ווייסעל האָט זיך אויפגעוועקט און פון פערדראָס געברויזט און געזאָטען, די כוואַליעס האָבען זיך מיט שרעק צום ברעג געדרענגט ווי צו אַנטרונען און די בריק ווי אַ גרויזאַמע פערוואונדעטע חיה האָט געוואויעט, געקרעכצט און געבראָכען זיך אין וועהטאָג...

דער שטאָדט־זייגער האָט דריי קלונגען אָבגעצעהלט און געהערט האָט זיך אין זיי ליידענס־טענער, שמערץ און פּיין.

האָבען מענשען פון זייערע געלעגערס דערציטערט זיך אויפגע־חאַפּט, אָנגעשטעלט די אויערן, קוים מיט די ליפּען בעריהרט און פון די הערצער זיך אָבגערעדט:

—די אַלטע וועלט ווערט חרוב... די ביז איצטיגע הערשאַפט שטאַרבט אָב...

און די לייכטזיניגע פון זיי האָבען מיט אַנ׳אַרויסגעוויזענע פרייד די הענד איינע אָן די אַנדערע זיך געריבען:

—משיח קומט!...

— — — — — — — — — — — — —

מונטער האָט אַ יונגער טאָג ערוואַכט און אַרומגעשפּרייזט מיט וואַרימקייט און פרייד.

און ווען מענשען זענען דערנאָך אויפגעשטאַנען און אויף די גאַסען אַרויס—האָבען זיי געגלויבט, אַז די וועלט איז אַ נייע! — —

— — — — — — — — — — — — —

נתן דער חכם

(נאטהאן דער ווייזע).

— פון —

גאָטטהאלד אפרים לעססינג.

בעארבייטעט אין אן ערצעהלונגס־פאָרמע פון

ב. גאָרין.

פרייז 10 סענט.

היברו פּאבלישינג קאמפּאני,
83־85־87 קאַנאַל סט., ניו־יאָרק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

א קורצע ביאגראפיע פון לעססינג.

נאַטהאַלד אפרים לעססינג איז געבאָרען געוואָרען דעם 22טען יאנואר, 1729 אין קאַמענץ, וואס איז איינע פון דיא זאַגענאַנטע זעקס שטעדט פון אבערלויזיץ, (דייטשלאַנד.) ער איז ארויסגעקומען פון א פרומען און גילעהרטען גייסטליבען (גלח) און איז געווען דער עלטסטער פון צעהן זיהן.

צו זיבעצעהן יאָהר האָט איהם דער פאָטער אוועקגעשיקט אין לייפּציגער אוניווערזיטעט. דאָרטען האט ער זיך שטארק אָבגעגעבען צום טהעאטער און האָט אָנפאַנגס איבערזעצט א פּאָר פראַנצויזישע שטיקער און דערנאָך אָנגעשריבען פאַר'ן לייפּציגער טהעאטער אייגענע עטליכע לייכטע שטיקער און האָט ערנסט אָנגעהויבען צו דענקען צו ווערען אַן אַקטיאָר. דערפון האָט מען זיך דערוואוסט ביי איהם אין דער היים און דאס האָט געמאַכט דאָרטען אַזאַ רעש, אַז דער פאָטער האָט איהם געשריבען, אַז ער זאָל גלייך קומען אַהיים.

נאָר האָטש דער פאָטער האָט אויסגעפונען, אַז זיין זוהן וועט קיין גייסטליכער ניט ווערען, האָט ער אָבער געזעהן, אַז ער האָט געלערנט זעהר גוט און האָט זיך זעהר אָרדענטליך אויפגעפיהרט. און ער האָט איהם באַלד צוריקגעשיקט אין לייפּציג, ער זאָל פאָרזעטצען זיין לערנען.

קומענדיג צוריק אין לייפּציג איז לעססינג איבערגעגאַנגען פון טהעאָלאָגישען פאַקולטעט אויף'ן מעדיצינישען. זיין ליידיגע צייט האָט ער פערבראַכט מיט דיא אַקטיאָרען און ווען ער האָט זיך צוליעב זיי פערפּלאָנטערט אין שולדען, וואס זיי האָבען געמאַכט און ער האָט ערוב געווען, האָט ער געמוזט אויפגעבען דעם אוניווערזיטעט און אוועק אין בער'לין, וואו ער האָט זיך גענומען צום שרייבען, אום צו פערדינען זיין ברויט.

אין 1753 האָט ער אָנגעשריבען דיא טראַגעדיע „פריילין סאַרא סאַמפּסאָן,“ וואס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין פראַנקפורט דאָס אָדער מיט גרויס ערפאָלג און זיין גוואַלדיגע ליידענשאַפט צו דראַמאַטישע ליטעראַטור איז איצט געוואָרען נאָך שטאַרקער. ער האָט גענומען רעפאָרמירען דיא דייטשע ביהנע, וואָס איז גע-

ווען פערשוואומען מיט פראנצויזישע פיעסען און ער האט בעשאפען אין דייטש־לאנד א נאציאנאלע דראמא.

נאטהאן דער ווייזע (נתן דער חכם) האט ער געשריבען ביים סוף פון זיין לעבען; מיט דער אידעע פון דער פיעסע האט ער זיך ארומגעטראגען עטליכע יאהר און האט איהר (דיא שטיק) געוואלט שרייבען אין א סאטירישען אופן, אבער זיין פריינד מאזעס מענדעלזאהן איז געווען געגען דעם און לעססינג האט איהם גע־פאלגט און געמאכט פון איהר א ריהרענדע שטיק. „נאטהאן דער ווייזע" האט לעססינג געשריבען אלס א ענטפער אויף א געוויסען גלח'ס אנגריפע, פאר וואס ער שעהנט ניט דעם קריסטענטהום און וויא דיא גייסטליכע האבען אנגענומען דעם ענטפער, וויא אזוי זיי האבען בעגעגענט נאטהאן, קען מען מאכען א פיינעם קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער קירכע.

„נאטהאן דער ווייזע" איז איבערהויפט אינטערעסאנט פאר אונז אידען; דיא גאנצע שטיק איז א לויב־געזאנג פאר'ן אידען; ער שטעלט ארויס דעם אידען אלס א מוסטער פון טוגענד.

נאטהאלד אפרים לעססינג איז געשטארבען אין 1781 און דער גוטער איינ־פלוס פון זיינע ווערק אויף דיא געהירן פון דער מענשהייט וועט בלייבען אן איי־ביגע.

נתן דער חכם.

„נאטהאן דער וויזע.“

פון גאטטהאלד אפרים לעססינג.

בעארבייטעט אין ערצעהלונגס-פארמע

פון ב. גארין.

I.

צו איינע פון דיא רייכסטע הייזער אין ירושלים איז צונעפאהרען א קאראַוואן מיט קעמלען אנגעלאדען מיט משא. א בעיאהרענטער מאן אין רייזע קליידער געדיכט בעדעקט מיט שטויב, וואס האט געוויזען, אז ער איז געקומען פון א ווייטע רייזע, איז אראב פון זיין קעמיל.

דיא טהיר פון הויז צו וועלכע דיא קעמלען זיינען צונעפאהרען האט זיך האסטיג געעפענט און א פרויענצימער פון א יאהר דרייסיג איז געשווינד צו איהם ארויסגעלאפען אנטקעגען.

— ענדליך זייט איהר געקומען, נאטהאן! א דאנק דעם אלמעכטיגען.

— יא, א דאנק דעם אלמעכטיגען, וואס איך בין בשלום אנגעקומען צוריק אין ירושלים, האט נאטהאן געענטפערט און געלאזט זיך געהן אין הויז. אבער וואס עפעס ענדליך?

דיא פרויענצימער איז איהם נאכגעגאנגען און זיי זיינען ביידע אריין אין הויז.

— וואס עפעס ענדליך? האט נאטהאן ווידערהאלט זיין פראגע. האב איך דען גערעכענט אדער איז דען געוועזן מעגליך צו קומען פריהער. דער וועג פון ירושלים נאך בבל איז ניט קיין קליינער און איינקאסירען שולדען איז ניט אזא געשעפט, וואס לאזט זיך מאכען גרינג.

— אח, נאטהאן, נאטהאן! איהר ווייסט ניט וואס פאר אן אונגליק אייך האט שיער ניט געטראָפפען. אייער הויז....

— איך האב שוין געהערט, דאיא, אז עס האט געברענט.

— און איז שיער אבגעברענט געווארען ביז'ן גרונד, האט דאיא געזאגט.

— דאן וואלטען מיר געבויט א נייע הויז און נאך א שעהנערע, האט נאַטהאן געזאגט רוהיג.

— דאס איז ריכטיג, נאר רעבא איז אום איין האר ניט פֿערברענט געוואָרען.

— פערברענט? ווער? האט נאטהאן אויסגעשריען מיט שרעק, מיין רעבא? דערפון האט מען מיר גאר ניט דערצעהלט. דאן וואלט איך מעהר קיין הויז ניט בעדארפט. אום איין האר ניט פערברענט געווארען—הא! זאג, איז זיא פערברענט געווארען! זאג מיר דעם אמת! טוידט מיך גלייך און מאטער מיך ניט. יא, זיא איז פערברענט.

— ווען זיא זאל פערברענט ווערען, וואלט איך אייך דען אזא בשורה אנגעזאגט?

— אויב אזוי פאר וואס שרעקסטו מיך. אה, רעבא! וואו איז מיין רעבא?

— אייער? אייער רעבא?

— איך ווייס ניט וואס פון מיר וועט ווערען, ווען איך וועל זיך מוזען אבגעוואוינען צו רופען איהר מיין קינד, האט נאטהאן געזאגט טרויעריג.

— אייער גוטסקייט צו איהר פֿלאגט מיין געוויסען, און איך קען....

— הער, דאיא, האט איהר נאטהאן איבערגעריסען, איך וויל דיר דערצעהלען......

— מיין געוויסען, זאג איך......

— אין בבל האב איך פאר דיר געקויפט אזא פיינעם שטאף! אזא רייכען שטאף! פאר רעבא האב איך ניט געבראכט קיין שעהנערן.

— וואס העלפט עס אבער? האט דאיא געזאגט א ביסעל וויכער. מיין געוויסען לאזט מיך מעהר ניט רוהען.

— און אין דמשק האב איך פאר דיר געקויפט רינגען און בראסלעטען און אוירינגלאַך, איך זאג דיר, זיי וועלען דיר געפעלען ווערען.

— אזוי טהוט איהר דאך אימער, האט דאיא געזאגט נאר וויך. איהר מאכט נאר מתנות, נאר מתנות!

— נעהם דוא אזוי גערן וויא איך גיב, און שווייג.

— ווער צווייפעלט דען, אז איהר זייט דיא גוטסקייט, דיא עהרליכקייט אליין, אבער דאך......

— דאך בין איך נאר א איד...... דאס האסטו געוואלט זאגען.

— איהר ווייסט בעסער, וואס איך האב געוואלט זאגען.

— אלזא שווייג בעסער.

— איך שווייג, נאר דיא זינד, וואס איהר ערציהט א קריסטליכע קינד ביי אייך און איך קען דערצו ניט העלפען, זאל פאלען אויף אייך.

— זאל זיין אזוי, אבער וואו איז זיא? ווייס זיא אז איך בין שוין דא?

— דאס ווייס איך ניט. זיא האט נאך היינט און דא ניט לאנג, ווען איך בין געזעסען נעבען איהר בעט און געהיט איהר וויא זיא שלאפט, האט זיא זיך פלוצים א צאפעל געטהאן און אויסגעשריען: „הארד! אט קומען אן דעם פאטער׳ס קעמ־לען!" און איהר קאפ איז ווידער אראבגעזונקען אויף׳ן קישען. איך בין ארויסגע־לאפען און שטעלט אייך פאר מיין איבערראשונג! איך זעה איהר זייט ווירקליך פון אייער רייזע צוריקגעקומען. אלע איהרע געדאנקען זיינען אין גאנצען פערנומען מיט אייך און מיט איהם.

— מיט איהם? האט נאטהאן אויסגעשריען פערוואונדערט. מיט איהם? מיט וועלכען איהם?

— דאס איז דער. וואס האט איהר גערעטעט פון פייער.

— ווער איז ער און וואו איז ער וואס האט מיין רעכא גערעטעט?

— ער איז א יונגער ריטער, וועלכען מען האט געבראכט מיט א פאר טעג צוריק א געפאנגענעם און איז בעגנאדיגט געווארען פון דעם סולטאן.

— א ריטער בעגנאדיגט פון סולטאן! האט נאטהאן איבערגעפרעגט פער־וואונדערט. פון סאלאדינס הענד ארוים לעבעדיגערהייד, דאס איז ניט קיין קליינער וואונדער. וואו איז ער, דער איידעלער מאן? איך וועל איהם פאלען צו דיא פיס. האט איהר איהם אוועקגעגעבען אלעס, וואס איך האב דא מיט אייך איבערגע־לאזט. האט איהר איהם פערשפראכען צו געבען נאך מעהר, ווען איך וועל קומען? פיעל מעהר? פיעל מעהר!

— וויא האבען מיר דאס געקענט? ניט מיר ווייסען, פון וואנען ער איז גע־קומען און ניט מיר ווייסען וואהין ער איז אוועק. ווען דאס פייער אין הויז האט אויסגעבראכען, און דאס הויז איז פול געווארען מיט רויך און רעכא איז פערבליע־בען אינערווייניג און האט געמאכט שרעקליכע געשרייען, האט זיך בעוויזען א יונ־גער ריטער און האט זיך אריינגעווארפען אין פייער. ער האט זיך געזאמט א היב־

שע ווילע און מיר האָבען שוין געמיינט, אז זיי ביידע זיינען שוין פערלאָרען, ערשט פלוצים איז ער ערשיענען פון פייער מיט רעבא וויא ניט איהם מיינט מען עס און איידער מען האָט צייט געהאט ארומצוקוקען זיך האט ער זיך דורכגעשפארט דורך דעם עולם און איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען.

— אָבער איך האָף אז ניט אויף אייביג.

— אין עטליכע טעג שפעטער, האָט דאיא פאָרטגעזעצט, האָבען מיר דער־זעהן וויא ער שפאצירט ארום דאָרטען אונטער דיא פאלמען. איך בין געשווינד ארויסגעגאנגען צו איהם און גענומען איהם בעטען, ער זאָל אריינקומען צו אונז אין הויז, אום דאס מיידעל, וואס ער האָט גערעטעט פון טוידט, זאל איהם קענען בעדאנקען....

— נאָר....

— נאָר מיין בעטען איז געוועזן אומזיסט. ער איז געבליעבען טויב צו מיינע ווערטער און האט זיך נאָר לוסטיג געמאכט איבער מיר.

— און דאָס האָט דיך אבגעשראָקען, האָט נאטהאן געזאָגט.

— אָ, ניין. איך בין טאג טעגליך איהם נאָכגעגאנגען און געבעטען, ביז ער האָט ענדליך נאָר אויפגעהערט צו בעוויזען זיך דאָ און איצט וויים איך נאָר ניט וואו ער איז היגעקומען.

— נאטהאן האָט אויסגעהערט דיא ערצעהלונג מיט פערוואונדערונג און האָט זיך פערטראכט. ער האט גוט פערשטאנען וויא דיא זאנדערבארע אויפפיהרונג פון דעם ריטער האט געדארפט ווירקען אויף אזא מארך, וויא רעבא'ס. צו זיין פער־לאָבט פון איינעם, וועמען מען איז געצוואונגען זעהר הויך צו שעצען; צו ווערען אזוי פערשטויסען און דאך זיין צוגעצויגען. א שווערער קאמפף דארף פארקומען צווישען קאפ און הארצען. און דיא פאנטאזיע האָט דערוויל דיא מעגליכקייט צו מאלען וועלכע בילדער זיא וויל. א היבשע ווילע איז ער אזוי געשטאנען פערטראכט און האט ענדליך געפרעגט:

— וואס דענקט וועגען איהם רעבא?

— זיא דענקט אז ער איז א מלאך פון הימעל און איז ארויסגעשיקט געוואָ־רען צו רעטען איהר פון פייער.

— גע‍ה, זעה, וואס זיא מאכט און צו קען איך מיט איהר ריידען און איך וועל זעהען שפעטער וויא אויסצוגעפינען דעם מלאך און ברענגען איהם אהער.

— דאס איז א שווערע אונטערנעהמונג, האט דאיא געזאגט און איז גע־שווינד ארויסגעגאנגען פון צימער.

II

נאטהאן האט דערווייל אומגעביטען זיינע רייזע־קליידער, האט זיך ארומגע־וואשען און געמאכט פערטיג צו בעגעגענען זיין אדאפּטירטע (אנגענומענע) טאכטער.

ווען רעכא, בעגלייטעט פון דאיא, איז אריינגעקומען איז נאטהאן געבליעבען שטעהן אויף איין ארט, וויא א צוגעשמידטער.

— דאס ביזטו טאקע, דוא אליין, מיין פאטער! האט רעכא אויסגעשריען, וואס איז דאס מיט דיר? וועלכע בערג, וועלכע מדבריות, וועלכע טייכען שיידען אונז איצט פארנאנדער? דוא שטעהסט צו מיר נעזיכט צום געזיכט און ווילסט מיך ניט ארומנעהמען. ארימע רעכא! זיא איז שיער ניט פערברענט געווארען. נאר ציטער ניט! פע! צו שטארבען אין פייער איז א שרעקליכער טוידט!

נאטהאן איז צו איהר צוגעגאנגען און האט איהר שטארק ארומגענומען.

— מיין קינד, מיין טהייערע קינד! האט ער נאר געקענט אויסריידען.

— ביז דאס פייער האט אויסגעבראכען אין אונזער הויז, האט רעכא געזאגט, בין איך געווען אין איינע שרעק פאר דיר. דוא האסט געדארפט אריבערפאהרען אזוי פיעל טייכען, דעם ירדן, דעם טייך חדקל און דעם טייך פרת און ווער וויים נאך וואס פאר א טייכען. זייט פון פייער אבער האב איך גערעכענט פאר א פער־גניגען צו שטארבען אין וואסער. נאר גאט צו דאנקען, דוא און איך זיינען געבליע־בען לעבען. דיך האבען אונגעזעהענע מלאכים אריבערגעטראגען אויף זייערע פליגלען איבער דיא פאלשע טייכען און מיך האט א געזעהענער מלאך ארויס־געשלעפּט פון דיא העלישע פלאמען אויף זיין ווייסען פליגעל. פנים לפנים בין איך געשטאנען מיט א מלאך.

— דוא האסט עס פערדיענט, מיין טאכטער, און ער האט דיר ניט געקענט שיינען שעהנער וויא דוא איהם.

— וואס מיינסטו מיט דעם?

— איך מיין אז דער רעטער איז געווען א מענש בעשאפען פון פלייש און בלוט, וויא מיר אלע.

— א, ניין, פאטער, מיין רעטער איז ווירקליך א מלאך. און וואס איז דער וואונדער? האסטו דען אליין מיר ניט געזאגט, אז מלאכים זיינען פאראן און זיי טהוען וואונדער פאר דיא, וואס ליעבען גאט און איך ליעב איהם, פאטער.

— און ער דיך אויך; און ער טהוט פאר דיך און דיין גלייכען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע וואונדער. און ווען דיך האט גערעטעט א ריטער און ניט קיין מלאך

איז דאס ניט קיין וואונדער? איז דען קארג פאר דיר, וואס דיך האט גערעטעט א מענש, וועמעס לעבען בלייבען אליין איז ניט קיין קלענערער וואונדער, ווייל ווער האט עס געהערט, אז סאלאדין זאל לעבעדיג ארויסלאזען א ריטער? ביז איצט איז נאך קיין ריטער פון זיינע הענד לעבעדיג ניט ארויס!

— און דאס טאקע איז פאר מיר דער בעסטער בעוויז, אז דאס איז ניט געוועזען קיין מענש, זאנדערן א מלאך. אויב ביז איצט איז נאך קיין געפאנגענער רי־טער ניט געבליבען לעבען אדער ארומגעגאנגען פראנק און פריי אין דיא גאסען פון ירושלים, פון וואנען האט זיך גענומען אזעלכער פאר מיר, ווען איך האב געהאל־טען ביים פערברענט ווערען?

— דאיא! וואס שטעהסטו אן א זייט? האט זיך נאטהאן געווענדעט צו דאיא. העלף מיר דוא ארוים. דוא האסט דאך מיר דערצעהלט, אז ער איז א גע־פאנגענער, דוא ווייסט וואהרשיינליך עטוואס מעהר וועגען איהם.

— מען זאגט, אז סאלאדין האט דעם ריטער בעגנאדיגט, האט דאיא גע־ענטפערט, ווייל ער איז זעהר עהנליך צו זיין ברודער, וועלכען ער האט שטארק געליעבט און וועלכער איז שוין א יאהר צוואנציג טוידט, זיין נאמען געדענק איך ניט און וואס מיט איהם איז געשעהן ווייס איך אויך ניט, עפעס קליינגט עס אין גאנצען וויא א אויסגעקלעהרטע זאך.

— פאר וואס זאל דאס זיין אן אויסגעקלעהרטע זאך? קען דען ניט טרעפען, אז צוויי געזיכטער זאלען זיין זעהר עהנליך, אדער אז סאלאדין זאל זיין זעהר צוגע־בונדען צו זיין פערשטארבענעם ברודער.

— אבער וואס קען שאדען, ווען דעם רעטער וועט מען רעכענען פאר א מלאך און ניט פאר א מענשען? האט דאיא געפרעגט.

— דאס איז נאר שטאלץ און שטאלץ! האט נאטהאן געענטפערט. דער אייזערנער טאפ וויל גערן ארויסגעצויגען ווערען פון גלוטה מיט א זילבערנעם צוואנג, אום ער זאל זיך קענען פארשטעלען, אז ער איז אויך א זילבערנע וואזע. „וואס פאר א שאדען איז אין דעם?“ פרעגסט דוא. „וואס פאר א נוטעס שטעקט אין דעם?“ קען איך ענטפערן. נאר אויב עס טהוט קיין נוטעס ניט, ברענגט עס אבער שאדען. פאר דעם, זאל ער זיין א מלאך אדער א מענש, וואס האט דיך גערעטעט, וועט איהר גערן טהאן, וואס איהר וועט קענען. איצט וואס קענט איהר טהאן פאר א מלאך? איהר קענט איהם דאנקען, איהר קענט צו איהם זינגען און קענט צו איהם פאסטען אדער טהיילען נדבות אין דעם טאג. דאס אלעס איז גאר נישט. אלענפאלס מיר שיינט, אז אייערע שכנים וועלען דערפון מעהר געניסען וויא ער.

ער קען ניט זאט ווערען פון אייער פאסטען, קען ניט רייך ווערען פון אייערע נדבות, קען ניט שטארקער ווערען פון אייער לויבען. ניט אמת? אָבער פאר א מענשען...

— דוא ביזט גערעכט, פאטער, פאר א מענשען קען מען טהאָן געוויס מעהר, אָבער וואס טהוט מען ווען ער איז פערשוואונדען געווארען.

— פון וואנען איז ער פערשוואונדען געווארען—פון אונטער דיא פאלמען? האט נאטהאן געפרעגט, אדער איהר האט איהם געזוכט אויך אנדערסוואו.

— אנדערסוואו האבען מיר איהם ניט געזוכט, האט דאיא געענטפערט.

— איהר זעהט? עס טהוט שאדען, קאלטע פאנטאזיארקעס. פיעלייכט איז דער מלאך נאר קראנק....

— קראנק? האט רעבקא אויסגעשריען. עס גיסט מיך אב מיט א קאלטען שוויס. מיין שטערן איז פריהער געווען אזוי היים און איצט איז ער קאלט וויא אייז.

— יא, עס קען זיין, ער ליגט קראנק אהן א פריינד, וואס זאל איהם אבהי־טען, אהן געלד און האלט נאר ביים שטארבען......

רעבקא האט געציטערט מיט אלע איהרע גליעדער. און נאטהאן האט ניט אויפגעהערט צו מאלען דיא שרעקליכע קארטינא פון דעם עלענדען טוידט פון איהר רעטער. דאיא האט זיך איינינע מאל אריינגעמישט און געבעטען איהם ער זאל ענדליך רחמנות האבען אויף זיין טאכטער און ניט פלאגען איהר מעהר מיט דיא שרעקליכע בילדער.

— איך פּלאג איהר ניט, האט נאטהאן געענטפערט. איך גיב מעדיצין און ניט קיין גיפט, און ווענדענדיג זיך צו רעבקא האט ער געזאגט: שרעק זיך ניט אומ־זיסט, ער לעבט נאך און איז זאנאר ניט קראנק, ווייל פאר גוטע מעשים בעלוינט גאט דא אונטען אויך.

III

ווען רעבקא און דאיא האבען פערלאזען דאס צימער, איז נאטהאן צוגעגאנגען צום פענסטער, אום נאכצוקוקען וויא מען לאדעט אויס דיא משא.

נעבען דיא קעמלען האט ער דערזעהן שטעהן א מוסילמאן, (מאהמאדאנער) וועלכער האט מיט נייגעריגע אויגען אויגען זיך צוגעקוקט צו די בעלאדענע קעמלען.

דער מוסילמאן האט איהם דערזעהן און ער האט זיך מיט גיכע טריט גע־כאזט געהן צום הויז און אין א פאר סעקונדען איז ער שוין געווען אינערוויינג.

— פערייסט דיא אויגען וויא איהר קענט נאָר, האָט דער אריינקומענדער געזאָגט צו נאטהאן פריינדליך.

— נארען מיך ניט דיא אויגען? דאס ביזטו אל־האפי? האט נאטהאן אויסגעשריען פערוואונדערט. א דערוויש אזוי פרעכטיג אָנגעטאָהן.

— פאר וואס דען ניט? קען שוין פון א דערוויש גאָר ניט ווערען?

— איך האָב אלע מאָל געדענקט, אז א דערוויש, איך מיין א עכטער דערוויש וועט פון זיך גאָר ניט לאזען מאכען.

— עס איז מעגליך, אז איך בין ניט קיין עכטער דערוויש, נאָר ווען מען מוז....

— מוז! מוזען מוז ניט קיין מענש, איבערהויפט נאָך א דערוויש! וואס אזוינס מוז ער?

— ווען מען בעט איהם שטארק און ער געפינט עס פאר רעכט, דאס מוז א דערוויש טהאָן.

— גוט געזאגט, האט נאטהאן אויסגעשריען. קום, מענש, איך וועל דיך אומארמען. דוא ביזט דאך נאָך מיין פריינד.

— פרעג פריהער וואס פון מיר איז געוואָרען, פיעלייכט וועט גאָר מיין אלטע פריינדשאפט גאָר ניט טויגען.

— אויב דוא טראָגסט נאָך אין בוזים דיין דערווישע הארץ, געהט מיר גאָר ניט אָן, וואָס פאר א קלייד דוא טראָגסט. דער אָפיציעלער ראָק איז ניט מעהר וויא א קלייד. נאָר וואָס דענקט איהר בין איך?

— א קובער?

— זעהט איהר, דער סולטאן קען מיך בעסער. איך בין זיין שאצמייסטער.

— דוא? דוא א שאצמייסטער?

— יא, אבער ניט דער גרויסער. דער גרויסער שאצמייסטער איז סאלאדין'ס פאָטער אליין; איך בין נאָר דער שאצמייסטער ביים סולטאן אין הויז.

— זיין הויז איז גרויס, האָט נאטהאן בעמערקט.

— און נאָך גרעסער וויא איהר דענקט, האָט אל־האפי געענטפערט, ווייל יעדער בעטלער געהערט צו זיין הויז, און ער וועט דאריבער אליין ווערען א בעטלער.

— איך האָב אויך אזוי געדענקט.

— ער האָט שוין כמעט ביי דעם. מיט יעדען טאָג ווערט זיין קאסע אליץ ביידינער און לײדינער. עס איז א שלעכטע זאך, נאָטהאן, ווען קעניגע זיינען רויב־

פויגלאך צווישען פגרים, אָבער צעהן מאָל ערגער איז, ווען דיא קעניגע זיינען דיא פגרים ביי רויב-פויגלאך.

— ניין, אל-האפי, ניין, ניין.

— דוא קענסט אזוי זאָגען איצט, נאָמיר הערען וואס ועסטו מיר געבען איך איך זאָל דיר אָבטרעטען מיין שטעלע?

— וואס ברעננט דיר איין דיין שטעלע?

— מיר? ניט פיעל. נאָר אייך קען זיא ווירקליך רייך מאַכען, ווארום ווען דיא קאסע איז פול, וואס עס טרעפט ניט זעלטען, קענט איהר נעהמען אזעלכע פראָצענטען, וויא אייער הארץ וועט געלוסטען.

— און פראָצענטען פון פראָצענטען האט נאטהאן געזאגט איראָניש.

— געוויס, האט אל-האפי געענטפערט.

— ביז דער קרן וועט פערוואנדעלט ווערען אין לויטער פראָצענטען....

— אלזאָ דיך ציהט ניט דערצו? אויב אזוי איז אונזער פריינדשאפט געענדיגט, ווייל איך האב געהאָפט אויף דיך.

— וויא אזוי?

— איך האב געהאָפט אז איהר וועט מיר דאָ קומען צו הילף און וועט מיר עפענען אייער קאסע. נאָר איהר טרייסעלט זיך אב דערפון?

— נאָמיר פערשטעהן איינער דעם צווייטען בעסער. פאר דיר, פאר'ן דער-וויש האפי איז מיין גאנצע קאסע אָפען, דיר בין איך גרויט צו דיענען מיט מיין גאנצען פערמעגען, אָבער פאר סאלאדינ'ס אל-האפי דעם דעפטערדאר (קאנצלער) פאר דעם......

— אזוי דארף ריידען נאטהאן דער ווייזע! איהר זייט נאָך אימער אזוי קלוג וויא גוט. אזוי בלייבט עס. דער אונטערשיעד וואס איהר האט געמאכט צווישען דיאביידע האפים זאָל מעהר ניט זיין. איהר זעהט דאס עהרען-קלייד, וואס סאַ-לאדין האט מיר געגעבען? בעפאָר עס וועט צוריסען ווערען, וועט עס הענגען אויף א נאָגעל אין ירושלים און איך וועל שוין זיין ביים טייך גאנגעס און באָרפוס צוזא-מען מיט מיינע לעהרער ארומוואנדערן איבער'ן ברענענדען זאמד. סאלאדין האט מיר איינגערעדט, אז נאָר א בעטלער קען וויסען וואס דעם בעטלער פעהלט און נאר אזא מענש קען וויסען, וויא צו העלפען איהם אין נויטה. „מיין פריהעריגער שאצמייסטער איז געווען צו קאלט פאר מיר,“ האט סאלאדין צו מיר געזאגט. „ווען ער האט געגעבען, האט ער געטהאָן פיינדליך. פאר איהם איז געווען קארג, וואס יענער איז אין נויטה, ער האט געדארפט אויספארשען, פאר וואס ער נויט-

הינט זיך. דוא אָבער װעסט אזוי ניט זיין, דוא װעסט געבען מיט א פולער האנד, װייל דוא דיינקסט און פיהלסט װיא איך” און מיט דיזע זיסע רייד האט ער מיך פערנארט אין זיין נעץ און איך בין פערפיהרט געװאָרען פון א פערפיהרער.

— שא, דערװיש! זיי ניט אזוי גראָב, האט נאטהאן געזאגט.

— װאס? האט דער דערװיש אויסגעשריען. איז עס דען ניט א נארעריי. הונדערט טויזענדע מענשען צו דריקען, מאטערן, װערגען, ראבעװען אום צו זיין א מענשענפריינד צו איינינע?

— גענוג! הער אויף! האט נאטהאן געזאגט.

— פון מיין אייגענע נארעריי װעט איהר דאך מיר ערלויבען צו ריידען, האט דער דערװיש געזאגט א ביסעל רוהיגער. איז דאס דען ניט געװען א נארעריי פון מיר צו זוכען א גוטע זייט אין יענע נארערייען, אום צו געװינען דערביי.

— לויף, אל־האפי, געשװינד אין דער מדבר, װייל איך האב מורא, אז צװי־שען מענשען װעסטו װעסטו אין גיכען פערגעסען צו זיין א מענש.

— איך פאָלג אייך, האט דער דערװי״ש געענטפערט. זייט געזונד!

— װאס? האט נאטהאן געפרעגט פערװאונדערט. שױן אזוי גיך? אייל ניט אזוי, אל־האפי, דער מדבר האט ניט קיין פליגעל און ער װעט פון דיר ניט אנט־לויפען. הער, הער, װאס איך װיל דיר זאגען!

— נאָר דער דערװיש האט מעהר ניט געהערט, ער האט האסטיג געעפענט דיא טהיר און איז געשװינד אװעק.

נאטהאן איז געבליבען שטעהן ביים פענסטער און האָט נאָכגעקוקט װיא זיין פריינד דער דערװיש װערט פערשװאונדען. איהם האט שטארק לייד געטאָהן, װאס איהם איז ניט געלונגען אבצוהאלטען א װיילע לענגער זיין פריינד, װייל פון איהם, האט ער גערעכנט, האָט מען פיעלייכט געקענט ערפאהרען עפּעס װעגען דעם זעלטזאמען ריטער.

נאך אל־האפיס אװעקגעהן האט נאטהאן געװאָלט אָברוהען זיך א ביסעל. זיין לאנגע און שװערע רייזע האָט איהם זעהר אויסגעמאטערט און ער האט ניט געפיהלט אין זיך קיין גאנצע גליעד. נאָר פלוצים האָט זיך דיא טהיר גע־עפענט און דאיא איז אהן אן אטהעם ארייגעפאלען אין צימער.

— װאס איז געשעהן? האט נאטהאן געפרעגט.

— ער איז װידער דא! האט זיא קוים ארויסגעקרעכצעט.

— װער ער?

— ער, ער!

— „ער“ איז נאָר איינער און אפילו ער זאָל זיין א מלאך קען ער ניט זיין איינער.

— ער איז דאָרט אונטער דיא פּאַלמען און רייסט פון צייט צו צייט טייט-לען.

— און עסט? און איז א ריטער?

— איהר האָט שוין ווידער אָנגעהויבען! רעכא בעט איך, איהר זאָלט ניבער אריבערגעהן צו איהם.

— איך זאָל אריבערגעהן צו איהם! וועט דאס זיין פיין? איך בין אָקאָרסט פון וועג, נאָר וואס אראָב פון קעמעל. געה דוא בעסער און זאג איהם, אז איך בעט איהם ער זאָל אריינקומען.

— איך האָב איהם שוין ניט איין מאָהל געבעטען און מיין ריידען איז ארויס-געוואָרפען, האט דאיא געענטפערט פערצווייפעלט.

— איצט אָבער איז אנדערש, האט נאטהאן געזאגט. ווען איך בין צרהויזע נים געווען, האָט איהם ניט געפּאסט אריינצוקומען. געה, זאג איהם, אז איך בעט איהם הערצליך....

— אומזיסט, ער וועט ניט געהן, ווייל ער וויל צו קיין אידען ניט קומען.

— געה און האלט איהם וויינינגסטענס אָב און איך קום גלייך ארויס.

IV

דער ריטער איז געגאנגען אויף און אָב אונטער דיא פּאַלמען און האָט זיך פון צייט צו צייט אָבגעשטעלט נעבען א טייטעל-בוים און אבגעריסען א טייטעל און מיט דעם געשטילט זיין הונגער. ער איז געווען א יונגער מאַן פון א יאהר פיער און צוואנציג און האט געטראָגען אריבערגעוואָרפען איבער זיך א ברייטען און ווייסען מאַנטעל, וואָס איז אין איין פּלאץ געווען פארברענט און אין גאנצען שטארק אָבגעניצט.

ער האָט זיך א פּאָר מאָל אומגעקוקט און האט דערזעהן אז א מענך געהט איהם נאָך טריט פאר טריט. ער האט געמיינט, אז ער וויל פון איהם א נדבה און האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— ווען איך זאָל עפּעס האבען וואָלט איך מיט פערגניגען געגעבען, אָבער ביי גאָט, איך פערמאג גאר ניט.

— איך דאנק אייך ניט ווייניגער, און גאָט וועט אייך פאר אייער גוטען ווי-

לען בעצאהלען אזוי גוט וויא פאר טהאטען. אבער מיך האט מען ניט געשיקט צו בעטען ביי אייך נדבות.

— געשיקט? ווער האט אייך געשיקט?

— מען האט מיך געשיקט פון קלויסטער, איך זאל א טאפ טהאן אייער פולס.

— מעג איך פרעגען ווער אינטערעסירט זיך דאס צו וויסען וועגען מיר?

— דער פאטריארך פון ירושלים.

— ווייס ער דען ניט מיין ארדען, דעם רויטען קרייץ אויף׳ן ווייסען מאנטעל? איך בין א ריטער, געפאנגען געווארען בין איך אין טעבנין. איך בין געוועזען דער צוואנציגסטער געפאנגענער, אלע מיינע קאמעראדען זיינען אויסגעשלאכטעט געווארן און אויף מיין האלז איז שוין אויך געלעגען דער מעסער, נאר אין דער סעקונדע האט זיך סאלאדינ׳ס אויגען בעגעגענט מיט מיינע און ער האט גלייך געגעבען א בעפעהל מען זאל מיך אבלאזען. אין זיינע אויגען האב איך דערזעהן טרעהרען און מיר זיינען ביידע א ווילע געשטאנען שטיל. ער איז באלד אוועק און איך האב איהם שוין מעהר ניט געזעהן.

— דאס האט שוין דער פאטריארך געהערט און ער דענקט, אז גאט האט דיך דערהאלטען ביים לעבען, אום דוא זאלסט זיך אויסצייכענען מיט א גרויסען טהאט, האט דער מענך געזאגט.

— מיט א גרויסען טהאט! האט דער ריטער ווידערהאלט איראניש. צו רע־טען א אידישע מיידעל פון פייער, צו פיהרען דיא נייגעריגע פילגרימען ארום בארג סני, צו....

— דאס זיינען אויך ניט קיין קליינע זאכען, נאר דוא קאנסט טהאן נאר א גרויסע זאך. איך וועל ניט געהן פון הינטען ארום און וועל דיר זאגען אפען. דער פאטריארך ווינשט צו שיקען דורך דיר א בריעף.

— דורך מיר? איך בין ניט קיין בריעף־טרעגער. און ווידער איז דאס דען א גרעסערער טהאט, וויא צו רעטען א אידיש מיידעל?

— דער פאטריארך אבער זאגט, אז דער בריעף איז זעהר וויכטיג פאר דעם גאנצען קריסטענטהום. און פאר׳ן אריבערברענגען דעם בריעף וואו מען דארף וועט גאט בעלוינען אין הימעל מיט א זאנדערבארען קרוין און קיין אנדערער איז אזוי ניט ווערט דעם קרוין וויא דוא.

— וואס איז דאס פאר א סארט בריעף?

— אין בריעף זיינען אויסגעצייכענט דיא

נען און וואו עס געפינט זיך דיא קעניגליכע קאסע און אויב קעניג פיליפ וויל מא-כען א נייען אנפאל, זאל ער בעססער קענען אויסרעכענען.

— זאג דעם פאטריארך, אז איך בין ניט דער מאן דערצו; מיין אויפגאבע איז צו שלאגען זיך און ניט צו זיין א שפיאָן. און אויסער דעם בין איך דעם סול-טאן פערפליכטעט מיט מיין לעבען און קען איהם דערפאר מיט שלעכטס ניט אב-צאהלען.

— דער פאטריארך דענקט אבער, אז דאס וואס אונז אין דיא אויגען שיינט צו זיין שלעכט, קען ביי גאָט פעררעכענט ווערען פאר א גרויסע מצוה.

— א מצוה אוועקצונעהמען דאס לעבען ביי יענעם, וואס האט מיר מיין לע-בען געשענקט? האט דער ריטער געפרעגט מיט א צורייצטען קול.

— דער אלגעמיינער פיינד פון קריסטענטהום קען ניט פערדינען דיין דאנק-בארקייט, און ווידער דער פאטריארך דענקט, אז סאלאדין האט דיר ניט געשענקט דאס לעבען פון גוטסקייט וועגען, נאר וויל דיין שטימע, דיין אויסזעהן, דיינע גע-זיכטס-ציגע האבען איהם דערמאָנט אן זיין פערלאָרענעם ברודער.

— דאס אלעס ווייס דער פאטריארך און דאך האט ער דיר געשיקט צו מיר. נעה, ברודער, פאָרט און וועק אין מיר ניט אויף מיין צאָרן.

— איך נעה אוועק פון דיר מיט מעהר פערגניגען, וויא איך בין געקומען. איך האב געמוזט טהאן וואס מען האט מיר געהייסען, האט דער מענך געענט-פערט און מיט דיא ווערטער איז ער אוועק.

דאיא איז שוין א לאנגע צייט געשטאנען פון דער וויטענס און האט דיא אויגען ניט אראבגענומען פון דעם ריטער. דאס הארץ האט איהר דיא גאנצע צייט געשראָקען, אז ער וועט אוועק צוזאמען מיט'ן מענך אדער איהר וועט ניט געלינ-גען צו פערהאלטען איהם, ביז נאטהאן וועט אנקומען; און ווען זיא האט דערזעהן, אז דער מענך איז אוועק אליין און דער ריטער איז פערבליבען אונטער דיא פאל-מען, איז איהר אראב א שטיין פון הארצען.

זיא האט געזעהן, אז דער געשפרעך מיט'ן מענך האט איהם אריינגעבראכט אין צאָרן און האט זיך א ווילע בעדענקט, צו זאל זיא איצט צו איהם צוגעהן. ענד-ליך האט זיא זיך בעשלאסען און איז צו איהם צוגעגאנגען. זיא האט איהם וויטער גענומען בעטען, אז ער זאל אריינקומען צו זיי אין הויז און האט איהם שוין דאס הונדערטע מאל אויפמערקזאם געמאכט, אז ווען זיא וואלט געפינען ניט פאסענד פאר א קריסט צו בעזוכען נאטהאנ'ס הויז, וואלט זיא אליין דארטען ניט אנגענו-מען א שטעלע אלס גובערנאנטין און וואלט איין מינוט דארטען ניט אויפגעהאל-

טען זיך, וייל זיא איז א פרומע קריסטין און איהר מאן איז געווען א פּאזש אין פריעדריך׳ס ארמעע און איז דערטרונקען געווארען אין איין טייך צוזאמען מיט זיין קעניג.

— איך האב שוין דאס געהערט ניט איין מאל פון דיר, האט דער ריטער געענטפערט בייז. ווען וועסטו אויפהערען מיך צו פערפּאלגען? דוא וועסט מיר מיט דעם, וואס דוא הערסט ניט אויף צו דערמאנען מיר ווענען א טהאט, וואס איך האב געטהאן ניט בעדענקענד, ברענגען דערצו, אז ווען נאך אזא זאך זאל פּאסירען א צווייטען מאל, וועל איך קאלט פערבייגעהן דעם פייער און וועל לאזען דיא ברענענדע ברענען און דאס וועט זיין דיין שולד.

— מיין גאט! האט דאיא אויסגעשריען פערצווייפעלט.

— פון היינט אן, בעט איך דיך, גוטע פרוי, דוא זאלסט מיך לאזען צורוה און זאג דיין אידען אז ער זאל זיך ניט בעמיהען קומען צו מיר.

— נאטהאן ווערט געשעצט ביי זיין פאלק וויא א פּרינץ און אלע רופען איהם נאטהאן דער ווייזע און ניט דער רייכער, צוואר ער איז זעהר רייך.

— ביי זיין נאציאן איז רייכקייט און קלונהייט פּיעלייכט אלץ איינס.

— און איך וואלט איהם גערופען דער גוטער. איהר קענט זיך ניט פאר־שטעלען וויא גוט ער איז. צייט ער האט געהערט וואס איהר האט געטהאן פאר זיין טאכטער, קען ער ניט רוהען און עס איז ניטא א זאך וואס ער וואלט פאר אייך ניט געטהאן און געגעבען.

— מיר שיינט אז דוא הויבסט שוין אן פון דאס ניי. אויב דוא ווילסט ניט אז איך זאל פון דאנען אנטלויפען, לאז מיך צורוה.

אין דער צייט איז צוגעקומען צו זיי נאטהאן און וויא דאיא האט איהם דער־זעהן האט זיא זיך דערפיהלט ערלייכטערט און איז אוועק.

V

נאטהאן איז געגאנגען צו דעם ריטער און האט זיך געפיהלט וויא אבגעשרא־קען פאר דעם זאנדערבארען יונגען מאן און איהם האט געוואונדערט, וואס א גר־טער טהאט זאל אין זיך האבען אבשטויסענדעס און זאל אין פערלעגענהייט אריינ־ברענגען דעם יעניגען, וואס וויל דערפאר זיין דאנקבאר.

צוקומענדיג צום ריטער, האט ער איהם בעטראכט. איהם איז געפעלען גע־ווארען זיין גוטער ארויסרופענדער בליק, זיין שטאלצער גאנג און ער האט געזאגט

צו זיך, אז עס קען זיין דער שאָלעבץ איז ביטער און דאס קערנדיל זיס, אזעלכע זאכען פאסירען אָפט.

— ערלויב מיר, האט נאטהאן זיך געווענדעט צום ריטער.

— וואס ווילסטו, איד?

— ערלויב מיר צו ריידען צו דיר.

— קען איך דיר דען שטערן אין דעם? נאָר מאַך דאס געשווינד.

— פערצייהעט און נעהמט ניט אזוי שטאָלץ און פעראכטליך פערביי דעם מאן, וועלכען איהר האט צו זיך אויף אייביג פערבונדען.

— וואס מיינט איהר? האָט דער ריטער געפרעגט פערוואונדערט און האָט באלד אויסגעשריען: אהא! איך טרעף שוין. איהר זייט....

— איך בין נאטהאן און דער פאטער פון דער מיידעל, וואס איהר האט פון פייער גערעטעט און בין געקומען....

— אויב איהר זייט מיר געקומען דאנקען, האט דער ריטער איהם איבערגע־ריסען גראָב, איז דאס גאנץ איבריג, ווייל פאר דער קלייניגקייט האט מען מיר שוין אזוי פיעל אנגעדאנקט, אז איך בין שוין מיעד געוואָרען הערענדיג. אויסער דעם זייט איהר מיר דערפאר גאר נים שולדיג. האב איך דען געוואוסט, אז דיזעס מיי־דעל איז אייער טאכטער. עס איז דעם ריטער'ס פפליכט צו קומען צו הילף צו יענעם, וועמען ער זעהט אין נויטה. און מיין לעבען איז מיר דאן געווען איבערדרי־סיג און איך בין געווען צופריעדען איינצושטעלען עס זאָגאר פאר א אידיש קינד.

— גרויס, און דאך אבשייליך! האט נאטהאן געזאגט. דיא בעשידענע גרויס־קייט זוכט זיך צו פארשטעלען אונטער א מאסקע פון אבשייליכקיים, אום אויסצו־מיידען בעוואונדערונג. נאר אויב זיא וויל אויסמיידען בעוואונדערונג, וועלכען אָפ־פער וואָלט זיא מעהר געקענט דולדען? ווען דוא זאלסט דא ניט זיין א געפאנגע־נער, א פרעמדער וואלט איך אזוי ניט גערעדט, אבער איצט זאג, פאָדער, וואס קען איך פאר דיר טהאָן.

— גאר ניט.

— איך בין רייך.

— אין מיינע אויגען איז דער רייכער איד ניט א בעסערער איד.

— דאס איז נאך ניט א געניגענדע אורזאכע פאר וואס איהר זאלט זיך אב־זאגען פון זיין רייכקייט.

— גוט, אין גאנצען וועל איך זיך ניט אבזאגען. ווען מיין מאנטעל וועט צו־פאלען ווערען, וועל איך צו דיר קומען לייען טוך אדער געלד. קוק אויף מיך ניט

אזוי פינסטער. דערווייל איז נאך ניט קיין גרויסער געפאהר, ער האלט נאך דער־ווייל גוט און איז שטארק, אויסער דעם פלעק דא, האט דער ריטער געזאגט און געוויזען אויף א פלעק אין מאנטעל. דא האט זיך דער מאנטעל צוגעשמאלעט, ווען איך האב דיין טאכטער ארויסגעטראגען פון פייער.

— עס איז מערקווירדיג, האט נאטהאן געזאגט, צוקוקענדיג זיך צום פלעק, וואס אזא מאוס'ער פלעק רעדט פיעל בעסער וועגען דעם מאן, אלס זיין אייגענער מויל. אה, איך וואלט דעם פלעק געקוסט.

נאטהאן האט זיך פלוצים אבגעקעהרט און האט מיט דער האנד אויסגע־ווישט א טרער, וואס האט זיך איהם געשטעלט אין דיא אויגען.

— ווען איהר א מאל דעם מאנטעל צושיקען צו מיין טאכטער? האט ער געפרעגט.

— צו וואס?

— זיא זאל קענען איהרע ליפען אנקלעפען צו דיעזען פלעק, ווייל צו פאלען צו איהר רעטער'ס פיס האט זיא קיין האפנונג ניט.

— אבער איד, האט דער ריטער אנגעהויבען צו מורמלען אין פערלעגענהייט. איהר הייסט נאטהאן? אבער, נאטהאן איהר זעצט אייערע ווערטער זעהר........ זעהר קונציג...... צוזאמען.... איך בין צומישט...... איך וואלט....

— פערשטעלט אייך, מאסקירט אייך וויא איהר ווילט, איך זעה אייך אבער ארוים. איהר זייט געווען צו גוט, צו עהרליך אום העפליכער צו זיין. א מיידעל אין גאנצען געפיהל, דיא גובערנאנטין צו פיעל דיענסטפערטיג, דער פאטער ערגעץ וויים און עס איז קיין וואונדער, אז איהר האט איהר ניט געוואלט בעזוכען. איהר האט געזארגט פאר איהר גוטען נאמען און איך בין אייך דערפאר זעהר דאנק־באר.

— איך מוז צוגעבען, אז איהר ווייסט וויא ריטער דארפען דענקען.

— נאר ריטער? האט נאטהאן געזאגט. איך ווייס וויא גוטע מענשען דענ־קען און גוטע מענשען זיינען פאראן איבעראל.

— נאר ניט אהן אן אונטערשיעד.

— יא. זיי קענען זיך פיעלייכט אונטערשיידען אין פארב, קליידונג און גע־שטאלט.

— אבער געוויס אין איינינע ערטער מעהר און אין איינינע ערטער ווייני־גער.

— דער גרויסער מאז נויטהינט זיך צומיידים איז פיעל פלאץ און ווען פיעלע

געפינען זיך אויף איין ארט ברענט איינער דעם צווייטען. מיטעלע מענשען, וויא מיר, געפינען זיך פיעל, זאָל נאָר איינער דעם צווייטען ניט רייסען, זאָלען נאָר דיא וואָרצלען זיך ניט קלאָגען אויף'ן שטאַם, זאָלען נאָר דיא אויבערסטע צווייגען זיך ניט איינריידען, אז זיי שטאמען ניט פון דער איינפאַכער ערד.

— גוט געזאָגט און דאָך גלויב איך, אז דוא קענסט גוט דיא נאַציאָן, וועלכע האט דיא ערסטע אָנגעהויבען זיך צו רייסען מיט אלע אנדערע או זיך גענומען דעם טיטעל פון דעם אויסערוועהלטען פאָלק. און איך, ווען איך זאל ניט האסען דיזעס פאָלק, וואָלט איך עס פעראכטעט פאר זיין שטאָלץ, וועלכען זיי האָבען איבערגעגעבען אין ירושה צו דיא מוסולמאנען און קריסטען, און יענע שרייען איצט אז נאָר זייער גאָט איז דער אמת'ער.

נאַטהאן האט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— דיך וואונדערט, וואס איך, א קריסט און א טעמפעל-הערר, רעד אזעלבע ווערטער, האט דער ריטער פאָרטגעזעצט, אבער נאר דא איז דער פלאץ און נאָר איצט איז דיא צייט אויסצוגעפינען וויא מענשען זיינען פעררוקט אין זייער גלויבען און וויא יעדער וועגדעט אָן אלע זיינע קרעפטען צו מאַכען דעם צווייטענס גאָט שווארץ און אָנוואַרפען דעם צווייטען זיין גאָט. און מען דארף ווירקליך זיין בלינד, אז דאָ זאָלען דיא אויגען ניט געעפענט ווערען. נאָר זאָל זיין בלינד ווער עס וויל און פערגעסט וואס איך האָב אייך דאָ געזאָגט, און לאָזט מיך צורוה.

— אָה, איהר ווייסט ניט, האט נאטהאן אויסגעשריען מיט א פריילינבע שטימע, איהר ווייסט ניט, וויא פעסט איך איך ועל אייך איצט צוהאלטען און וועל אייך פון זיך ניט אָבלאָזען. מיר מוזען זיין פריינד. פעראכט מיין פאלק פיעל איהר ווילט, מיר האָבען ביידע אונזער פאלק ניט אויסגעקליבען. זיינען מיר דען אונזער פאָלק? און ווידער זיינען דען קריסט און איד פריהער פאר מענש? אָה, ווען איך האָב אין אייך געפונען איינעם מעהר, פאר וועמען עס איז גענוג צו הייסען מענש!

— גיב מיר דיין האנד, איך שעם זיך, וואס איך האָב דיך גלייך ניט פערשטאנען.

— איך בין שטאָלץ מיט דעם, וויל נאָר אין איינפאכע נאטורען קען מען זעלטען א טעות האָבען.

— יא, נאטהאן, מיר מוזען זיין פריינד.

— מיר זיינען שוין און מיין רעבא וועט זיך ניט קענען אבפרייען.

א שטראהל פון א ווייטע זיסע האָפנונג האָט פאר נאטהאן א שיין געטהאָן, ער האָט א ווילע געטראכט און דערנאָך געוועָנדעט זיך צום ריטער:

— איך ווינש נאָר דוא זאָלסט זיך בעקאנען מיט מיין טאָכטער.
— איך וואַרט אויף דעם מיט'ן גרעסטען אונגעדולד.

V

ביי זיך אין פּראַכטפּאַלעץ שלאָס איז דער סולטאַן סאַלאַדין געזעסען מיט זיין שוועסטער און האָבען געשפּיעלט שאַך.

סאַלאַדין איז געווען פערטראַכט און פון זיינע גאַנגען איז געווען לייכט ארויס-צוזעהן, אַז דאס שפּיעלען ליגט איהם ניט אין זינען. דיא שוועסטער האָט איהם עטליכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ער מאַכט אַ פאַלשען גאַנג, אבער דאס האָט ניט געהאָלפען. זיינע געדאַנקען האָבען געשוועבט ערגעץ אַנדערסוואו.

ענדליך האָט ער דעם שאַך-ברעט אַבגערוקט און געווענדעט זיך צו זיין שוועסטער.

— איך בין געווען ניט לאַנג אויף'ן בארג לבנון און האָב געזעהן דעם פאַטער, ער איז זעהר בעזאָרגט.

דיא שוועסטער, סיטטאַה, האָט נאָר אַ זיפץ געטאָהן און סאַלאַדין האָט ווייטער גערעדט:

— ער ווייס ניט וואָס צו טהאָן; ער איז געדריקט פון אַלע זייטען און איז ענטוישט.

— וואָס פעהלט איהם? האָט סיטטאַה געפרעגט.

— וואָס פעהלט איהם? האָט סאַלאַדין ווידערהאָלט איהר פראַגע. דער קאַמפּף האַלט אָן שטאַרק און דיא קאַסע איז ליידיג.

— רייד מיט אַל-האַפי האָט סיטטאַה בעמערקט.

סאַלאַדין האָט געשיקט אַ דינער רופען דעם שאַצמייסטער אַל-האַפי. ווען אַל-האַפי איז אריינגעקומען האָט ער געזאָגט צום סולטאַן:

— איך דענק אַז פון עגיפּטען איז שוין דאס גאָלד אנגעקומען.

— האָט מען דיר געבראַכט אַ נאַכריכט דערפון?

— מיר? ניין. איך האָב געהאָפט צו געפינען דיא נאַכריכט דאַ.

— וואָס קען מען איצט טהאָן? פון עגיפּטען, קען זיין, וועט דאס גאָלד נאָך ניט אָנקומען אזוי גיך, מען הערט און מען זעהט דערווייל פון דאָרטען גאָר ניט און דער פאַטער קען זיך ניט אַ קעהר טהאָן. איך האָב געהאָפט אויף דיר, אַל-האַפי, פיעלייכט איז ביי דיר אין קאַסע געבליבען אַ ביסעל געלד?

— אין מיין קאסע האב איך נאָר שולדען און ווייס ניט וויא צו דעקען זיי.

— אויב אזוי ריהר זיך און געפין ערגעץ צו לייען, באָרגען, מיט איין וואָרט זיך אויס געלד און נעהם וואו דוא קענסט. גיב וועקסלען, קאָנטראַקטען, נאָר געה ניט צו דיא, וועמען איך האב רייך געמאַכט, אום זיי זאלען ניט דענקען, אז איך וויל ביי זיי צונעהמען דאס געלד צוריס. געה בעסער צו דיא גייציגע, זיי וועלען דיר מיט פערגניגען געבען, ווייל זיי ווייסען, וואס פאר א פראצענטען זיי קריגען ביי מיר.

— איך קען אָבער ניט, האט אל-האפי געענטפערט.

— איך דערמאן זיך איצט, האט זיך אין געשפרעך אריינגעמישט דעם סול-טאנס שוועסטער, סיטטאה, מען האט דא דערצעהלט, אז דיין גוטער פריינד זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע.

— מיין פריינד? האט אל-האפי איבערגעפרעגט און האט א ציטער געטאָהן. פריינד? ווער איז ער דאס?

— ווער? האט סיטטאה געענטפערט, דיין פיעל געליבטער איד.

— א איד און געליבט פון מיר? האט אל-האפי געפרעגט וויא פערוואונ-דערט.

— אויב איך האב נאָר קיין טעות ניט, האסטו וועגען איהם זיך אויסגע-דרוקט, אז זיין גאָט האט מיט דער פולער האנד איהם איינגעטהיילט פון אלע גר-זאכען פון דער וועלט מיט דער גרעסטע און קלענסטע.

— האב איך אזוי געזאגט? וואס האב איך מיט דעם געקענט מיינען?

— געמיינט האסטו מיט דעם, אז דיא גרעסטע גוטע זאך איז וויזהייט און קלענסטע רייכקייט.

— האב איך זיך אזוי געקענט אויסדריקען וועגען א אידען?

— האסטו דען אזוי זיך ניט אויסגעדריקט וועגען דיין פריינד נאטהאן?

— הי, הא! וועגען נאטהאן? איך האב נאר וועגען איהם פערגעסען. ווירק-ליך איז ער ניט לאנג געקומען.

— פאר וואס זאלסטו ניט אריבערגעהן צו איהם? האט סיטטאה גע-ענט. מען דערצעהלט אין שטאדט, אז ער האט איצט פון זיין רייזע מיטגע-בראכט גאנצע שאצען.

— אריבערגעהן צו איהם? אבער ניט באָרגען געלד. זיין וויזהייט ליגט דעם וואס ער וויל קיינעם קיין געלד ניט לייען.

— איך געדענק, אז א מאָל האָסטו נאטהאנען פארגעשטעלט נאָר אנדערש.

— ווען איינער איז אין נויטה וועט ער איהם מיט פערגניגען באָרגען וואָרע אָבער געלד קיין מאָל ניט. ער איז אַ איד און אַזעלכע וויא ער געפינען זיך ווייניג. ער האָט פערשטאַנד, קען דאס לעבען און שפּיעלט גוט שאַך. דאָך צייכענט ער זיך אויס אין שלעכטעס ניט ערגער וויא אין גוטעס. אויף איהם קענט איהר נאָר ניט האָפען. צווישען דיא ארעמע טהיילט ער צדקה זעהר פיעל, אויב ניט אַזוי פיעל וויא סאלאדין, אָבער אַזוי גערן. זיין צדקה טהיילט ער אין דער שטיל און טהיילט צו אלעמען גלייך: איד, קריסט, מוסעלמאן און פּאַרסי.

— וויא קומט עס, אז אזא מאן זאָל ניט וועלען באָרגען סאלאדינען געלד? האט סיטטאה געפרעגט.

— אין דעם שטעקט דער איד, האט אל־האפי געענטפערט, דער געמיינער איד. גלויב מיר, פּרינץ, ער איז דיר מקנא, וואס דוא טהיילסט אַזוי פיעל צדקה. איהם דוכט, אז טהאָן גוטעס געהערט נאָר צו איהם און דאריבער וויל ער ניט פערלייען, אום ער זאָל שטענדיג קענען געבען. ער טהוט נאָר וואָס דער געזעץ האָט איהם געבאָטען, און געבאָטען איז צו זיין מילד אָבער ניט גנפעליג און זיין מילד־קייט מאכט איהם פאַר דעם אונגעפעליגסטען אויף דער וועלט. און צוואַר איך בין פון אַ געוויסער צייט מיט איהם פון דערוויטענס. אָבער דיא וואהרהייט מוז איך זאָגען, אז נאטהאן איז אין יעדען הינזיכט גוט און האָט נאר דיזען איינציגען פעה־לער, מעהר ניט וויא דיזען פעהלער. איך וועל בעסער געהן זובען געלד ערגעץ אנ־דערסוואו. יא, איך האב זיך דערמאָנט, איך קען אַן אלטען מאהר וואס איז רייך און גייציג, איך געה גלייך צו איהם.

מיט דיא לעצטע ווערטער האט ער זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר.

— וואס איילסטו זיך, האפי? האט סיטטאה געפרעגט.

— נעה, נעה! האט דער סולטאן געזאגט צו האפי און דוא, סיטטאה, האלט איהם ניט אב.

האפי איז אין דער גיך ארויסגעגאנגען און סאלאדין האט נאָך זיין ארויס־גאנג געפרעגט ביי דער שוועסטער:

— וויא קומט עס, וואס ביז איצט האב איך פון אזא מאן וויא נאטהאן איז ניט געהערט? וויא איך הערע, האנדעלט ער?

— ער פיהרט אַ גרויסען האנדעל, זיינע אנגעלאָדענע קעמלען ציהען איבער אַלע מדבריות, זיינע אייזלען מיט פּעק סחורה זעהט מען אין אלע גאסען, זיינע שיפען געפינען זיך אין אַלע האפענס. אל־האפי האָט איהם אַ מאָל פאר מיר פער־

ליבט זעהר שטארק און האָט געזאגט, אז נאך אזא קלוגען און גוטען מאן וויא ער איז שווער צו געפינען.

— און זעה וויא קאלט ער האָט פון איהם איצט גערעדט, האט סאלאדין געזאגט.

— דאָ איז ניט געווען קיין קאלטקייט, האט סיטטאה געענטפערט. ער האט זיך דאָ געפונען אין א פערלעגענהייט און עס איז געווען קענטיג אז ער האָט גערע־בענט פאר געפעהרליך צו ליבען זיין פריינד און האָט איהם אויך ניט געוואָלט מאדלען. אָדער זאָל ווירקליך זיין, אז דער בעסטער פון דיא אידען קען זיך ניט אויסליפען פון זייערע פעהלערן, און אל־האפי האט זיך געשעמט פאר זיין פריינד נאטהאן? נאר זאל זיין וואס עס וויל, קום איז ער נאר רייך, איז גענוג פאר אונז.

— דוא מיינסט דאך ניט שוועסטער ארויסצורייסען געלד פון איהם מיט גוואלד, האט סאלאדין געזאגט.

— וואס מיינסטו מיט גוואלד? האט דיא שוועסטער געפרעגט. מיט פייער אָדער מיט א שווערד? דאס ניט. מיט'ן שוואכען דארף מען קיין גוואלד ניט, פאר איהם איז גענוג זיין שוואכקייט. קום אריין צו מיר אין הארעם און איך וועל דער־וויל אויסארבייטען א פלאן וועגען דעם אידען נאטהאן.

VII

נאך נאטהאנ'ס געשפרעך מיט דעם ריטער, איז רעבא געווארען פול מיט האפנונג, אז ענדליך, ענדליך וועט זיא קענען זעהן איהר רעטער און ריידען מיט איהם. זיא האט אויף איהם געווארט יעדע מינוט און פלעגט אלע ווייל זיך פרעגען, פאר וואס זעהט מען איהם נאך ניט.

יעדע מינוט האט איהר געשיינט א עוויגקייט, נאר דיא פערגאנגענע מינוטען האט זיא ניט געצעהלט, אויף זיי האט זיא זיך ניט אומגעקוקט, זיא האט נאר גע־לעבט מיט דער קומענדער מינוט און געהאפט, אז אָט קומט ער.

וואס וועט זיין ווען ער וועט שוין קומען, ווען זיא וועט איהם זעהן און ריידען מיט איהר רעטער? א לייבטער ציטער איז איהר איבערגעגאנגען איבער'ן לייב.

רעבא האט איהרע געפיהלען אויסגעגאָסען פאר דאיא, און דאיא האט איהר געגעבען אנצוהערענים, אז איהר איינציגער וואונש איז, אז זיא זאל איהר גליק געפינען אין אייראָפּא און זאל דאָרטען אריין אין גוטע הענד.

נאר דיא ווערטער האבען איהר ווייה געטהאן. דאס גליק, וואס דאיא האט פאר איהר געבויט, איז איהר ניט געווען געפעלען. זיא האט ניט געקענט פער־שטעהן, פאר וואס איז דאיא געגען איהר גוטען פאָטער און פאר וואס זיא וואלט איהר וועלען זעהן געשיידעט פון איהם און אין א פרעמדען לאנד.

זיא איז א לאנגע צייט געזעסען פערזונקען אין איהרע געדאנקען און האט ניט בעמערקט וויא צו זיי אין הויז איז דערוייל אריינגעקומען דער ריטער.

נאטהאן האט זיך מיט איהם זעהר דערפרייט און איז איהם געגאנגען אנט־קעגען.

— ביי אונזער ערסטער בעגעגנעס האב איך פערגעסען אייער נאמען צו פרעגען, דערפאר וועט דאס יעצט זיין מיין ערשטע פראגע, האט נאטהאן גע־זאגט!

— מיין נאמען איז געווען...... איז קורט פאן סטויפען.

— פאָן סטויפען? סטויפען? סטויפען?

— וואס וואונדערט איהר זיך אזוי.

— אהן צווייפעל זיינען פאראן פיעלע פאמיליען, וואס טראגען דעם נאמען.

— פיעלע פון דיא סטויפענס זיינען געווען דא און זיינען דא שוין צופוילט געוואָרען. מיין פעטער, איך וויל זאגען מיין פאטער אליין איז דא געווען, נאר וואס קוקט איהר אויף מיר אזוי שארף.

— נאר ניט, נאר ניט! האט נאטהאן געענטפערט. וויא קען איך מיעד ווע־רען אויף אייך צו קוקען?

— א פארשענדער בליק זוכט אפט מעהר אויס וויא מען ווינשט. איך האב מורא פאר אזא בליק, נאטהאן. לאז דיא צייט מאכען אונז מעהר בעקאנט און ניט נייגיערדע.

אין דער מינוט איז אין צימער אריינגעלאפען דאיא א צושראקענע.

— וואס איז געשעהן? האט נאטהאן געפרעגט.

— דאיא האט א קוק געטהאן אויף'ן ריטער און געזאגט:

— פערצייהעט, מיין הערר, וואס איך האב אייער געשפרעך איבערגע־שלאגען.

און ווענדענדיג זיך צו נאטהאן האט זיא געענטפערט:

— דער סולטאן האט איצט געשיקט א סטאפעט (שליח) נאך אייך. דער סטאפעט ווארט דא און בעט אין סאלאדינ'ס נאמען איהר זאלט גלייך מיטגעהן.

— דער סולטאן איז ווארשיינליך נייגעריג צו זעהן דיא וואארע וואס איך

האב געבראכט פון פערסיען. זאג דעם סטאפעט, ער זאל מעלדען דעם סולטאן, אז אלעס איז דערוויל נאך פערפאקט, האט נאטהאן געענטפערט.

— ניין, ניין, האט דאיא געענטפערט. דער סולטאן וויל מיט אייך ריידען פערזענליך און פערלאנגט איהר זאלט גלייך קומען, וואס קען ער אייך דארפען?

— דאס וועל איך באלד אויסגעפינען, האט נאטהאן געענטפערט.

— און איהר קענט איהם נאך ניט, איך מיין פערזענליך? האט דער ריטער געפרעגט.

איך האב קיין מאל ניט געזוכט צו בעקאנען זיך מיט איהם. דאס פאלק רעדט פון איהם צו גוט, אז איך זאל ניט וועלען בעסער גלויבען איידער זעהן. נאר איצט בין איך איהם פערפליכטעט, פאר וואס ער האט אייך אייער לעבען גע־שענקט. און איך בין בערייט צו טהאן פאר איהם, וואס ער וועט פון מיר פערלאנ־גען.

ער האט זיך אויפגעהויבען און פארגעזעצט

— איך מוז איצט געהן און איהר וועט יעצט פערשאפען מיין טאכטער דעם פערגניגען און אריין צו איהר.

מיט דיא ווערטער האט ער דעם יונגען ריטער אריינגעפיהרט צו רעבא און אליין איז ער גלייך ארויסגעגאנגען מאכען זיך פערטיג צום גאנג אין סולטאנ'ס שלאס.

א פאר מינוט זיינען ניט אריבער און אין הויז איז אריין דער דערוויש אל־האפי.

— וואס איז ער אין אזא איילעניס? האט נאטהאן געפרעגט.

— ווער? האט איהם אל־האפי אנגעקוקט פערוואונדערט.

— סאלאדין, האט נאטהאן געזאגט. איך קום גלייך.

— וואו?

— האט דיך ניט געשיקט דער סולטאן?

— מיך? ניין. וואס איז, ער האט שוין נאך דיך געשיקט?

— א סטאפעט פון איהם איז דא ניט לאנג געווען.

— אויב אזוי איז גוט.

— וואס איז גוט?

— איך בין ניט שולדיג, האט אל־האפי געזאגט. גאט ווייס אז איך האב געטהאן וואס איך האב געקענט, אום ער זאל נאך דיך ניט שיקען.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— דער סולטאן האט אויף דיר נעוואָרפען אן אויג, איך מיין אויף דיין געלד און ער וועט דיין קאסע אזוי אויסצאפּע׳, אז עס וועט דאָרטען גאָר ניט בלייבען. איך קען שוין מיט איהם לענגער ניט בלייבען. דאָ האלט איך אין איין ארומלויפען צו יעדען שמוציגען מאהר און בעטען קייען געלד. פאר זיך בין איך קיין מאָל ניט נעגאנגען בעטען און דאָ האלט איך אין איין באָרגען. באָרגען איז דאס זעלבע וואס בעטען, אזוי וויא פערלייען אויף פּראָצענט איז דאס זעלבע וואס גנב׳ענען. איך לויף, איך לויף פון דאנען. דאָרטען אויף טייך גאנגעס ברויך איךביידע זאכען ניט און ברויך ניט צו זיין א ווערקצייג דערצו. נאָר אויף׳ן גאנגעס דאָרטען זיינען פאַראן מענשען. דא ביזטו נאָר דער איינצעלנער, וואס איז ווערט צו לעבען אויף׳ן טייך גאנגעס. ווילסטו געהן מיט מיר? גיב איהם דאס געלד און קום מיט מיר. ער וועט דיין קאסע אויסליידינען ביסלעכווייז אין גאנצען. קום, קום מיט מיר!

— איך וויל זיך איבערלייגען, אל־האפי, אייל ניט אזוי.

— איבערלעגען? ווענען אזעלבע זאכען טראכט מען ניט, מען דארף גלייך טהאָן.

— וואַרט ביז איך וועל ריידען מיט׳ן סולטאן....

— ווער עס קען ניט בעשליסען אין שטורם און זאָגענשיין צו לעבען פאר זיך אליין, מוז בלייבען א שקלאף ביי אנדערע זיין גאנץ לעבען. טהוט וויא איהר פערשטעהט. זיי געזונד! דיא ברירה איז ביי דיר. מיין וועג ליגט דאָרטען און דיינער דאָ......

— דיא דארפסט דאך דיין קאסע ברענגען אין אָרדנונג בעפאָר דוא געהסט אוועק און דוא קענסט דאך איהר ניט איבערלאָזען אזוי, האט נאטהאן צו איהם נעזאָגט.

— דאס איז נאָר א פארס! אין מיין קאסע איז ניטא וואס צו צעהלען און פאר מיין רעכנונג וועסטו אָדער סיטמאה גוט זאָגען. זיי געזונד.

דער דערוויש אל־האפי איז אוועק. נאטהאן האט איהם א היבשע ווייל נאכגעקוקט און געמורמעלט:

— יא, איך וועל פאר דיר גוט־זאגען, ווילדער, גוטער עדעלער! דער וואהרער בעטלער איז אליין דער איינציגער און וואהרער קעניג!

VIII

רעבא איז געוואָרען צומישט פאר פרייד, ווען דער פאָטער האָט אריינגעפיהרט דעם ריטער צו איהר. זיא האָט געוואָלט פאַלען איהם צו דיא פיס און בעדאנקען, נאָר ער האָט איהר אָבגעהאלטען דערפון.

דאס געשפרעך צווישען זיי האט זיך ניט געקלעפּט; ער האט פון איהר דיא אויגען ניט געקענט אראָברייסען. ער אָדער דאיא, אָדער רעבא האָט אריינגעשטעלט א וואָרט און אין א סעקונדע ארום איז ווידער שטיל געוואָרען. ענדליך האט רעבא איבערגעריסען דיא שטילקייט מיט דער פראַגע:

— דערצעהלט אונז, וואו זייט איהר געווען אזא לאַנגע צייט, אָבוואָהל איך האָב בעסער געקענט פרעגען, וואו זייט איהר איצט?

— איך בין איצט דאָרט, וואו איך האָב פיעלייכט ניט בעדאַרפט זיין, האט ער געענטפערט.

— וואו זייט איהר ווירקליך געווען? האט רעבא ווידערהאָלט איהר פראַגע.

— איך בין געווען ארום דעם בארג, וויא הייסט ער? ארום בארג סני.

— אָהָ, האט רעבא אויסגעשריען דערפרייט. איצט וועל איך ערפאהרען, צו איז ריכטיג אז....

— אז מען זעהט דעם צייכען פון משה'ס פיס, וואו ער איז געשטאַנען פאר גאָט, ווען......

— ניט דאס, ניט דאס, האט רעבא געענטפערט. דערפון ווייס איך שוין גענוג. איך וויל נאָר פון אייך ערפאהרען, אויב עס איז וואהר וואס מען זאגט, אז ארויפקלעטערן אויף דיזען בארג איז ניט אזוי שווער וויא אראָבלאָזען זיך פון איהם, וואס איז גראדע דער געגענטהייל פון דיא אלע בערג, וואס איך האָב געזעהן. פאר וואס קעהרט איהר זיך אב און ווילט אויף מיר ניט קוקען.

— ווייל איך וויל הערען וויא ער רעדט, האט דער ריטער געענטפערט.

— אָהָ, איך ווייס פאר וואס! האט רעבא אויסגעשריען. איהר ווילט ניט, איך זאָל בעמערקען, וויא איהר שמייכעלט פון מיין איינפאַכקייט. איהר לאַכט, וואָס איך געפין ניט קיין אנדער וויכטיגערע זאַך פון וואס צו ריידען, וויא פון דעם הייליגען בארג. ניט וואהר?

וואס לענגער ער איז געזעסען ביי זיי, אלס מעהר איז ער בעצויבערט געוואָרען פון רעבא און ער האט צו זיך געזאָגט: יא, איהר פאָטער איז געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז איך זאָל איהר נאָר זעהען.

— איך האב נאָר פערגעסען, האט ער ענדליך נעזאגט צו רעבא, איך האב נאָר פערגעסען, אז איך האב, דוכט זיך, מיט איהם אבגערעדט צו זעהן זיך נאָך היינט ניט ווייט פון קלויסטער אונטען. פערצייהעט, איך מוז איהם געהן בעגעגענען.

— מיין הערר, ווארט אויף דא, האט דאיא געזאגט, איך וועל איהם באלד ברייננען אהער.

— ניין, ניין, ער וועט אויף מיר ווארטען, האט דער ריטער געזאגט. אויסער דעם, איהר ווייסט ניט וואס עס קען זיך נאָך דאָרטען מאכען מיט איהם ביים סולטאן. איך מוז געהן, ווייל עס קען נאָך זיין א געפאהר.

— געפאהר? האט רעבא געפרעגט דערשראָקען. וואס פאר א געפאהר?

א געפאהר פאר מיר, פאר דיר, פאר איהם; איך מוז גלייך געהן. פערצייהעט.

און מיט דיא ווערטער איז ער ארויס.

— וואס קען דאס זיין, וואס ער איז אזוי גיך אוועק? האט רעבא געפרעגט אונרוהיג.

— דאס איז גאר ניט, האט דאיא געענטפערט. דאס איז ניט קיין שלעכטער צייכען.

— א צייכען פון וואס?

— דאס בעוויזט, אז אין איהם קומט עפּעס פאָר. עס קאָכט און מען טאָר ניט לאָזען איבערקאכען. איצט איז אייער צייט.

דוא הויבסט אויך אָן צו ריידען אין א שפּראך, וואס איך פערשטעה ניט, האט רעבא געזאגט. וואס מיינסטו מיין צייט?

איצט וועסטו איהם געבען צוריק דיא זעלביגע אונרוה, וואס ער האט דיר פערשאַפט פריהער. נאר זיי ניט שטרענג און ניט צו ראכגיעריג.

דוא דארפסט בעסער וויסען וואס דוא רעדסט.

— ביזטו נאך איצט אויך אזוי רוהיג? האט דאיא געפרעגט.

— יא, איך בין רוהיג.

— גיב, אבער וויינינגסטענס צו, אז זיין אונרוה פערשאפט דיר פערגניגען.

— איך פיהל דאס ניט. איך קען נאר געשטעהן, אז ביי מיר אין הארצען איז איצט פערגניגענדע רוהיגקייט אנשטאט וואס פריהער בין איך געוועזן געררייצט. מיין פולס ציטערט שוין מעהר ניט, ווען מען דערמאנט זיין נאמען, און מיין הערץ איז רוהיג און קלאַפּט ניט האסטיגער, ווען איך דענק פון איהם, צוואר ער איז מיר

טהייער וויא מיין לעבען. נאר קום גאמיר צוגעהן צום פענסטער, וואס קוקט ארויס צו דיא פאלמען.

IX

סאלאדין איז געזעסען אין פאלאץ מיט זיין שוועסטער און האט זיך געפיהלט וויא א מענש וואס איז בעגאנגען א פערברעכען. ער איז איינגעגאנגען אויף א פלאן צו צאפען געלד פון א אידען און איהם איז געווען מאוס פאר זיך, וואס סולטאן סאלאדין זאל אזוי פאלען, אז ער זאל זיך לאזען אויף אזעלכע נידריגע זאכען.

דיא שוועסטער האט איהם געזוכט צו בערוהיגען.

— און וואס וועט זיין אז דער איד וועט זיך ארויסווייזען אזוי פיין און אזוי קלוג וויא דער דערוויש האט איהם א מאל געמאלט? האט ער איהר געפרעגט מיט א צורייצטע שטימע.

— דאן איז גאר נים, האט סיטטאה געענטפערט. א נעץ איז געמאכט נאר פאר דעם גייציגען, שרעקעדיגען, בעזארגליבען אידען, אבער נים פאר דעם קלוגען, וויל ער בעלאנגט צו אונז גאר אהן א נעץ. אויסער דעם איז א פערגניגען צו זעהן, וויא א קלוגער מאן צונעהמט דיא נעץ אויף שטיקלאך.

— דאס וואלט מיר פערשאפט פערגניגען, האט סאלאדין געזאגט.

— אויב אזוי דארפסטו נים זארגען. אויב ער וועט זיך ארויסווייזען א געווינליכער איד, דארפסטו פאר איהם נים רויטה ווערען, וואס ער וועט אויף דיר קוקען מיט דיא זעלבע אויגען וויא ער קוקט אויף דיא גאנצע מיטמענשען. וואס בעסער דוא וועסט זיך צו איהם ווייזען, וועט ער אויף דיר אלץ מעהר קוקען וויא אויף א נאר.

— אויב אזוי מוז איך האנדלען שלעכט אום דער שלעכטער זאל פון מיר שלעכט נים דענקען.

ווען א דיענער האט געמעלדעט אז נאטהאן איז געקומען, האט זיך סיטטאה אויפגעהויבען און האט פערלאזט דעם זאל.

— הייס איהם אריינקומען, האט סאלאדין געזאגט צום דינער.

נאטהאן איז אריינגעקומען אין זאל.

— קום נעהענטער איד! נעהענטער! האט סאלאדין געזאגט און האב קיין מורא.

— מורא זאל בלייבען פאר דיינע פיינד! האט נאטהאן געענטפערט.

— דוא רופסט זיך נאטהאן?

— יא.

— נאטהאן דער ווייזע?

— ניין.

— געוויס רופסטו זיך ניט דער ווייזע, נאר אזוי רופט דיך דאס פאלק?

— דאס פאלק קען זיין.

— דיא שטימע פון פאלק איז וויא דיא שטימע פון גאט און איך האב שוין לאנג געווינשט צו קענען דעם מאן, וועלכען דאס פאלק רופט „ווייזע".

— און ווען דאס פאלק מיינט מיט דעם צו מאכען שפאט? ווען ביים פאלק „ווייזע" הייסט ניט מעהר וויא קלוג און קלוג איז נאר דער, ווער עס פערשטעהט זיין געשעפט?

— גענוג בעשיידענהייט! איך וויל מיט דיר ריידען צו דער זאך, אבער אפען און אויפריכטיג.

— סולטאן! איך וועל דיך זיכערליך אזוי בעדיענען, אז איך וועל געווינען דיין ווייטערדיגען צוטרוי.

— דיענען? וויא?

— דוא וועסט ביי מיר האבען דאס בעסטע צום בילינגסטען פרייז.

— פון וואס רעדסטו? פון דיינע וואארע? שאכערן וועט מיט דיר מיין שוועסטער. מיט'ן קויפמאן האב איך גאר ניט צו טהאן.

— אהן צווייפעל ווילסטו וויסען, וואס איך האב אין דער צייט פון מיין רייזע בעמערקט צווישען דעם פיינד, וואס האט זיך ווייטער אויפגעהויבען.

— אויך ניט דאס איז דיא אורזאכע, פאר וואס איך האב נאך דיר געשיקט. וואס איך דארף וויסען וועגען פיינד ווייס איך גאנץ גוט. איך דארף האבען דיין אונטערריכט נאר אין אנדער זאך: אלס ווייזע, זאג מיר, וועלכער גלויבען, וועלכער געזעץ שיינט דיר צו זיין דער בעסטער?

— סולטאן, איך בין א איד! האט נאטהאן געענטפערט.

— און איך בין א מוסעלמאן, און דער קריסט שטעהט צווישען אונז ביידען. פון דיעזע דריי רעליגיאנען קען דאך נאר איינע זיין דיא וואהרע. א מאן וויא דוא, בלייבט דאך ניט שטעהן וואו דער צופאל פון געבורט האט איהם אריינגעווארפען. ווען ער בלייבט דארט האט ער נאכגעדענקט און ער האט געוויסע גרינדע און ער האט געוויס געפונען זיין רעליגיאן פאר דיא בעסטע. איך וויל וויסען דיא גרינדע, וועלכע איך אליין האב ניט געהאט דיא צייט נאכצוגריבלען. ערקלעהר מיר דיא

גרינדע וואס האבען בעשטימט דיין וואהל און איך מאך איהר פאר מיינע, פערשטייט זיך, אז דאס פערטרוי איך נאָר דיר.

נאטהאן האט דעם סולטאן אבגעמאָסטען מיט א דורכדרינגליכען בליק און האט אָבער א וואָרט ניט ארויסגערעדט.

— דוא מעסט מיך מיט דיין אויג? האט דער סולטאן פארטגעזעצט. עס קען מעגליך זיין, אז איך בין דער ערשטער סולטאן, וועמען אזא קאפריז איז אריין אין קאפ, נאר איך דענק ניט, אז דאס זאל זיין פאר א סולטאן גאנץ אונווירדיג. ניט וואהר? זאג, וואס דוא האסט אויף דעם צו זאגען.

נאטהאן האט איהם שטיל בעטראכט און האט אלץ קיין ווארט ניט ארויסגעבראכט פון מויל.

— פיעלייכט דארפסטו זיך בעדענקען? האט דער סולטאן ווידער געזאגט. גוט, דוא קענסט זיך דא בעדענקען, נאר מאך דאס געשווינד. איך לאז דיך איבער אליין און קום באלד צוריק.

דער סולטאן איז ארויס און נאטהאן איז געבליבען זיצען פערטראכט. וואס וויל דער סולטאן פון איהם? ער איז אהער געקומען מיט בארעס געלד און דא פאדערט מען פון איהם, ער זאל געפינען דיא וואהרהייט. עס קומט אויס, אז דיא וואהרהייט, אזוי וויא נאכד איינגעפאקט אין זעקלאך, ליגט ביי דעם וויזען אין מארך און מען דארף איהר נאר פון דארטען ארויסציהען. ווער איז איצט פון זיי דער איד —דער סולטאן צו ער? מען דארף איהם קיין פינגער אין מויל ניט לייגען, ער וויס, אז דא געהט ניט אום דער וואהרהייט, מען וויל איהם דא אונטערשפרייטען א נעץ אונטער דיא פיס, נאר ער וועט זיך ניט לאזען פערנארען.

נאר וואס ענטפערט מען דא איהם? האט ער זיך געפרעגט. זאגען אז דיא איינציגע וואהרהייט ליגט אין אידעשקייט וועט זיין ניט גוט. אידעשקייט ארויסוואַרפען אין גאנצען וועט ווייטער ניט טויגען, ווייל דאמאלס וועט קומען דיא וויכטיגע פראגע, פאר וואס ניט ווערען מוסעלמאן? ער האט געקלעהרט און געקלעהרט און פלוצים איז איהם וויא א בליץ דורכגעלאפען א געדאנק און זיין געזיכט איז איהם געווארען ליכטיג.

„ניט נאָר קינדער קען מען בערוהיגען מיט מעשיות, זאָנדערן אויך גרויסע מענשען,“ האט ער צו זיך געזאגט און איז געווען זיכער אז ער וועט זיך פון איהם ארויסדרייען. ער איז איצט געזעסען און געווארט, אז דער סולטאן זאָל שוין ארייננקומען.

ענדליך איז סאלאדין אריינגעקומען.

— איך האב דיר נעגעבען, דוכט זיך, גענוג צייט צו בעדענקען זיך, האט סאלאדין געזאגט. איצט רייד, קיינער הערט אונז ניט.

— פון מיינטוועגען מעג אונז דיא גאנצע וועלט הערען, האט נאטהאן גע־ענטפערט.

— אזוי זיכער איז נאטהאן אין זיין ווארהייט? הא, דאס הייסט א וויזע! ער וויל דיא ווארהייט ניט פערבערגען און איז פערטיג פאר איהר איינצושטעלען זיין לייב און לעבע׳, זיין גוט און בלוט!

— יא, יא, ווען עס איז נויטהיג און קען בריינגען נוצען, האט נאטהאן גע־זאגט, נאר איידער איך וועל צוטרעטען צו דער זאך, ערלויב מיר, סולטאן צו דער־ציילען דיר א געשיכטע.

— פאר וואס ניט? איך בין פון שטענדיג אן געווען א פריינד פון געשיכטען, וואס זיינען גוט דערצעהלט.

— גוט דערצעהלען איז ניט מיין זאך.

— שוין וויעהער דיא שטאלצע בעשידענהייט? דערצעהל, דערצעהל!

נאטהאן האט זיין ערצעהלונג אנגעהויבען מיט א קלארע און רוהיגע שטימע:

— אין דעם גרויען אלטער האט אין דעם אסטען געלעבט א מאן, וואס איז בעזעסען א רינג פון אונשאצבארען ווערטה און וואס האט איהם געקריגען א גע־שאנק פון א ליעבע האנד. דער שטיין פון רינג איז געווען אן אפאל, הונדערטע שעהנע פארבען האבען אין איהם געשפיעלט און ער האט געהאט דיא געהיימע קראפט צו מאכען בעליעבט פון גאט און מענשען דעם, וואס האט איהם געטראג־גען מיט דעם גלויבען. און דארום איז קיין וואונדער, וואס דער מאן אין אסטען האט איהם קיין מאל פון פינגער ניט אראבגענומען און ווען זיין לעטצע שטונדע האט נעקלאפט האט ער געוואלט, אז דער רינג זאל פערבלייבען אין זיין פאמיליע און האט איהם אבגעזאגט צו זיין געליעבטעסטען זוהן, און איהם האט ער געהייסען, אז פאר זיין טוידט זאל ער דעם רינג אבזאגען דעם זוהן, וואס וועט איהם זיין דער ליעבסטער, און ביים איבערגעבען דעם רינג פון דור צו דור זאל מען קיין מאל ניט קוקען אויפ׳ן געבורט — דער בעליעבסטער זוהן זאל איהם בעקומען און ער זאל זיין דער הויפט, דער הערר פון הויז. דוא הערסט מיך, סולטאן?

— איך הער, האט דער סולטאן געענטפערט. דערצעהל ווייטער.

— פון זוהן צו זוהן איז דער רינג געגאנגען, האט נאטהאן פארטגעזעצט זיין ערצעהלונג, ביז ער איז אנגעקומען צו א פאטער, וואס האט געהאט דריי זיהן; זיי זיינען אלע דריי געווען געהארכזאם און דער פאטער האט זייא אלע דריי ליעב גע־

האט גלייך. צייטענווייז האט איהם געדוכט, אז זיין הערץ איז מעהר געניינט צו איינעם, באלד אבער האט איהם געשיינט, אז דער צווייטער איז איהם ליעבער און באלד נאר דער דריטער, און דער גוטער פאטער האט געהאט דיא שוואכקייט יע־דען איינעם פון זייגע דריי זיהן צו פערזיכערן, אז דעם רינג וועט ער איהם איבער־לאזען. ווען דער גוטער פאטער האט דערפיהלט, אז זיינע טעג זיינען שוין געצעהל־טע, איז ער אריין אין א פערלעגענהייט. עס האט איהם זעהר לייד געטהאן פאר צוויי פון זיינע זיהן, וואס האבען זיך פערלאזען אויף זיין ווארט. זיי וועט שטארק קרענקען, ווען זייא וועלען געוואר ווערען, אז דער רינג בלייבט ניט בייא זייא. וואס טהוט מען? ער האט אין געהיים געשיקט רופען א קינסטלער און האט ביי איהם בעשטעלט, ער זאל מאכען צווייא רינגען נאך דעם מוסטער פון זיין רינג און זאל ניט שפארען קיין מיה און קאסטען, אז דיא צוויי רינגען זאלען ארויס פונקט וויא דער דריטער. דיא ארבייט איז דעם קינסטלער געלונגען און ווען ער האט דיא רינ־גען אבגעבראכט, האט דער פאטער אליין ניט געקענט דערקענען, וועלכער איז דער מוסטער־רינג און וועלכע זיינען דיא נאכגעמאכטע. דער פאטער איז געווען אויסער זיך פאר פרייד און ער האט צוא זיך צוגערופען יעדען זוהן בעזונדער, האט יעדען בעזונדער געבענשט און געשענקט א רינג. גלייך נאך דעם איז דער פאטער גע־שטארבען.—דוא הערסט, סולטאן?

— איך הער, איך הער, האט דער סולטאן געענטפערט. וועט זיך דיא גע־שיכטע באלד ענדיגען.

— איך האב שוין געענדיגט, סולטאן, וייל דאס, וואס דער נאך האט פא־סירט, קען מען אליין פערשטעהן. וויא דער פאטער האט נאר פערמאכט דיא אויגען, איז יעדער פון דיא דריי זיהן ארויסגעטראטען מיט׳ן רינג און יעדער האט גע־וואלט זיין דער הערר פון הויז. עס איז געווארען א צאנקעריי צווישען דיא ברידער, זיי האבען גענומען אונטערזוכען, נאכפארשען, אבער אומזיסט, וויל פון דיא רינגען האט מען ניט געקענט אונטערשיידען, וועלכער איז דער רעכטער;—

נאטהאן האט זיך אין מיטען אבגעשטעלט און האט א פאר סעקונדען גע־ווארט. פיעלייכט וועט דער סולטאן עפעס פרעגען. נאר זעהענדיג, אז דער סולטאן איז שטיל, האט ער פארטגעזעצט:

— אזוי וויא מיר דא קענען ניט אונטערשיידען, וועלכער איז דער רעכטער גלויבען.

— וויא? האט דער סולטאן אויסגעשריען. איז דאס אן ענטפער אויף מיין פראגע.

— אויב דאס איז ניט קיין ענטפער אויף דיין פראגע, איז דאס אבער אן ענטפער פאר מיר, פאר וואס איך קען זיך ניט אונטערנעהמען אונטערצושיידען פון דעם רעכטען רינג ביז דיא נאכגעמאכטע, וועלכע דער פאטער האט בעשטעלט צו מאכען מיט דער אבזיכט, אז מען זאל זיי ניט דערקענען.

— שפיעל ניט מיט מיר! האט סאלאדין געזאגט. דיא רינגען און רעליגיא־נען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. דיא רעליגיאנען, וואס איך האב אויסגערעכענט, קענען זיך אונטערשיידען זאגאר אין קליידונג, שפייז און געטראנק.

— דאס איז וואהר, אבער וואס אנבעלאנגט צו זייערע גרינדע, קען מען זיי ניט אונטערשיידען, ווייל אלע גרינדען זיך אויף געשיכטע, סיי געשריבענע אדער איבערגעגעבענע פון מויל צו מויל. אין געשיכטע מוזען מיר גלויבען — ניט אזוי? איצט וועמען זאלען מיר גלויבען בעסער? געווים וועט יעדער פון אונז בעסער גלוי־בען זיינע אור־אור־עלטערן, וועמעס בלוט עס רינט אין זיינע אדערען און פון וועמען ער האט פון קינדהייט אן געזעהן נאר ליעבע, און פון וועמען ער איז קיין מאל ניט געוועזען אבגענארט, סיידען נארעריי איז געוועזען אן אלגעמיינע. און וויא קען איך גלויבען אין מיינע עלטערן ווייניגער, וויא דוא אין דיינע? וויא קען איך פאדערן פון דיר, אז דוא זאלסט אבלייקענען דיא געשיכטע פון דיינע עלטערן און דוא זאלסט גלויבען נאר אין מיינע. דאס זעלבע איז מיט דיא קריסטען.

סאלאדין האט ניט געענטפערט און ביי זיך געטראכט, אז עס איז בעסער צו שווייגען.

— איצט נאמיר זיך אומקעהרען צו אונזערע רינגען, האט נאטהאן פארטגע־זעצט. איך האב שוין געזאגט, אז צווישען דיא זיהן איז געווארען א צאנקעריי, און דאס האט דערגרויכט צום געריכט. יעדער זוהן האט געשווארען, אז זיין רינג האט ער בעקומען גלייך פון פאטער וויא עס איז ווירקליך געוועזען דער פאקט, און דער פאטער האט איהם לאנג פערשפראכען, אז דעם רינג וועט ער איהם איבערלאזען, וואס איז אויך געוועזען אמת.

— איך בין נייגעריג צו וויסען, וואס פאר א ווערטער וועסטו דעם ריכטער אריינלייגען אין מויל, האט סאלאדין געזאגט מיט א שמייכעל. רייד ווייטער.

— דער ריכטער האט זיי געענטפערט, אויב זייא קענען ניט באלד ברייגנען דעם פאטער, וועט ער זייער קלאגע צוריקווייזען. ער איז אין געריכט ניט אנגע־שטעלט געווארען צו טרעפען רעטעניסען. און דער רעכטער רינג וועט זיין מויל ניט עפענען ארויסצווייזען דיא פאלשקייט פון דיא איבריגע צוויי. „נאר ווארט" האט דער ריכטער זיך געווענדעט צו דיא ברידער. „ווארט, איהר האט מיר דא דער־

צעהלט, אז דער רעכטער רינג בעזיצט דיא געהיימע קראפט צו מאכען דעם, וואו
טראגט איהם, בעליעבט פון גאט און לייט דאס וועט אונז געבען א שליסעל צ
טרעפען דעם רעטענים. ווענמען ליעבען צוויי פון אייך אם מייסטען? רעדט! הא
איהר שווייגט? אזוי גאר! דיא רינגען האבען גאר א פערקעהרטע ווירקונג און יע
דער פון אייך ליעבט נאר זיך אם מייסטען? א, איהר זייט אלע דריי בעטראגענ
בעטריגער! אלע דריי רינגען אייערע זיינען נאכגעמאכטע. דער עכטער רינג איז גא
פיעלייכט פערלארען געגאנגען, און אום צו פערבארגען דעם פערלוסט, האט אייע
פאטער בעשטעלט צו מאכען גאנצע דריי."

— דאס איז פיין! דאס איז פיין!

— "אלזא" האט דער ריכטער פארטגעזעצט, "אויב איהר ווילט פאלגען מיי
ראטה, זאלט איהר נעהמען דיא זאך, וויא זיא איז. אויב יעדער פון אייך האט בע
קומען פון פאטער א רינג, זאל יעדער גלויבען, אז זיין רינג איז דער עכטער. עס אי
מעגליך, אז דער פאטער האט לעננער ניט געוואלט דולדען דעם טיראניי פון דעו
רינג און אזוי וויא ער האט אייך אלעמען גלייך געליעבט האט ער ניט געוואלט, א
איינער פון אייך זאל נעהמען דיא אויבער־האנד און דריקען דיא איבריגע צוויי ברידער
זייט צופריעדען מיט דעם און יעדער פון אייך זאל זיך שטרעבען, אז דיא קראפט
פון זיין רינג זאל ווערען געריהמט. זייט גוט, זאנפט, וואלטהעטיג און פרום, און אי
פאל אויב עס וועט קומען צו א צאנקעריי צווישען אייערע קינדס־קינדער און טוי
זענדער טויזענדער יאהרען ארום איבער דער געהיימער קראפט פון אייערע רינגען
לאד איך אייך ווידער איין פאר דיזען ריכטער שטוהל, אויף וועלכען עס וועט זיצע
א קליגערער מאן וויא איך און ער וועט אייך ריכטען.

— גאט, גאט!

— אויב דוא פיהלסט, סולטאן, אז דוא ביזט יענער פערשפראכענער ווייזע
האט נאטהאן אנגעהויבען, נאר סאלאדין האט איהם איבערגעריסען אין מיטען
האט איהם אנגעכאפט ביי דער האנד און געזאגט:

— ווער איך? שטויב בין איך, א גאר־נישט בין איך. ליעבער נאטהאן, יע
נע טויזענדער יאהרען זיינען נאך ניט אוועק און דעם ריכטער'ס שטוהל איז ניט
מיינער. געה, אבער זיי מיין פריינד.

— האט סאלאדין מעהר גאר ניט צו זאגען? האט נאטהאן געפרעגט.

— גאר ניט.

— גאר ניט?

— גאר ניט, האט סאלאדין געענטפערט. און ווארום דען פרעגסטו?

— איך וואלט געווינשט צו האבען א געלעגענהייט דיר עפעס צו בעטען.

— אום צו בעטען עפעס דארפסטו האבען א געלעגענהייט? זאג.

— איך האב זיך איצט אומגעקעהרט פון א ווייטע רייזע, האב איינגעמאנט פיעלע שולדען און האב צו פיעל בארעס געלד ביי זיך. דיא צייט זעהט איצט אויס א געפעהרליכע און איך ווייס ניט, וואו איך זאל עס זיכער אוועקלייגען. איך דענק אז דוא קענסט פון דעם מאכען א געברויך פאר דעם קומענדען קריעג.

דער סולטאן האט איהם מיט א דורכדרינגליכען בליק אנגעקוקט און דער־נאך געזאגט:

— איך וויל דיך ניט פרעגען, אויב אל־האפי איז ביי דיר שוין געוועזען; איך וויל ניט אונטערזוכען אויב א פערדאכט טרייבט דיך אנצובאטען מיר דאס געלד. איך מוז דיר געשטעהען, אז ווען איך האב נאך דיר געשיקט, האב איך געוואלט לייען פון דיר געלד.

— איך וואלט דיר געגעבען מיין גאנצעס געלד, נאר איך קען דאס ניט טהאן, וייל איך דארף בעצאהלען א שווערען שולד דעם ריטער.

— דוא מיינסט דאך ניט צו זאגען, נאטהאן, אז דוא ווילסט מיט דיין געלד העלפען מיינע ערגסטע פיינד!

— איך רייד נאר פון דעם ריטער, וועמען דוא האסט דאס לעבען גע־שענקט.

— דוא קענסט איהם דען? וואו איז ער?

נאטהאן האט איהם דערצעהלט וויא דער ריטער האט זיין טאכטער גע־רעטעט פון פייער.

— האט ער עס געטהאן? האט סאלאדין געפרעגט מיט פרייד. ער זעהט אויס פעהיג אויף אזעלכע זאכען, ער איז עהנליך אויף מיין ברודער. אויב ער איז נאך דא, ברייננ איהם צו מיר. איך האב מיט סיטטאה אזוי פיעל מאל גערעדט ו ענען מיין פערלארענעם ברודער. וועלכען זיא האט ניט געקענט, אז איך וויל איהר ווייזען א קאפיע פון איהם פערגעס ניט צו בריינגען איהם צו מיר.

— איך וועל איהם בריינגען באלד, האט נאטהאן געזאגט און האט פערלאזט דעם פאלאץ.

X.

ארויסגעהענדיג פון נאטהאנ׳ס הויז, האט דער ריטער קיין רוה ניט געפונען, עס האט איהם געטריבען פון איין ארט צום צווייטען און ער איז ארומגעגאנגען וויא א וואהנזיניגער. א העלישער פייער האט זיך אנגעצונדען ביי איהם אין האר־

צען און ער האט זיא געוואָלט מיט׳ן האסטיגען געהן עס אויסלעשען, אָבער אומ־זיסט. רעבא׳ס בילד האט אַרומגעשוועבט פאַר זיינע אויגען און זיין יונגעס בלוט האט געקאָכט.

אָבער ער איז א קריסט און רעבא א אידיש קינד און א ווילדער קאמפף האט זיך אנגעהויבען ביי איהם אין הארצען. א ווייל האט ער געדענקט צו פלי־העןֹ, פליהען פון ירושלים און קיין מאָל מעהר איהר ניט בעגעגנען און אין א קור־צע צייט ארום האָט ער צו זיך גערעדט, אז אָהן איהר קען ער ניט לעבען, אז איהר צו פערלאָזען האט ער ניט קיין קרעפטען.

ער האט זיך איצט דערמאָנט דיא געשיכטען, וואס מען האָט דערצעהלט פון זיין פאָטער און אויב זיי זיינען וואהר, און זיי זיינען געוויס וואהר, אָ, איצט פיהלט ער וויא ריכטיג זיי זיינען, וואלט זיין פאָטער גאָר ניט געהאט נעגען דעם און וואס דארף ער מעהר? יא, ער איז בעשלאָסען. ווער עס האט איין מאל גע־זעהן רעבא, קען גאר אנדערש ניט דענקען. ער וועט גלייך ריידען מיט נאטהאן; נאטהאן וועט וועגען דעם גאר ניט האבען, ער איז ריין פון אלע פאָראורטהיילע.

דער ריטער האט זיך איצט געפונען פערשעמט, וואס ער האט נאטהאנען אנגענומען פאר אן איינפאכען אידען און וואס ער איז זיך מיט איהם אזוי רויה בענאָנגען גאָר אין אָנהויב פון זייער ערשטע בעגעגניש. נאך אזא מאן קען מען גאר ניט בעגעגנען. ער וועט געוויס ניט האבען געגען איהם און וועט געוויס איינ־ווילינגען צו געבען איהם זיין טאכטער.

פון שנעלען גאנג איז ער א ביסעל מיעד געווארען און ער האט זיך דערפון דערפיהלט עטוואס רוהיגער.

ער האט זיך געלאזט געהן צום וועג, וואס האט געפיהרט צו סאלאדינ׳ס שלאס. דא וועט ער בעגעגנען נאטהאנען און וועט מיט איהם גלייך ריידען. נאר וואס זאמט ער זיך אזוי? א לאנגער געשפרעך איז ביי איהם מיט׳ן סולטאן.

ער איז א לאנגע צייט געגאנגען אויף און אב איבער׳ן וועג און געווארט אויף נאטהאנען. ער איז געווארען זעהר אונרוהיג, וואס נאטהאן פערזאמט זיך אזוי פיעל. ענדליך האט ער איהם בעמערקט ארויסקומען פון שלאס און ער איז צו איהם מיט שנעלע טריט צוגעגאנגען.

— איהר זייט לאנג געזעסען ביים סולטאן!

— ניט זעהר לאנג, האט נאטהאן געענטפערט. ער האט מיך געבעטען איך זאל אייך צו איהם ברייננען. בעגלייט מיך א היים, וואו איך האב נאך פאר עט־וואס אנדערס צו טהאן און דערנאך וועלען מירביידע געהן צו איהם.

— נאטהאן, אין אייער הויז קום איך מעהר ניט אריין....

— איהר זייט דאך שוין געוועזען ביי אונז. זאגט, וויא געפעלט אייך רעכא?

— איך האב ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען, וויא שטארק זיא איז מיר געפעלען, אבער נאך אמאל זעהן איהר וויל איך ניט, אויב איהר וועט מיר ניט פערשפרעכען, אז אימער, אימער זאל איך איהר קענען זעהן.

— וויא זאל איך אייך פערשטעהן?

דער ריטער האט נים גלייך געענטפערט, איהם האבען פערפעלט ווערטער. א סעקונדע איז ער געשטאנען שטום און פלוצים איז ער נאטהאנען ארויפגעפאלען אויף'ן האלז און האט אויסגעשריען:

— מיין פאטער!

— יונגער מאן! האט נאטהאן געזאגט קאלט.

דיא צוויי ווערטער האבען איהם וויא אבגעגאסען מיט א שטראם קאלטען וואסער און ער איז פלוצים אבגעשפרונגען אהינטער.

— יונגער מאן, האט דער ריטער ווידערהאלט נאטהאנס ווערטער מיט א פערצווייפעלטע שטימע. יונגער מאן און ניט „מיין זוהן"?

— ליעבער יונגער מאן! האט נאטהאן אנגעהויבען צו ריידען, נאר דער ריטער האט איהם גלייך איבערגעריסען:

— ניט מיין זוהן? איך בעשווער אייך, נאטהא', ביי דעם שטארקסטען באנד פון דער נאטור! קוקט ניט אויף דיא שפעטערע קייטען, וואס מען האט אויף אונז ארויפגעווארפען, בעגניגענט אייך צו זיין א מענש און פערשטויסט מיך ניט פון זיך.

— ליעבער, ליעבער פריינד!.......

— און זוהן? און זוהן ניט? און זאגאר ניט ווען דיא ליעבע האט שוין געפאדערט ווען דעם ווענ צו אייער טאכטער'ס הערצען? דוא שווייגסט?

— יונגער ריטער, איהר איבערראשט מיך.

— איך איבערראש אייך? איבערראשט אייך, נאטהאן, מיט אייערע אייגענע געדאנקען? וויא לאנג האב איך דיא זעלבע ווערטער געהערט פון אייער מויל? איך איבערראש אייך?

— איך קען אייך ניט ענטפערן איידער איך וויים וועלכער סטויפען איז געוועזען אייער פאטער, האט נאטהאן געענטפערט.

— וואס רעדט איהר, נאטהאן? אין אזא מאמענט ליגט אייך קיין אנדער זאך אין זינען וויא אויסצוגעפינען ווער מיין פאטער איז געוועזען?

— איך האָב זעהר גוט געקענט איינעם פון דיא סטויפענס, זיין נאָמען איז געוועזן קאָנראד.

— און אויב מיין פאָטער האָט עבען אזוי געהייסען?

—ווירקליך?

— איך טראָג מיין פאָטער'ס נאָמען: קורד איז קאָנראד.

— מיין קאָנראד האָט אייער פאָטער ניט געקענט זיין, ווייל ער איז געוועזן אזוי וויא איהר, א טעמפּעל-הערר און האָט קיין מאָל געהייראטעט.

— אָ, דארום....

— וויא?

— דארום האָט ער געקענט זיין מיין פאָטער....

— איהר שפּאַסט.

— און איהר זייט צו ערנסט. נעהט אייך דען אָן אויב מיין פאָטער האָט גע-הייראט מיט חופּה און קדושין אָדער ניט? מיר געהט ניט אָן אייער שטאם און איהר פרעגט ניט נאָך אויף מיינעם. נאָר מיינט ניט אז איך צווייפעל, בעהיטע גאָט אין אייער שטאמבוים. איהר קענט מ'שען בלאט פאר בלאט און דערוויזען, אז איהר קומט ארויס פון אברהם און פיעלייכט נאָך ווייטער....

— ריטער, איהר ווערט ביטער! האָב איך דאס פון אייך פערדיענט? האָב איך אייך דען ענטזאגט? קומט מיט מיר א היים.

— ניין, ניין! צו אייך אין הויז וועל איך איצט ניט געהן. דאָרטען ברענט אונטער מיר דער באָדען. איך וועל אייך בעסער אָבוואַרטען אונטער דיא פּאַל-מען.

דער ריטער איז מיט נאטהאנען צוגעגאנגען ביז צום הויז. נאטהאן איז אריין צו זיך און דער ריטער איז אוועק צו דיא פּאלמען.

XI

דיא פּאלמען האָבען זיך געפונען ניט ווייט פון נאטהאנ'ס הויז, און דער רי-טער האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אהין א בליק געגען זיין ווילען. נאטהאן האט איהם ניט ענטזאגט און דאך האָט ער זיך געפיהלט ניט רוהיג. ער האָט ער-ווארטעט צו הערען פון נאטהאנען קלערערע רייד, ער האָט ערווארטעט, אז נא-טהאן וועט זיך דערפרייען מיט זיין פּאָרשלאָג און וויא קאלט נאטהאן האט מיט איהם גערעדט!

ווען ער איז געווען אזוי פערזונקען אין זיינע טרויריגע געדאנקען, האט ער פלוצים דערהערט א שטימע:

— הערר ריטער! הערר ריטער!

ער האט זיך אומגעקעהרט און האט דערזעהן דאיא. זיא האט צו איהם א ואונק געטהאן און אבגערופען איהם אן א זייט.

— וואס בעדייט עס? האט ער איהר געפרעגט.

— איך האב זיך פון שטוב ארויסגעגליטשט אזוי, אז ער האט מיך ניט גע־קענט זעהן, נאר דא קען ער אונז בעמערקען פון פענסטער, האט זיא געזאגט.

דער ריטער האט איהר אנגעקוקט פערוואונדערט.

— פאר וואס עפעס אזוי געהיימניספאל? האט ער געפרעגט.

— יא, דאס איז א געהיימניס, האט זיא געענטפערט. יא, געבראכט אהער האט מיך א צווייפאכיגעס געהיימניס. איינס וויים איך, דאס צווייטע ווייסט איהר. איהר וועט מיר אנפערטרויען אייערס און איך אייך מיינס.

— מיט פערגניגען, האט דער ריטער געענטפערט. אבער איך וויים ניט, וואס מיין געהיימניס איז. נאר דאס וועל איך אויסגעפינען פון אייערן. דער־צעהלט.

— זאל זיין אזוי, האט דאיא געזאגט. קענט איהר מיר ניט זאגען, ריטער, פאר וואס האט איהר אזוי פלעצליך פערלאזט אונזער הויז און זייט מיט נאטהאנען איצט ניט אריין צו אונז? האט דען רעכא געמאכט אויף אייך אזא שוואכען איינ־דרוק, אדער פערקעהרט, דער איינדרוק איז געווען זעהר א טיעפער? א, איך זעה, וואס פאר אן איינדרוק זיא האט אויף אייך געמאכט. געשטעהט עס מיר גלייך, אז איהר ליעבט איהר....

— ביז צום וואהנזין.

— ניט מיר נאר צו, אז איהר ליעבט איהר, און דעם וואהנזין וועל איך אייך שענקען.

— ווייל דאס איז זעלבסטפערשטענדליך ווען א טעמפעל־הערר פערליעבט זיך אין א אידיש מיידעל.

— עס איז אין דעם אזא גרויסער וואהנזין. וויא עס שיינט פון ערשטען בליק.

— וויא אזוי! האט דער ריטער געפרעגט פערוואונדערט.

— נאט'ס וועגען קען מען ניט טראכטען. ער וויים, וואס ער טהוט. דוא שווער מיר נאר, אז דוא וועסט אויביג בעלאנגען צו איהר.

— וויא אזוי קען איך שווערען צו טהאן א זאה, וואס שטעהט ניט אין מיין מאכט?

— עס איז אין אייער מאכט; איין איינציג וואָרט און דאס איז אין אייער מאכט.

— און איהר פאָטער וועט גאָר ניט האבען געגען דעם?

— איהר פאָטער? ער וועט זיין געצוואונגען.

— ביז איצט איז ער צווישען גנבים ניט געווען פערמישט און וויא קען מען איהם צווינגען?

— דאָך וועט ער איינוויליגען.

— געצוואונגען אין איינוויליגען? האט דער ריטער געזאגט מיט א שמייכעל. נאָר איך האב שוין געפרובט מיט איהם ריידען און דערוייל ווילינט ער ניט איין.

— ער ווילינט נאָך ניט איין? האט דאיא אויסגעשריען און איהרע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א פייער פון צארן. גוט, אויב אזוי טראכט איך לענגער ניט.

זיא איז א רגע שטיל געוואָרען.

— און דאָך טראכט ער יא, האט דער ריטער געזאגט.

— נאטהאן איז שטענדיג געוועזען גוט צו מיר און זעהר פריינדליך און איך בין איהם פיעל שולדיג. נאר פאר וואס האט ער אייך ענטזאגט? גאט איז מיין צייגע, אז איך האב זיין געהיימנים ניט געוואלט ארויסגעבען.

— אויב איהר זייט אליין ניט זיכער, צו איהר טהוט גוט אדער שלעכט, רעדט בעסער ניט און איך וועל פערגעסען, וואס איהר האט מיר געזאגט.

— ניין, איך מוז זאגען. זייט וויסען אז רעכא איז ניט קיין אידיש קגנד, זיא איז א קריסטין.

— איך גראטוליר אייך, האט דער ריטער געזאָגט מיט אן איראנישען שמייכעל. דאס איז געווען ווירקליך א שווערע ארבייט! איך ווינש אייך גליק. געהט פארווערטס אין אייער אייפער צו בעפעלקערן דעם הימעל, ווען איהר קענט עס ניט טהאן אויף דער ערד.

— מיט וואס האב איך דאס פערדיענט, אז איהר זאלט פון מיר אזוי ביטער שפאטען? פרייט אייך ניט דיא נאכריכט, אז רעכא איז א קריסטין?

— איבערהויפט ווען זיא איז ארויס פון אייער פורעם.

— א, אזוי פערשטעהט איהר מיין נאכריכט! אלזא וועל איך ריידען קלערער. זיא איז א קריסטין און איז געבוירען געווארען פון קריסטליכע עלטערן.

— און נאטהאן איז ניט איהר פאטער! האט ער האסטיג געפרעגט.

— נאטהאן איז ניט איהר פאטער.

— זייט איהר זיכער אין וואס איהר רעדט?

— זיכער וויא מען קען נאר זיין. דאס קאסט מיר שוין גענוג בלוטיגע טרע־רען.

— ווייס רעכא דערפון?

— ניין.

יא, דאיא, דיא נאכריכט, וואס איהר האט מיר איצט געבראכט, איז זעהר א וויכטיגע און איך וועל זיך בעדענקען, וואס איך האב דא צו טהאן. דערווייל האב איך נאך קיין פלאן ניט אויסגעארבייט, נאר אויב דוא וועסט איצט בעגעגענען נאטהאנען, זאלסטו איהם זאגען, אז איך וועל מיט איהם איצט ניט קענען געהן צום סולטאן. מיר וועלען זיך שוין בעגעגענען אן אנדערס מאל.

XII

דער ריטער האט געאיילט וואס גיכער אוועק צו געהן פון דיא פאלמען, אום נאטהאן זאל איהם ניט אנגעגענען. איצט ווען עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז רעכא איז א קריסטליך קינד האט איהם געשיינט נאטהאנס קאלטער ענטפער א דאפעל־טע בעליידיגונג. זיין צארן האט אין איהם אויפגעפלאמט און ער האט אין דער גיך אויסגעארבייט א פלאן, וויא ארויסצורייסען רעכאן מיט גוואלד פון זיינע הענד.

ער האט לאנג ניט געטראכט און איז אוועק אין קלויסטער צום פאטריארך. אריינקומענדיג אינעווייניג האט ער געטראפען דעם מענך, וועלכען דער פאטרי־ארך האט צו איהם אמאל אונטערגעשיקט.

— אזוי! האט דער מענך איהם בעגעגענט. מיינע ווערטער זיינען דאמאלס ניט געווען אומזיסט. איהר האט זיך דאך בעטראכט, אז אונזער פאטריארך האט רעכט, ווען ער זאגט, אז א פיינד בלייבט א פיינד, אבוואהל איך בין פון הארצען געווען צופריעדען, ווען איהר זייט ניט איינגעגאנגען אויף דעם פאטריארך׳ס פארשלאג.

— זיי רוהיג, גוטער מאן, האט דער ריטער געענטפערט, מיינע געדאנקען האבען זיך ניט געענדערט. איך בין איצט געקומען זעהן דעם פאטריארך און פרע־גען ביי איהם א ראטה.

— א ריטער זאל פרעגען א ראטה ביי א פריסטער!

— דא האנדעלט זיך אום א רעליגיעזע פראגע.

— דאך ווען עס האנדעלט זיך וועגען א ריטערישע פראגע פרעגט דער פרי־סטער ניט ביי דעם ריטער א ראטה.

— פאר זיך וואלט איך קיין מאל צו קיין פריסטער נאך א ראטה ניט גע־גאנגען, נאר דא איז אזא פראגע. וואס פאדערט א פרומען ראטה־געבער. דוא קענסט אויך אין דעם פאל זיין מיין ראטה־געבער.

— איך? האט דער מענך געזאגט און האט זיך צוריקגעצויגען. רעדט ניט ווייטער, רעדט ניט ווייטער!

אין דער מינוט איז אין קלויסטער אריינגעגאנגען דער פאטריארך. דער פאטריארך איז געווען א הויכער און א דיקער, מיט א רויטע באָרד און א פערגני־געגדען שמייכעל אויפ'ן געזיכט און ער האט גאר ניט אויסגעזעהן, וויא איינער וואס האט זיין לעבען אוועקגעלייגט אויף לערנען און שטודירען רעליגיעזע ביכער.

— דאס איז דער מאן, וועלכער קען דיר געבען א ראטה, האט דער מענך געזאגט.

דער ריטער האט אויף איהם א קוק געטהאן און האט געזאגט צו זיך: „ניין, ניט דאס איז דער מאן, וואס איך דארף.“

דער מענך איז געשווינד צוגעגאנגען צום פאטריארך.

— איז דאס דער ריטער? האט דער פאטריארך געפרעגט.

— יא.

— וואס וויל ער?

— איך ווייס ניט.

דער פאטריארך איז צוגעגאנגען צום ריטער, און האט צו איהם געזאגט.

— וואס קען איך טהאן פאר דיר, יונגער ריטער?

— מיר פעהלט א ראטה.

— זעהר גערן. אבער דעם ראטה דארף מען פאלגען.

— איהר מיינט דאך ניט, אז מען דארף פאלגען בלינד?

— ווער זאגט עס? מען דארף ניט אוועקליינען אן א זייט דעם פערנונפט, וואס גאט האט דעם מענשען געגעבען. אבער ניט אומעדום קען מען זיך פערלאזען א'יפ'ן פערנונפט. צום ביישפיעל: ווען גאט לאזט אונז דורך זיינעם א מלאך אדער דורך זיינעם א דיענער וויסען א מיטעל וויא דעם קריסטענטהום און דיא הייליגע קירכע צו פערשטארקען, ווער קען זיך דאן אונטערשטעלען צו ריבטען מיט פער־

גיזפט דעם ווער עס האט דעם פערנונפט בעשאפען? נאר געגוג וועגען דעם, וואס פאר א ראטה פערלאנגט דער הערר ריטער פון מיר?

— שטעלט זיך פאר, עהרווירדיגער פאטער, אז א איד בעזיצט איין איינציג קינד, נאמיר זאגען א מיידעל, וועלכע ער ליעבט מעהר, וויא זיין איינענע זעעלע און וועלכע ער זעהט צוא ערציהען צוא אלעם גוטען, און זיא פון איהר זייט ליעבט איהם אויך מיט דער פרומסטער ליעבע. איצט שטעלט זיך פאר, אז יעמאנד ברענגט ארויס א קלאנג, אז דאס מיידעל איז ניט דעם אידענס טאכטער, ער האט איהר אלס קינד געפונען אדער געשטאהלען אדער געקויפט, דענקט וואס איהר ווילט; מען וויים, אבער אז דאס מיידעל איז א קריסטליך־קינד און איז געטויפט און דער איד האט איהר נאר ערצויגען אלס אידיש קינד. זאגט מיר, עהרווירדיגער פאטער, וואס ברויכט מען צו טהאן דערצו?

— עס שוידערט מיר! האט דער פאטריארך געענטפערט. נאר פריהער פון אלץ ערקלער מיר, הערר ריטער, אויב דאס איז נאר א היפאטעזע (השערה) אדער א פאקט.

— איך גלויב, אז דאס איז אלץ איינס, אום איהר זאלט קענען ארויסזאגען אייער מיינונג.

— אויב דאס, וואס איהר האט מיר געזאגט איז א פאקט, וועט דער איד גלייך בעקומען זיין שטראף פאר אזא לאסטער־טהאט; דיא שטראף איז בעשטימט נאך דעם פאפסטליכען און קייזערליכען געזעץ.

— אזוי?

— דער איד, וואס בעקעהרט א קריסט צו זיין גלויבען בעצאלט דערפאר מיט זיין לעבען. מען פערברענט איהם לעבעדינערהייד.

— אזוי?

— און פיעל מעהר קומט דעם אידען, וואס רייסט ארויס מיט גוואלד א קריסטליך קינד פון דיא בונדען פון טויף! (שמד) וויל אלעס וואס מען טהוט א קינד איז גוואלד, פערשטעהט זיך, אויסער ווען דיא קירכע טהוט.

— און וויא איז, אויב דאס קינד וואלט אויסגעגאנגען פון הונגער, ווען דער איד זאל זיך איבער איהם ניט ערבארמען?

— דאס מאכט ניט אויס. דער איד ווערט פערברענט, וויל פאר'ן קינד איז בעסער אומצוקומען אין עלענד אלס פערדארבען צו ווערען אויף אויביג. אויסער דעם, וואס האט זיך דער איד צו מישען אין גאט'ס פלענער? ווען גאט וויל דאס קינד רעטען, קען ער דאס טהאן אהן דעם אידען.

— אבער גאט קען דאך אויך רעטען דאס קינד פון איביגער פערדארבענ־הייט טראָץ דעם ווילען פון דעם אידען,—האט געזאגט דער ריטער.

— דאס מאכט ניט אויס; דער איד ווערט פערברענט.

— דאס טהוט מיר זעהר לייד, וויל מען זאָגט, אז דער איד האט דיא מיי־דעל ערצויגען ווייט פון יעדען גלויבען און האט איהר געלערנט פון גאט אזוי פיעל, פיעל דער פערנונפט האט געפאדערט.

— דאס מאכט ניט אויס, דער איד ווערט פערברענט.... און דערפאר איז ער ווערט דרייא מאל נאך צום פערברענט ווערען! וויא? א קינד ערציהען אָהן וועלכען גלויבען! מיר וואונדערט אויף אייך, העדר ריטער.

— איצט מוז איך געהן, האט דער ריטער געזאגט, און ביים בייכטען (מתודה זיין) וועל איך אייך זאגען דאס איבריגע.

— וואס? איהר געהט שוין און וועט מיר זאָגאר ניט זאָגען דעם נאָמען פון דעם פערברעכערישען אידען? איך געה גלייך צום סולטאן; סאלאדין האט אונז גע־שווארען, אז ער וועט אונזערע רעכטע שיצען. איך וועל איהם איבערצייגען, אז זאָ־גאר ער אליין מיט זיין גאנצען שטאאט איז אין געפאהר, ווען דער אונגלויבען וועט זיך פערשפרייטען. אלע בירגערליכע, אלע פאמיליען־בענדער ווערען צוריסען, ווען דער אונגלויבען כאפט זיך אריין.

— שאדע וואס איך קען ניט אויסהערען אייער פאָרטרעפליכע דרשה מיט מעהר אויפמערקזאמקייט, האט דער ריטער געזאגט. איך בין גערופען צום סולטאן.

ווען דער ריטער איז ארויס פון קלויסטער, האט זיך דער פאטריארך א ווײלע פערטראכט ג׳ן דער נאך צוגערופען דעם מענך, וואס איז שוין געוועזן בעקאנט מיט׳ן ריטער, און האט איהם בעאויפטראגט, ער זאל נאכשפירען דעם ריטער און זעהן, צו וועלכע אידען ער האט אן איינגאנג.

XIII.

ביי זיך אין פאלאץ איז דער סולטאן געשטאנען און האט זיך צוגעקוקט, וויא שקלאווען האבען אריינגעטראגען בייטלען מיט געלד, וואס נאטהאן האט צוגעשיקט.

— איהר שלעפט און עס איז נאך ניטאָ קיין ענדע, האט סאלא־דין געזאגט. פיעל איז נאך פארא?

— עס איז נאך פאראן מעהר וויא א העלפט.

אין דער מינוט איז אין צימער אריין סיטטאה מיט א קליינעם פּאָרטרעט אין האנד.

— זעה וואס איך האב געפונען, האט זיא געזאגט צום ברודער, ווען איך האב היינט איבערגעלייגט מיינע ציערונג.

— הא! מיין ברודער! האט סאלאדין אויסגעשריען, ווען ער האט זיך אקוק געטהאן אויפ'ן פּאָרטרעט. דאס איז ער, דאס איז ער! וואס וואלט איך ניט אונ־טערגענומען, ווען ער דער בראווער יונג זאל מיר פריה ניט אוועקגעריסען געוואָרען! שענק מיר דעם פּאָרטרעט איך עראינער מיך יעצט, ער האט איהם געגעבען צו זיין עלטערע שוועסטער לילאה דעם לעצטען טאָג, וואס מיר האבען איהם געזעהן. איך געדענק וויא יענעם פריהמאָרגען האט איהם לילאה געהאלטען ארומגענומען און האט איבער איהם געוויינט. דאס הערץ האט איהר געזאָגט, אז מיר זעהען איהם דאס לעצטע מאל. איך און ער זיינען ארומגעפאָהרען רייטענדיג און אויפ'ן וועג האב איך ניט בעמערקט, וויא ער האט זיך פערנומען אן א זייט, און מעהר האב איך איהם שוין ניט געקענט געפינען. לילאה האט עס מיר קיין מאל ניט פערגע־בען וואס איך האב איהם געלאזט רייטען אליין נאָר זיא האט לאנג דעם ברודער ניט איבערגעלעבט. זיא איז פון הארצוויהטאג באלד געשטאָרבען.

— ארימער ברודער! האט סיטטאה געזאגט מיט א זיפץ.

— איצט ווען דער ריטער וועט קומען, וועל איך קענען פערגלייכען דעם פּאָר־טרעט מיט איהם און וועל זעהן, וויא ווייט מיין פאנטאזיע האט מיך גענארט. נאר פאר וואס קומט ער נאָך ניט?

— נאטהאן איז דאָ געווען און האט געזאגט, אז ער האט איהם ערגעץ ניט געקענט אָבזוכען.

א שקלאוו איז אריינגעקומען און האט געמעלדעט, אז א ריטער וויל זעהן דעם סולטאן.

— הייס איהם אריינקומען, האט סאלאדין געזאגט.

סיטטאה האט אראָבגעלאזט איהר וואואל איבער'ן געזיכט, איז אָבגעגאנגען אן א זייט און האט זיך געזעצט אויף א סאָפע.

— איך וועל זיצען פון דערווייטענס און וועל אייך ניט שטערן.

— גוט.

דער ריטער איז אריין.

— איך, דיין געפאנגענער, בין געקומען—האט ער געזאָגט.

— מיין געפאנגענער? האט דער סולטאן געענטפערט. וועמען איך האב דאס לעבען געשענקט גיב איך אויך פרייהייט.

— דאנקען דיך בעזאנדערס פאר'ן לעבען, וואס דוא האסט מיר געשענקט, ליגט ניט אין מיין כאראקטער. אלענפאלס איך בין גרייט דיר צו דיענען צו יעדער צייט.

— ברויך עס נאר ניט נעגען מיר. מיר אארט ניט, וואס דער פיינד וועט האבען מיט א פאר הענד מעהר, נאר איך פערגין איהם ניט אזא הערץ. יא, איך האב זיך אן דיר ניט גענארט: דוא ביזט וויא צוויי טראפען מיין אססאד און איך וואלט דיר געקענט פרעגען, וואו האסטו זיך דיא גאנצע צייט געפונען? מיר דוכט, אז איך קען אין גאנצען פערגעסען און אנהויבען צו דיר ריידען, וויא צו מיין ברו־דער און דערמאנען דיר אלעס, וואס מיר האבעןביידע צוזאמען איבערגעלעבט דא און דארטען. פון דיזער זיסער טרוימעריייא איז דאך איין זאך וואהר, אז אין מיין הערבסט זעה איך פאר מיר ווידער מיין אססאד. ווילסטו בלייבען נעבען מיר, שטעהן מיט מיר? מיר געהט ניט אן, וויא דוא וועסט בלייבען אויב אין א ווייסען מאנטעל *) אדער טורבאן **) אלס קריסט אדער מוסעלמאן. איך האב קיין מאל ניט געוואונשען אז אלע בוימער זאלען זיין בעדעקט מיט איין רינדע (קארע).

— ווען דוא זאלסט זיין אנדערש, סאלאדין, האט דער ריטער געענטפערט, וואלסטו ניט געהאט אזא גוטען נאמען. דיין וואונש האט שוין פריהער געהאט אן אבקלאנג אין מיין הערצען.

— סאלאדין האט איהם אויסגעשטרעקט זיין האנד און געזאגט:

— דיין האנד, ריטער.

— איך בין דיינער אין גאנצען.

— פאר איין טאג איז דאס צופיעל גליק. איז ער ניט געקומען מיט דיר?

— ווער?

— נאטהאן.

— ניין, האט דער ריטער געענטפערט קאלט. איך בין געקומען אליין.

— נאטהאן האט מיר דערצעהלט, וויא דוא האסט זיין טאכטער גערעטעט

---

*) ווייסער מאנטעל איז געוועזען דיא קלייד פון דיא קריסטליכע ריטער וואס האבען בע־לאנגט צום טעמפעל ארדען.

**) טורבאן ווערט אין אריענט געטראגען פון מוסעלמאנער (מחמדאנער) אויפ'ן קאפ און איז צוגוויפגעדרייט פון א שאל אדער דאס גלייכען.

פון פייער. דוא ביזט גליקליך וואס דיר איז געלונגען צו טהאָן אזא זאך פאר אזא מאן.

— יא, יא, האָט דער ריטער געענטפערט נאָך קאַלטער.

— אזוי קאַלט! ניין, מיין יונגער פריינד, ווען נאָט טהוט דורך אונז עפּעס גוטס, דאַרפען מיר ניט זיין קאַלט און דאַרפען זיך אזוי ניט ווייזען זאָגאַר צוליעב בעשיידענהייט (ענוות).

— יעדע זאך קען בעטראַכט ווערען פון פ'עלע זייטען און מען קען אָפט ניט פערשטעהן, וויא זיי פּאַסען צוזאַמען.

— אָה, איך וועל מיט דיר דאַרפען זיין זעהר פאָרזיכטיג, ווייל איך האָב אויך פ'עלע זייטען און זיי שיינען אָפט אויך ניט צו פּאַסען צוזאַמען.

— דאס טהוט מיר לייד, ווייל מיין נאַטור איז ניט פערדעכטיג.

— פון דיינע רייד איז צו זעהן, אז דוא האָסט א פערדאַכט אויף נאַטהאַנען! אויף נאַטהאַנען א פערדאַכט! וויא קומסטו דערצו? שענק מיר דיין צוטרוי און דערצעהל מיר.

— איך האָב גאָר נישט געגען נאַטהאַנען, איך בין נאָר בייז אויף זיך אַליין.

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס איך האָב זיך געלאָזט אין העלען טאָג פערפיהרען פון א טרוים, אז א איד קען זיין עפּעס אַנדערש וויא איד.

— דערצעהל מיר דיין טרוים.

— דוא ווייסט, וואס איך האָב געטהאָן פאַר נאַטהאַנס טאָכטער. איך בין געוועזען צו שטאָלץ צו נעהמען דאנק פאַר א טהאַט, וואס איך האָב ניט געזוכט, און האָב פון איהר געווייכט פון יענעם טאָג. איהר פאָטער איז געוועזען אין א וויטע רייזע און ווען ער איז צוריקגעקומען און האָט אויסגעפונען וואס איך האָב געטהאָן פאַר זיין טאָכטער האָט ער מיך אויסגעזוכט, האָט מיך זעהר געדאַנקט און האָט געוואונשען, אז זיין טאָכטער זאָל מיר געפעלען. איך האָב זיך צוגעהערט צו זיין פּלאַפּלעריי און בין אוועק זעהן דאס מיידעל. אָה, סולטאַן, איך שעהם זיך!

— דוא שעהמסט זיך, וואס א אידיש מיידעל האָט אויף דיך געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק. איך קען אזא געדאַנק ניט דערלאָזען, האָט סאַלאַדין געזאָגט.

— ניין, איך שעהם זיך, וואס איך האָב מיין הערץ דערלאָזט זיך צוהערען צו איהר פאָטער'ס גלאַטע רייד. א נאַר בין איך געווען און בין א צווייטען מאָל אריינגעשפּרונגען אין פייער—און דאָ האָט מען מיר קאַלט אָבגעזאָגט.

— אָבגעזאָגט! דיר אָבגעזאָגט!

— דער קלוגער פּאַטער זאָגט ניט גלייך אָב, ער מוז זיך אָבער פריהער ער־קונדיגען, בעטראַכטען און דאס גלייבען. האָב איך דען אויך ניט געטהאָן דאס זעל־בע? ווען איך האָב דערהערט זיין טאָכטער'ס געשרייען פון פייער, האָב איך דען ניט נאָכגעפרעגט, זיך ערקונדיגט ווער דאס איז און זא ווייטער. ביי גאָט! דאס איז דאָך עפּעס אזוי שעהן, אזוי קלוג צו זיין אזוי בעדאַכטיג.

— אן עלטערן מאַן מוזטו א ביסעל פערצייהען. ער וועט לאַנג ניט טראַכטען. דוא מיינסט דאָך ניט, אז ער וועט פון דיר פערלאַנגען, אז דוא זאָלסט ווערען א איד.

— ווער ווייס?

— איך קען נאַטהאַנען בעסער.

— דער אבערגלויבען, אין וועלכען מיר וואקסען אויף, פערליערט ניט זיין מאַכט איבער אונז, זאָגאר ווען מיר ערקענען איהם. ניט אלע זיינען פריי, וואָס שפּאָטען פון זייערע קייטען.

— גאַנץ ריכטיג געזאָגט, אָבער נאַטהאַן....

— דער ערגסטען אבערגלויבען איז צו דענקען אז זיין אייגענער איז דער לייכטסטער.

— פיעלייכט, האָט דער סולטאַן געזאָגט, פיעלייכט איז דאס אזוי, אָבער נאַטהאַן....

— פאר וואס זאָל נאַטהאַן זיין יענער שטערבליכער, וועלכער קען קוקען דעם שיין פון דער וואהרהייט גלייך אין געזיכט און ניט ארויסווייזען דיא דונקעלהייט פון דער געפענגניס, פון וואנען ער איז ארויסגעקראָכען.

— יא, נאַטהאַן איז דער מאַן.

— איך האָב אויך אזוי געדענקט, האָט דער ריטער געענטפערט. נאָר וואס אויב דיעזער קלוגער מאַן, דיעזער אויסערוויילטער איז אזא דורכגעטריבענער איד אז ער זוכט אויס קריסטליכע קינדער און ערציהט זיי אין זיין גלויבען. וואס ועסטו דאן זאגען?

— ווער זאגט עס אויף איהם?

— זאָגאר דאס מיידעל וואָס איך האָב פון פייער געראַטעט איז ניט זיין טאָכטער. זיא איז א קריסטליכע קינד, וואָס ער האָט גערויבט.

— און וועלכע ער האָט דיר ניט געוואָלט געבען פאר א פרוי, האָט דער סולטאַן געזאָגט מיט א שטאָך.

— אָבגעזאָגט אָדער ניט, האָט דער ריטער געזאָגט זעהר אויפגעבראַכט, נאָר

איך קען איהם איצט, דעם וואָלף אין דיא קליידער פון א שעפּסעלע און וועל אויף איהם אָנרייצען אזעלכע הינד, וואס וועלען פון איהם דיא פעל אראָבּרייסען.

— זיי רוהיג, קריסט! האט סאלאדין געזאגט זעהר ערנסט.

— רוהיג, קריסט! דער איד און מוסעלמאן נאר דארפען זיך האלטען ביים איד און מוסעלמאן אבער דער קריסט דארף אוועקווארפען דעם קריסט.

— רוהיג, קריסט! האט סאלאדין געזאגט נאך ערנסטער.

— איך פיהל, וואס פאר א שווערער פארוואורף עס ליגט אין דיינע צוויי ווערטער, האט דער ריטער געזאגט רוהיגער. איך וואלט נאר וועלען וויסען וויא דיין ברודער אססאד וואלט געהאנדעלט אויף מיין פלאץ.

— ער וואלט געהאנדעלט ניט בעסער וויא דוא און פיעלייכט אויך מיט אזא ברען, האט דער סולטאן געזאגט. פון דעם וואס דוא דערצעהלסט מיר, פערשטעה איך ניט נאטהאן'ס האנדלונג. נאר נאטהאן איז מיין פריינד און מיינע פריינד דארפען זיך ניט רייסען. העהר מיך אוים און לאז זיך פיהרען. רייץ ניט אן אויף איהם דיא פאנאטיקער פון דיין סעקטע, ווייל זיי וועלען פון מיר פאדערן איך זאל זיך מיט נאטהאנען רעכענען, וואס איך וואלט ניט וועלען טהאן. זיי ניט א קריסט דעם אידען אדער מוסעלמאן אויף צו להכעיס.

— דיין ראטה איז געקומען צו שפּעט, ווייל דער בלוט-דורשטיגער פּאטריארך קען זיין, וועט שוין אויסנוצען מיין נארעשקייט.

— וויא? וויא? דוא ביזט פריהער געגאנגען צום פּאטריארך איידער צו מיר? האט דער סולטאן געפרעגט.

— פערצייהע, סולטאן, האט דער ריטער געזאגט. אין שטורם פון ליידענשאפט, אליין ניט צו וויסען וואס איך טהו, בין איך אוועק צו איהם. איך פירכטע, אז יעצט וועסטו קוים אין מיר דערקענען דיין איססאד.

— איך וויים אונטערצושיידען שלעכטס פון גוטס. געה צו נאטהאנען און ברענג איהם אהער, איך וועל צווישען אייך מאכען א שלום, און וועל שוין זעהן, אז דאס מיידעל זאל געהערן דיר. . און גאטהאן זאל פיהלען, אז אהן שוויינען-פלייש האט ער אויך געמעגט ערציהען א קריסטליך קינד.

דער ריטער האָט פערלאָזט דעם פּאלאץ און אזוי גיך וויא ער איז ארויס, האָט זיך סיטטאה אויפגעהויבען פון דער סאָפא און געווענדעט צום ברודער:

— מערקווירדיג, מערקווירדיג! ער איז פונקט געראָטען אין אססאד. נאר וויא האָסטו זיך דאס פערגעסען צו פרעגען, ווער זיינען זיינע עלטערן?

— און בעזאָנדערס וועגען זיין מוטער, אויב זיא איז אמאָל געוועזן אין דיעזען

לאנד. אַט דאס האָסטו געמיינט צו פרעגען ניט וואהר? האָט דער סולטאן גע־זאָגט.

— דוא פערלויפסט צו וויט.

— אָה, דאס איז זעהר מעגליך, וויל אססאד איז געוועזן זעהר בעליעבט צווי־שען דיא קריסטליכע דאמען און א מאל איז ארויס א קלאנג...... נאָר עס וועט זיין אנגענעהמער דערפון ניט צו ריידען. נאָמיר זיין צופריעדען, וואס מיר געפינען א קאָפּיע פון איהם אין דעם יונגען מאַן, מיט אלע זיינע שלעכטע און גוטע איי־גענשאפטען, מיט זיין גאנצער ווילדער נאטור און ווארעמען הערצען. נאטהאן מוז איהם געבען דאס מיידעל, דענקסטו ניט אזוי? אויב נאטהאן איז ניט איהר פא־טער, וואס פאר א רעכט האָט ער אויף איהר? ווער עס האָט איהר לעבען גערע־טעט פון א זיכערן טוידט ניט לאנג, האָט אויף איהר מעהר רעכט.

— אויב אזוי פאר וואָס זאָלסטו דאס מיידעל גלייך ניט אָבנעהמען פון איהר אונרעכטיגען בעזיצער.

— צוליעב וואס? האָסטו דערצו אן אורזאכע?

— איך האָב דערצו קיין אורזאכע, איך זאג דאס נאָר, וויל איך בין זעהר נייגעריג צו זעהן דאס מיידעל, אין וועלכע ער האָט זיך אזוי פערליעבט.

— דוא קענסט נאָך איהר שיקען.

— קען איך? האָט סיטטאה געפרעגט.

— נאָר זעה ניט צו בעאונרוהיגען נאטהאנען. איך וויל ניט ער זאָל דענקען, אז מיר ווילען איהם שיידען פון איהר מיט געוואלד.

— זיי רוהיג.

— איצט וועל איך געהן זעהן וואָס איז מיט אל־האפי, ער וויזט זיך נאָר ניט, האָט דער סולטאן געזאָגט און איז ארויס.

XIV

אין נאטהאנ'ס הויז האָט מען פערנאנדערגעפּאקט דיא וואארע, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך פון זיין רייזע. דאָא איז געשטאנען אין דעם זעלבען צי־מער און מיט דורשטיגע אויגען האָט זיא נאָכגעקוקט וויא מען האָט אויסגעפּאקט א טהייערען שטאָף געפלאָכטען פון דינע זילבער מיט לאנגע פּאסען גאָלד.

— פון דעם שטאָף איז ווערט צו מאכען א חופה קלייד, קיין קעניגין קען זיך קיין שעהנערען ניט ווינשען, האָט דאָיא געזאָגט.

— פאַר וואָס עפּעס אַ חופּה קלייד? האָט נאַטהאַן געפרעגט.

— ווען דוא האָסט עס געקויפט האָסטו ווענען דעם פיעלייכט ניט געטראַכט, נאָר דאָס איז דער ריכטיגער שטאָף פאַר אַ חופּה קלייד. דער ווייסער גרונט איז אַ בילד פון אונשולד און דיא איינגעפלאָכטענע פּאַסען גאָלד אַ בילד פון רייכ־טהום.

— ווענען ווענעס חופּה-קלייד רעדסטו? האָט נאַטהאַן געפרעגט. האָסטו דען אבגעזוכט אַ חתן?

— ווער, איך?

— ווענען ווענען דען רעדסטו? דעם שטאָף האָב איך געבראַכט פאַר דיר.

— פאַר מיר און ניט פאַר רעכאַ? האָט דאַיאַ אויסגעשריען פערוואונדערט.

— פאַר רעכאַ האָב איך געבראַכט בעזונדער און איהרע איז נאָך פער־פּאַקט.

— ניין, היינטיגעס מאָל וועל איך ניט איינגעהן אויף דעם. איהר מוזט מיר פריהער צוזאָגען, אַז איהר וועט ניט אַוועקלאָזען אַזאַ געלעגענהייט, וואָס מאַכט זיך נאָר איין מאָל.

— וואָס פאַר אַ געלעגענהייט מיינסטו?

— איהר דאַרפט וויסען וואָס איך מיין. איהר האָט געווים בעמערקט, אַז דער ריטער איז פערליעבט אין רעכאַ, מאַכט איהר חתונה פאַר איהם און אייער זינד, וואָס איך קען שוין לייגנער ניט בעהאַלטען, וועט נעהמען אַן ענדע.

— דער ריטער געפעלט מיר זעהר און בעסער ער זאָל מיט איהר הייראַטען אַלס אַן אַנדערער, נאָר האָט געדולד.

— געדולד—דאָס איז שוין אַן אַלטע ליעדעל.

— האָט נאָר געדולד אַ פּאָר מינוט, ניט מעהר.

דיא מהיר האָט זיך געעפענט און אַ מענש איז אַריינגעקומען.

— ניב איהם, דאַיאַ, אַ ביסעל געלד. וואַרט ניט ער זאָל בעטען.

דאַיאַ איז צו איהם צוגעגאַנגען מיט אַ בייטעל געלד, אָבער דער מענש האָט עס ניט גענומען און געזאָגט, אַז ער וויל ריידען מיט נאַטהאַנען זעלבסט.

— וואָס קען איך פאַר דיר טהאָן, פרומער ברודער? האָט נאַטהאַן געפרעגט און ווענדענדיג זיך צו דאַיאַ האָט ער געזאָגט:

— דוא קענסט דערווייל געהן.

דאַיאַ איז אַרויס פון צימער.

— וואָס קען איך פאַר דיר טהאָן? האָט נאַטהאַן ווידערהאָלט זיין פראַגע.

— ניט פיעל, האט דער מענך געענטפערט. און דאָך פרייט מיך צו זעהן דיך געזונד.

— דוא קענסט מיך דען?

— ווער קען דיך ניט? דוא האסט זיך מיט דיין צדקה געמאכט אומעדום בעקאנט און אויך איך האב דיין צדקה פיעל יאהרען געפיהלט. נאר ערלויב מיר צו דערמאנען דיר מיין נאמען. מיט פיעלע יאהרען צוריק האב איך דיר אויך געגעבען א זאך, וואס דוא האסט ניט פעראכטעט צו נעהמען.

— איך שעהם זיך צו זאגען אז איך געדענק ניט, איך בין גרייט אומצוקערען דיר זיבען מאל אזוי פיעל פאר מיין פערגעסען.

— נאר פריהער הער אויס, וויא אזוי איך האב זיך היינט דערמאנט אן דעם פפאנד (משכון) וואס איך האב דיר געבראכט.

— א פפאנד וואס דוא האסט מיר אנפערטרויט? האט נאטהאן געפרעגט פערוואונדערט.

— מיט א צייט צוריק האב איך געלעבט ניט ווייט פון יריחו אבגעזונדערט פון דער וועלט, נאר דיא אראבישע רויבער זיינען איין טאג בעפאלען מיין הייזעל, וואו איך האב גאט געדיענט און האבען עס צובראכען און מיך אוועקגעשלעפט מיט זיך. מיר איז אבער געלונגען צו אנטלויפען פון זייערע הענד און בין געקומען צום פאטריארך און געבעטען איהם, ער זאל מיר אבגעבען אן אנדער שטילען ארט, וואו איך זאל קענען נאך דיענען ביז מיין טוידט.

— איך שטעה וויא אויף קויהלען, האט נאטהאן איהם איבערגעריסען. זאג מיר, גוטער ברודער, וואס פאר א פפאנד דוא האסט מיר א מאל אנפערטרויט.

— באלד, באלד, גוטער נאטהאן. דער פאטריארך האט מיר צוגעזאגט א פלאץ, נאר דערווייל האלט ער מיך ביי זיך און גיט מיר אזעלכע ארבייט, פון וועלכע איך בין זעהר ניט צופרידען, וויא א שטיינער......

— איך בעט אייך, זאגט מיר, וואס פאר א פפאנד האסטו מיר אנפערטרויט.

— היינט איז געשעהן אזא מין זאך. יעמאנד האט דעם פאטריארך איינגערוימט א סוד, אז ניט ווייט געפינט זיך א איד, וועלכער ערציהט א קריסטליך קינד אלס זיין אייגענע טאכטער.

— וויא? האט נאטהאן געפרעגט פערוואונדערט.

— הער מיך אויס אין גאנצען, האט דער מענך געענטפערט. ער האט מיך געשיקט, איך זאל זעהן אויסגעפינען יענעם אידען. ער איז שרעקליך אויפגעבראכט

ווייל ער רעכענט עס פאר'ן גרעסטען זינד געגען דעם היילינגען גייסט. פלוצים האט אין מיר ערוואכט מיין געוויסען, אז פיעלייכט האב איך אליין פעראורזאכט דיעזע זינד. געדענקסטו א ריטערשען דיענער, וועלכער האט מיט אכטצעהן יאהר צוריק דיר געבראכט א יונג מיידעלע צוויי וואכען אלט?

— ווירקליך......

— קוק זיך גוט צו צו מיר און דערמאן זיך. איך בין דאס געוועזן דער מאן, וואס איז געקומען רייטענדיג און געבראכט דאס קינד.

— ביזטו דאס געוועזן?

— יא, און דער הערר פון וועמען איך האב דאס קינד געבראכט איז געוועזן, ווארט נאמיר זיך דערמאנען, דער הערר פון פיכנעק, וואלף פאן פילנעק.

— ריכטיג, האט נאטהאן געענטפערט.

— דיא מוטער איז געוועזן ערשט געשטארבען און דער פאטער האט געמוזט פלוצים אברייזען נאך גאזא און האט דאס ארימע קינד ניט געקענט נעהמען מיט זיך און האט עס צוגעשיקט צו אייך, אנזאגענדיג מיר, אז איך זאל אייך אבזוכען אין דארון, ניט וואהר?

— יא.

— עס איז קיין וואונדער ניט, וואס איך האב פערגעסען. איך האב געדיענט ביי פיעלע הערען און ביי יענעם האב איך געדיענט נאר א קורצע צייט, ווייל ער איז באלד געפאלען אין אשקלון. ער איז געוועזן א גוטער הערר.

— א, יא, איך האב איהם אויך פיעל צו פערדאנקען, ווייל ניט איין מאל האט ער מיך גערעטעט פון שווערד.

—און דאריבער האסטו מיט אזא פרייד אויפגענומען זיין טאכטער. וואו איז זיא איצט? איך האף, אז זיא איז ניט געשטארבען. אייב קיינער ווייס פון איהר ניט איז נאך ניט אלעס פערפאלען. גלויב מיר, נאטהאן, איך וועל שווייגען, ווייל איך וויל ניט, אז עס זאל דא געשעהן שלעכטס. ווייל איך דענק, אויב דוא האסט גע־וואלט גוט ערציהען דאס קינד, האסטו איהר געדארפט ערציהען אלס דיין טאכ־טער. געוויס וואלט איהר געטהאן פיעל קליגער, ווען איהר וואלט איהר איבערגע־געבען צו א גוטער קריסטליכער פאמיליע, אום זיא זאל ערצויגען ווערען אין איהר איינענעם גלויבען, אבער דאן וואלסטו ניט געליעבט דיין פריינד'ס יתומה און קינ־דער מוזען האבען ליעבע, זאל עס זאגאר זיין דיא שטומע ליעבע פון א טהיער, אין דיא יונגע יאהרען איז דיא ליעבע נויטהיגער וויא דיא קריסטליכע רעליגיאן. פאר דעם וועט שטענדיג בלייבען צייט. און אויב זיא איז ביי דיר אויסגעוואקסען מיט א

פרומען געוויסען, האט זיא אין גאט׳ס אויגען גאר ניט פערלארען, ווייל דיא קריסט־ליכע רעליגיאן איז געבויט אויף דער אידישער.

— דוא, מיין גוטער ברודער, וועסט זיין מיין אדוואקאט, ווען דער פאנאטי־שער האס און היפאקריטיזם וועט זיך נעגען מיר אויפהויבען פאר א טהאט, וואס איך וועל נאר דיר אליין אנפערטרויען. זאל עס נאר בלייבען צווישען אונז ביידען. איך האב דאס נאך פאר קיין לעבעדיגען ווענען ניט געזאגט און פערטרוי נאר דיין איינפאכע פרומקייט. דאס איז געווען אין דארון, ווען דוא ביזט צו מיר געקומען מיט׳ן קינד, נאר דוא האסט ניט געוואוסט, אז בלויז מיט א פאר טעג פריהער האבען דיא קריסטען אויסגעשלאכטעט אלע אידען אין גת, זיי האבען ניט גע־שאנעוועט קיין פרוי און קינד. צווישען זיי האבען זיך אויך געפונען מיין פרוי און זיעבען זיהן. זיי האבען זיך אלע בעהאלטען אונטער מיין ברודערס דאך און מען האט זיי לעבעדיגערהייד פערברענט.

ביי נאטהאנען אין דיא אויגען האבען זיך געוויזען טרעהרען און דיא לעצטע ווערטער האט ער קוים ארויסגערעדט, אזוי ענג איז איהם געווארען אין האלז.

— אה, גוטער גאט! האט דער מענך אויסגעקרעכצט.

— דריי נעכט בין איך געלעגען אין שטויב און אין אש, האט נאטהאן פארט־געזעצט נאך א קורצע פויזע, פאר מיין בעשעפער. ציימענוויי האב איך איהם בע־שולדיגט, האב געשאלטען זיך און דיא גאנצע וועלט און האב געשווארען אויביגען האס און ראכע צו דיא קריסטען!

— אה, איך גלויב דיר.

— נאר ביסלעכוויז האט זיך מיר מיין פערשטאנד אומגעקעהרט און האט מיר געזאגט: „גאט איז גרויס, האף צו איהם און ער וועט דיר העלפען.“ איך וויים ניט וויא דאס איז געווען, נאר איך האב זיך פלוצים אויפגעהויבען און האב אויסגעשריען „גאט, איך וועל, איך וועל האפען, נאר העלף מיר אריבערטראגען!“ גראדע דאן ביזטו אריין אין שטוב און האסט מיר איבערגעגעבען דאס קינד איינ־געוויקעלט אין דיין מאנטעל. וואס דוא אדער איך האבען דאמאלס געזאגט, גע־דענק איך ניט איצט, נאר דאס געדענק איך, אז איך האב דאס קינד געקוסט, אנידערגעלייגט עס אויף׳ן בעט און געדאנקט גאט, וואס ער האט מיר איין קינד פון מיינע זיבען צוריקגעקעהרט.

— נאטהאן, דוא ביזט א קריסט! און קיין מאל איז קיין בעסערער פון דיר ניט געווען.

— בענש אונז גאט ביידען! האט נאטהאן געזאגט, ווייל דאס וואס מאכט

מיך אין דיינע אויגען פאר א קריסט, מאכט דיך אין מיינע אויגען פאר א אידען. נאר געגוג, עס איז צייט צו טהאן. און אבוואהל דאס פרעמדע קינד האט מיך אזוי שטארק צוגעבונדען צו זיך, אז ווען איך פערליר עס, פערליר איך צום צווייטען מאל מיינע זיבען זיהן, נאר אויב גאט וועט אזוי וועלען, וועל איך פאלגען. אבער אבגע־בען איהר וועל איך נאר צו יענעם, וועד עס האט א גרעסערע רעכט אויף איהר, וויא איך, נאר א בלוט-פערוואנדטען. זאג מיר, אויב דוא ווייסט וועמען פון איהרע בלוט-פערוואנדטע אין פון וואנען איהר פאטער האט געשטאמט.

— איך האב דיר שוין געזאגט, אז איך בין מיט איהם געווען צוזאמען נאר א קורצע צייט און איך וויים נים.

— געדענקסטו ניט איהר מוטער׳ס פאמיליענ-נאמען? זיא איז דוכט זיך גע־ווען א פאן סטויפען?

— פיעלייכט...... יא, דוא האסט רעכט, האט דער מענך געזאגט.

— קאנראד פאן סטויפען איז געווען איהר ברודער׳ס נאמען, ער איז געווען א טעמפעל-העדר.

— יא, יא, נאר ווארט, איך עראינער זיך. איך האב ערגעץ א ביכעל, וואס איך האב ארויסגענומען פון מיין העדר׳ס בוזים, ווען מיר האבען איהם בעערדיגט אין דער שטאדט אשקלון.

— נו?

— דארטען געפינען זיך פאפירען. דאס ביכעל איז געווען וואס מיר רופען א געבעט-בוך און איך האב געדענקט, אז עס קען צוניץ קומען פאר א קריסט—ניט מיר, ווייל איך קען נים לייענען.

— דערצעהל, דערצעהל ווייטער, האט נאטהאן געזאגט אונגעדולדיג.

— דיא ליידיגע זייטלאך פון דעם ביכעל זיינען געדיכט בעשריעבען און וויא מען האט מיר געזאגט, האט ער דארטען געשריבען וועגען זיך און איהר.

— נעה ניכער און ברענג דאס ביכעל. דוא ווייסט נים, וואס פאר א גליק דאס איז פאר מיר. איך וועל דיר בעצאהלען זיין וואג אין גאלד און מיט טויזענד דאנקע דערצו.

— מיט פרייד נעה איך, אבער געשריבען איז עס אין אראביש, האט דער מענך געזאגט.

— נעה, עס איז אלץ איינס, האט נאטהאן געזאגט.

— איך נעה, האט דער מענך געזאגט און איז געשווינד ארוים פון צימער.

— נאטהאן איז געבליבען זיצען אויף אן ארט און האט זיך נים א ריהר גע־

טהאן, א ביטערער נעדאנק האט איהם נעלעכערט אין מארך. ווער האט דאס גע־קענט נעהן צום פאטריארך? איהם האט איצט נעדוכט, אז זיינע זיבען קינדער אין דער געשטאלט פון רעבא רויבט מען ביי איהם ווידער אוועק. דיא איינציגע האפ־נונג איז נאר געבליבען אויפ'ן ביבעל, פיעלייכט מיט דער הילף פון דעם ביבעל וועט ער רעבא קענען איינהאלטען ביי זיך.

ווערענד ער איז אזוי נעזעסען פערזונקען אין זיינע טרויריגע גדאנקען, האט זיך דיא טהיר געעפענט און דאיא איז אריינגעקומען און האט מיט א פערצווייפעלטען טאן אויסגעשריען:

— נאטהאן!

— וואס? האט ער געפרעגט ערוואכענד.

— רעבא האט זיך איבערגעשראקען צום טוידט, א סטאפעט איז געקר־מען......

— פון דעם פאטריארך? האט נאטהאן געפרעגט און איז בלייך געווארען וויא קאלך.

ניין, פון דער פרינצעסין סיטטאה.

— ניט פון דעם פאטריארך?

— ניין, ניין, פון דער פרינצעסין. זיא וויל זעהן רעבאן.

— אויב סיטטאה האט געשיקט און ניט דער פאטריאך איז עפעס אנדערש.

— וואס פאלט אייך איין צו דענקען וועגען פאטריארך? האט דאיא גע־פרעגט פערוואונדערט.

— האסטו דיא לעצטע צייט פון איהם גאר ניט געהערט, האט נאטהאן גע־ענטפערט מיט א פראגע. האסטו איהם ערגעץ ניט געזעהן, ניט גערעדט מיט איהם?

— איך מיט איהר? האט דאיא געפרעגט פערוואונדערט.

נאטהאן איז ארויס פון צימער און איז אריין צו זיין טאכטער.

דאיא האט זיך געשראקען גאר פאר עפעס אנדערש. אלס א טאכטער פון זעהר א רייכען אידען קען רעבא זיין ניט קיין שלעכטע זאך פאר א מוסעלמאן און זיא האט איצט געפונען פאר נויטהיג צו ערקלערען רעבא'ן ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט, ווער זיא איז, אום זיא זאל וויסען וויא זיך צו האלטען.

אדער ערקלעהרען איהר איצט, אדער שוין קיין מאל ניט מעהר.

XV

אונטער די פּאלמען־בוימער האט דער ריטער שפּאצירט הין און צוריק און האט פון צייט צו צייט געווארפען טרויעריגע בליקען אויף דיא בעקאנטע פענסטער פון נאטהאנ׳ס הויז. וויא דיא צייט האט זיך געביטען. א מאל פלעגט מען איהם בע־מערקען אזוי ניך און אזוי גערן און איצט קען מען נאך פיעלייכט איהם שיקען זא־גען. אז ער זאָל זיך האלטען בעסער ווייטער פון הויז. נאר איז ער דען אליין בע־סער? פאר וואס ער איז אזוי אויפגעבראכט געוואָרען אויף נאטהאנען? נאטהאן האט איהם דערוויל נאך ניט ענטזאגט און פאר וואָס איז ער געלאָפען צום פּאטרי־ארך?

פלוצים האָט ער דערזעהן וויא פון הויז איז ארויסגעגאנגען נאטהאן מיט דעם בעקאנטען מענך און זיי האָבען געפיהרט אן ערנסטען געשפּרעך.

— אויב אזוי, ווייס ער שוין געווים אלעס! האט דער ריטער צו זיך גע־זאָגט.

דער ריטער האָט זיך אבגעקעהרט אום זיי זאלען איהם ניט בעמערקען. ער האָט געהערט וויא נאטהאן האט געזאָגט צום מענך:

— איך דאנק דיר נאך א מאל, גוטער ברודער.

— דעם זעלבען דאנק קעהר איך דיר אום, האט דער מענך געענטפערט. דאס ביכעל האט ניט בעלאנגט צו מיר און דאס געהערט נאר צו דער טאכטער, דאס איז דיא איינציגע ירושה, וואס איז איהר געבליבען פון איהר פאטער, איך מיין אויסער אייך. גאט זאל געבען, אז איהר זאלט קיין מאל ניט דארפען בערייהען פאר דיא גוטס וואס איהר האט פאר איהר געטהאָן.

— זארגט אייך ניט, איך וועל קיין מאָל ניט בערייהען, האט נאטהאן גע־זאגט.

— דיא פּאטריארכען אבער און דיא טעמפּעל־הערען....

— דיא פּאטריארכען און דיא טעמפּעל־הערען פערמאָגען ניט אזוי פיעל שלעכטס צו מאכען מיר בערייהען, וואס איך האָב געטהאָן. אָבער ביזטו זיכער, גוטער ברודער, אז א טעמפּעל־הערר העצט (רייצט) דעם פּאטריארך געגען מיר?

— קיין אנדערער קען ניט זיין, ווייל א טעמפּעל־הערר האָט מיט איהם גע־רעדט, איידער ער האָט מיר בעאויפטראגט אויסצוגעפינען דעם אידען.

— אָבער אין ירושלים איז נאָר דאָ איין טעמפּעל־הערר און דיזען קען איך, ער איז מיינער א פריינד. ער איז א יונגער, עדלער און אָפענער מאן.

— דאס איז דער זעלבער. אָבער וואָס איינער איז און וואס איינער מוז זיין אין דער וועלט איז א מאָל גאָר צוויי בעזונדערע זאכען.

— נאָר מיט דעם בוך, וואָס דוא האָסט מיר געבראכט, האָב איך פאר קיי־נעם קיין מורא ניט און איך געה מיט איהם גלייך צום סולטאן.

— זאָל דיר גאָט העלפען, האָט דער מענך געזאָגט. דאָ שיידען מיר זיך.

און מיט דיא ווערטער האָט זיך דער מענך גענומען אויף אַ בעזונדער וועג און איז אוועק.

דער ריטער האָט זיך געשווינד געלאָזט געהן נאָך נאטהאנען און גערופען:

— ווארט נאטהאן, נעהם מיך מיט!

נאטהאן האָט זיך אומגעקוקט און געזאָגט:

— הא! דאס זייט איהר? וואו זייט איהר דאס פערפאלען געוואָרען, ווען איך האָב מיט אייך געוואָלט געהן צום סולטאן?

— מיר האָבען אויסגעמיטען איינער דעם צווייטען. נאָר איך בין שוין ביים סולטאן געוועזן.

— האָט איהר שוין מיט איהם גערעדט? איך בין זעהר צופריעדען.

— יא, נאָר ער וויל ריידען מיט אונזביידען צוזאמען.

— זעהר גוט, איך געה איצט צו איהם, קומט צוזאמען, האָט נאטהאן גע־זאָגט.

— קען איך פרעגען, ווער עס האָט מיט דיר איצט גערעדט?

— קענט איהר איהם דען?

— יא, האָט ער מיט אייך ניט גערעדט וועגען מיר?

— וועגען אייך? ניין, ער קען אייך ניט ביי אייער נאמען.

— דאס וויים איך.

— ער האָט גערעדט וועגען א טעמפעל־העררי, וועלכער......

— וואס? וואס?

— אָבער ער האָט דאָך מיט דעם ניט געקענט מיינען נאָר אייך.

— ווער ווייס?

— ער האָט מיר געזאָגט, אז א טעמפעל־העררי האָט מיך פערקלאָגט פאר'ן פאטריארך.

— א י י ך פערקלאָגט? דאס איז ניט ריכטיג. נאטהאן, הערט מיך אויס, איך בין ניט דער מאן, וואָס וועט פערלייקענען א זאך, וואס ער האָט געטהאָן. איך בין דער טעמפעל־העררי, וועגען וועלכען דער מענך האָט אייך דערצעהלט. איהר ווייסט

וואס האט מיך אויפגעבראכט און מיין בלוט אויפגעקאכט. איך בין געווען גרייט אריינוואַרפען זיך מיט לייב און לעבען אייך אין די ארמס און איהר, נאטהאן, האָט מיר געענטפערט אזוי קאלט אזוי בעליידיגונג קאלט! איהר האט מיך געגר מען אויספאַרשען וועגען מיין יחוס—ניין, איך וועל בעסער וועגען דעם ניט ריידען, ווען איך וויל זיך האלטען רוהיג. און ווען איך בין אזוי געווען אויסער זיך פאר כעס איז דאיא געקומען צו מיר און מיר ענטדעקט א געהיימניס, וואס האט געוואַרפען א ליכט אויף אייער בענעהמען זיך.

— וויא אזוי?

— הערט מיך נאָר אויס. מיר האָט געשיינט, אז איהר ווילט ניט אוועקנע־בען א קריסט דאס וואס איהר האָט א מאָל ביי קריסטען צוגענומען. און מיר איז איינגעפאלען, אז איך קען מיט אייך מאכען קורץ און גוט.

— גוט! וואו שטעקט דאָ גוטסקייט? האט נאטהאן געפרעגט.

— איך גיב צו, אז איך האָב געהאנדעלט שלעכט. איהר זייט גאָר ניט שול־דיג, דיא נאַרעשע דאיא וויים ניט וואס זיא רעדט, זיא האט אויף אייך א הארץ און וויל אייך פערוויקלען אין א שלעכטען האנדעל. עס קען זיין, עס קען זיין! נאָר איך האָב געהאנדעלט שלעכט, נארעש און איהר, נאטהאן, פערצייהעט מיר. איך בין אוועק צום פּאַטריאַרך, אָבער איך האָב אייער נאמען ניט דערמאַנט. דאס האט דער מענך פאלש געזאָגט. איך האָב נאָר אין אלגעמיין דערצעהלט אזא פאַל! אבער זיין שורקעריי האט מיך געבראכט צו זיך. איצט הערט מיך אויס, אויב ער וועט אויסגעפינען אייער נאמען קען ער רעבאן נאָר פון אייער הויז אוועקשלעפען אין קלויסטער. אלזא, גיט איהר מיר איבער! און זאָל ער קומען צו מיר! איך וואָלט וועלען זעהען, ער זאל צו מיר קומען אוועקנעהמען מיין ווייב! גיט איהר צו מיר איבער, זאל זיא זיין אייער טאכטער אדער ניט, זאל זיא זיין א אידיש קינד אדער א קריסטין, עס איז פאר מיר אלץ איינס. איך וועל זאגאר ביי אייך קיין מאָל ניט פרעגען ווער זיא איז.

— איהר קענט דענקען, האט זיך נאטהאן אנגערופען, אז מיר איז זעהר נויטהיג צו פערבארגען דיא ווארהייט?

— מיר נעהם עס ניט אן.

— איך האב נאך פאר קיינעם, וואס האט זיך אינטערעסירט צו וויסען, קיין מאָל אבגעלייקענט אז זיא איז א קריסטין. איהר געבורט האב איך נאָר פערבאר־גען פון איהר און דאריבער דארף איך נאָר ביי איהר בעטען אום ענטשולדיגונג.

— איהר דארפט עס ניט טהאן, וויל דיא ענטדעקונג וועט איהר קיין פער־

גנינגען פערשאפפען. דערוייל בעלאגנט זיא צו אייך און קען אזוי בלייבען אייערע; ניט איהר מיר איבער, ווייל איך אליין קען איהר פאר אייך רעטען צום צווייטען מאל.

— יא, איהר האט געקענט, אבער איצט איז צו שפעט, האט נאטהאן גע־אנט.

— פאר וואס איז איצט צו שפעט?

— א דאנק דעם פאטריאך.

— פאר וואס קוממט איהם א דאנק?

— ווייל צוליעב איהם האב איך אויסגעפונען ווער איהרע נעהענטסטע פער־וואנדטע זיינען, אין וועמעס הענד איך קען איהר זיכער איבערגעבען און פון דאר־טען וועט איהר שוין מוזען איהר ערהאלטען און ניט פון מיר.

— ארעמע רעבאו וואו זיינען זיי?

— עס האט זיך פאר איהר אבגעזוכט א ברודער, צו וועמען איהר וועט זיך מוזען ווענדען, האט נאטהאן געזאגט.

— א ברודער! און ווער איז ער? א סאלדאט אדער א גייסטליכער?

— מיר דוכט, אז ער איז ניט קיין סאלדאט און ניט קיין גייסטליכער. ווער ער איז קען איך זיכער ניט זאגען.

— און וויא איז ער זאנסט? האט דער ריטער געפרעגט נאך א קורצע פויזע.

— אזוי איז ער א בראוווער מאן. רעבאן וועט זיין גאנץ גוט ביי איהם.

דער ריטער האט א ווײלע נאטהאנען אנגעקוקט פערוואונדערט און גע־זאגט:

— קימערט עס אייך אזוי ווייניג, אז איהר קענט אזוי רוהיג ארויסזאגען, אז רעבא'ן וועט זיין גאנץ גוט ביי איהר ברודער?

— אזוי דענק איך, אזוי וועניגסטענס האף איך, און אויב איהר וועט ביי איהם ניט זיין אזוי גוט—וואו זיינען מירביידע אין דער וועלט?

זיי זיינען ביידע געבליבען א ווײלע שטיל.

— ווייס זיא שוין וואס עס קומט פאר? האט דער ריטער געפרעגט.

— מעגליך אז זיא ווייס, נאר איך ווייס ניט פון וואנען.

דער ריטער האט זיך אבגעשטעלט און געזאגט:

— אויב אזוי, געה איך צו איהר און וועל איהר בעקאנט מאכען מיט דעם, וואס דא קומט פאר.

— דיין גאנג ועט זיין אומזיסט, ווייל זיא איז איצט ניטאָ אין דער הי׳
האט נאטהאן גענאָגט.

— וואו איז זיא?

— זיא איז אוועק צו פרינצעסין סיטטאַה.

— ווען און צוליעב וואס?

— דאָרטען וועט זיין איהר ברודער אויך.

— וועמעס ברודער? רעכא׳ס אָדער סיטטאַה׳ס?

— מעגליך אז ביידענס, האט נאטהאן גענטפערט. קומט מיט מיר, קומט!

און נאטהאן מיט׳ן ריטער האָבען זיך געלאָזט געהן צום פּאלאַץ.

XIV

דאיא איז גענאנגען בעגלייטען רעכאן צום סולטאנ׳ס פּאלאַץ. דאיא האט זיך בעשלאָסען, אז איצט איז דיא גינסטיגע צייט צו ענטדעקען איהר פון וואנען זיא קומט ארויס. זיא האָט שוין עטליכע מאָל געעפּענט דאס מויל און געוואָלט איהר זאָגען, אָבער זיא האָט קיין ווערטער ניט געפונען. ענדליך זיינען זיי צוגעקור-מען צו אן איינגעפאלענעם קלויסטער. דא האט זיך דאיא אבגעשטעלט.

— וואס איז דיא אורזאכע? האָט רעכא געפרעגט.

דאיא האט ניט געענטפערט. אין הארצען האט זיך ביי איהר אָנגעהויבען א שרעקליכער קאמפף: „זאגען אָדער ניט?" זיא האט אויפגעהויבען איהרע נאסע אויגען צום הימעל, דערנאָך אראָבגעלאזט זיי אויף רעכא׳ן און געזאגט:

— קום, נאָמיר דורכגעהן דורך דעם טעמפּעל.

— דאיא איז געגאנגען פאראויס און רעכא נאָך איהר. זיי זיינען געגאנגען שטיל. פּלוצים האט זיך דאיא אבגעשטעלט, איז פאר איהר אויף דיא קניע געפאַ-לען, האט פערבראָכען דיא הענד און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האט זיא איהר גענומען בעטען, זיא זאָל איהר פערצייהען, וואס זיא איז געצוואונגען צו ענטדעקען איהר א געהיימניס, וועלכע וועט איהר פּיעלייכט קיין פערגניגען ניט פערשאפען. און דא האט דאיא איהר דערצעהלט, אז נאטהאן איז ניט איהר פאטער, אז זיא איז א געבוירענע קריסטין.

רעכא איז געבליבען שטעהן וויא פון דונער געטראפען און האט ניט געקענט א ווארט אייסריידען. שפּעטער א ווייל, ווען דיא פאראליזירטע געדאנקען האבען

איז איהר אויפגעוואכט, האט זיא גענומען צווייפלען אין דאיא'ס ווערטער. איז דאס מעגליך? איז דאס מעגליך, אז נאטהאן איז נישט איהר פאטער? ניין, דאס קען נישט זיין. דאס מוז זיין א טרוים. נאר דאס איז פארט נישט געווען קיין טרוים און זיא קען דאיא: דאיא וועט קיין ליגען נישט זאגען.

איצט איז זיא ארויסגעפאלען דאיא'ן אויפ'ן האלז און האט זיך צוואויינט. דאיא האט איהר מיטגעהאלפען וויינען. א היבשע צייט זיינען זיי אזוי געשטאנען און געוויינט. ענדליך האט רעבא דעם קאפ אויפגעהויבען, האט אויסגעווישט דיא טרעהרען און געזאגט מיט א רוהיגע שטימע:

— אויב ביי געבורט בין איך נישט זיינע א טאכטער, מעג איך זיין זיינע א טאכטער ביי ערציהונג. איך ליעב איהם נישט ערגער וויא איך האב איהם געליעבט ביז איצט.

דאיא האט אויף דעם גאר נישט געענטפערט און זיי זיינען ביידע ארויס פון טעמפעל און האבען פארטגעזעצט זייער וועג צום סולטאן'ס פאלאץ.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פאלאץ, האט זיך דאיא אומגעקעהרט א היים און רעבא איז אריין אינעווייניג.

איהר געזיכט איז געווען זעהר טרויעריג, ווען מען האט איהר צוגעפיהרט צו פרינצעסין סיטטאה.

— וויא מיך פרייט צו זעהן דיך, זיסעס מיידעל! האט סיטטאה געזאגט. נאר זיי נישט אזוי פערקלעמט! טרייסטעל אראב דעם טרויער פון דיין שעהנעם גע־זיכט! זיי מעהר פערטרויטער!

— פרינצעסין, האט רעבא אנגעהויבען צו ריידען, אבער סיטטאה האט איהר גלייך איבערגעריסען:

— ניין, ניין, נישט פרינצעסין! רוף מיך סיטטאה, שוועסטער, פריינדין אדער נאר בעסער טאנטע, ווייל איך האב שוין שיער געקענט זיין. אזוי יונג! אזוי שעהן! אזוי קלוג! אזוי פרום! דוא ווייסט פיעל און דוא האסט פיעל געמוזט לעזען!

— איך געלעזען? דוא שפאסט, סיטטאה, פון דיין שוועסטער, האט רעבא געענטפערט. איך קען קוים לעזען.

— דוא קענסט קוים, דוא קליינע ליגנערקע!

— מיין פאטער'ס האנדשריפט קען איך נאך לעזען, אבער איך האב געמיינט אז דוא רעדסט פון ביכער.

— געוויס אזוי, געוויס האב איך גערעדט פון ביכער.

— ביכער איז מיר ווירקליך שווער צו לעזען.

— דוא מיינסט עס ערנסט?

— גאנץ ערנסט. מיין פאטער האסט דיא קאלטע ביכער, וואס מאכען נאר מיט זייערע טוידטע בוכשטאבען אן איינדרוק אויף'ן מארך.

— וואס רעדסטו? האט סיטטאה געזאגט. ער איז ניט אונגערעכט אין דעם. אלזא דאס ביסעל וואס דוא ווייסט....

— וויס איך נאר פון זיין מויל און ביי דיא מייסטען קען איך דיר נאך זא־גען ווען? וואו? און ווארום? ער האט מיר געלערנט.

— אזא לערנען קלעבט זיך בעסער אן און דערביי ארבייט דאס גאנצע זעעלע.

— געוויס האט סיטטאה אויך וועניג געלעזען, האט רעבא בעמערקט.

— פאר וואס דענקסטו אזוי? איך האב אין געגענטהייל, געלעזען, נאר איך בין מיט דעם ניט שטאלץ,—אבער זאג מיר, ווארום דענקסטו אזוי, זיי דרייסט.

— וויל מיין פאטער זאגט, אז ביכער נעהמען אוועק דיא נאטירליכקייט און דוא ביזט איינפאך און ניט געקינצעלט.

— דיעזעלבע וואס דיין פאטער איז!

— ניט וואהר?

— וויא שארף ער טרעפט אימער אריין אין ציעל.

— ניט וואהר? און דיעזען פאטער, האט רעבא אנגעהויבען, אבער טרעהרען האבען איהר זיך געשטעלט אין דיא אויגען און זיא האט ניט געקענט ריידען ווי־טער.

— וואס איז דיר ליעבע?

— דיעזען פאטער, האט רעבא ווידער אנגעהויבען און דיא טרעהרען האבען איהר ווידער ניט געלאזט ארויסריידען, וואס זיא וויל.

— מיין גאט! דוא וויינסט? האט סיטטאה אויסגעשריען.

— דיעזען פפאטער....

— וואס איז דיר געשעהן, מיין קינד!

רעבא האט זיך מיט א געוויין א ווארף געטהאן צו איהרע פיס און האט יא־מערנדיג ארויסגערעדט:

— און דיעזען פאטער האלט איך ביים פערלירען....

— דוא? פערליערען? איהם? האט סיטטאה אויסגעשריען. זיי רוהיג און הויב זיך אויף! דוא טארסט איהם ניט פערלירען.

— אָה, סיטטאה! איהר האט מיר אנגעבאָטען צו זיין מיין שוועסטער, איהר זאָלט ניט דערלאָזען, אז מען זאָל מיר אן אנדער פאטער ניט אנוואַרפען!

— אן אנדער פאטער אָנוואַרפען! ווער וויל דאס טהאן און ווער קען דאס גאר ווינשען צו טהאן, רעבא?

— מיין גוטע, בייזע דאיא—זיא קען דאס ווינשען, ווינשט עס און זיא קען דאס טהאן. דוא קענסט דיא גוטע, בייזע דאיא'ן ניט. גאָט, פערגיעב איהר! זיא האט מיר געטהאן אזוי פיעל גוטעס און אזוי פיעל בייזעס!

- אויב זיא האט דיר פיעל בייזעס געטהאן, האט זיא דיר פיעל גוטעס ניט געקענט טהאן.

— ווער איז זיא?

— א קריסטין און האט מיר געדיענט אלס א צווייטע מוטער, אָבער זיא האָט מיר אויך פיעל לייד פערשאפט, זיא האָט מיך פיעל געקוועלט.

— אבער וואס? ווארום? וויא? האָט סיטטאה געברענגט.

— אָה, דיא ארימע פרוי איז א קריסטין. זיא האָט מיר ליידען פערשאפט אוים ליעבע. זיא בעלאנגט צו יענע, וועלכע דענקען אז נאָר זיי ווייסען דעם אמת'ן וועג צו גאָט.

— איך פערשטעה דיך.

— און זיא האָט געפיהלט, אז זיא איז פערפליכטעט יעדען איינעם צו פיה־רען אויף דעם וועג און אויב יענער וויל ניט, דארף מען איהם שלעפען מיט געוואלד. איך האב דאס אלץ אריבערגעטראָגען געדולדיג, ווייל איך האָב געזעהן אין דעם א צייכען פון ליעבע צו מיר, און איך האָב געזעהן, אז זיא קען ניט דערלאָזען דעם געדאנק, אז זיא זאָל זיך וועָן עס איז, זאָל זיין נאָכ'ן טוידט, שיידען זיך מיט מיר, נאָר איצט איז זיא אוועק אזוי וויים, אז איך קען שוין מעהר ניט דולדען.

— וואס האָט זיא געטהאָן?

— מיט א פאָר מינוט פאר מיין קומען צו אייך האָט זיא מיר אויף דיא קניע און מיט טרעהרען אין דיא אויגען ערקלערט, אז איך קום ארוים פון קריסט־ליכע עלטערן און בין געטויפט, און נאטהאן איז ניט מיין פאָטער. גאָט גערעכטער! ער איז ניט מיין פאָטער? סיסטאה, סיטטאה, ערלויבט מיר צו פאלען אייך צו דיא פיס!

און מיט דיא ווערטער איז זיא ווידער געפאלען דיא פרינצעסין צו דיא פיס.

— הויב זיך אויף! מיין ברודער קומט! רעכא, הויב זיך אויף, איך בעט דיך!

— זיא איז פערצווייפעלט.

— ווער איז זיא? האט ער געפרעגט.

— דוא ווייסט ווער, האט סיטטאה געענטפערט.

— איז דאס נאטהאנס טאָכטער? וואס איז איהר געשעהן?

— קינד, קום צו זיך! דער סולטאן איז דאָ! האָט סיטטאה געזאָגט צו רעבא.

רעבא, ניט אויפהייבענדיג זיך פון דער ערד, האָט זיך געווענדעט צום סול־טאן:

— איך וועל ניט אויפשטעהן פון דער ערד, איידער ער וועט מיר פערשפרע־כען....

— — הויב זיך אויף! האָט דער סולטאן געזאָגט. איך פערשפרעך דיר נאָך פריהער וויא דוא בעטסט....

— איך בעט ניט מעהר און ניט וועניגער, אז מיין פאָטער זאָל מען מיר אי־בערלאָזען און מיך מיין פאָטער. דערווייל וויים איך נאָך ניט, ווער פערלאַנגט צו זיין מיין פאָטער, נאָר איך וויל דאס אויך ניט וויסען. מאכט נאָר דאס בלוט דעם פאָטער? נאָר בלוט אליין?

סאלאדין האָט איהר אויפגעהויבען און געזאָגט:

— ווער איז דאס געווען אזוי גרויזאם אריינצואווארפען אין דיין הארצען אזא פערדאכט? איז דאס דען שוין דערוויזען?

— עס איז מעגליך, אז דאס איז אזוי, ווייל דאיא האָט עס געהערט פון מיין אם, ווען זיא האָט געהאלטען ביים שטארבען.

— עס קען זיין, אז דיין אם האָט גערעט פון היץ, און ווידער דוא ביזט גע־רעכט, בלוט אליין מאכט נאָך ווייט ניט דעם פאָטער. נאָר קלעם זיך ניט. אויב צוויי פאָטערס שטרייטען צוליעב דיר, לאָז זייביידען אוועק און נעהם א דריטען. נעהם מיך פאר דיין פאָטער.

— אָה, טהו עס! טהו עס! האָט סיטטאה געזאָגט.

— איך וועל זיין א גוטער פאָטער—נאָר ווארט, איך האָב א בעסערן פּלאַן. וואס דארפסטו איבערהויפּט דיא פאָטערס? א פאָטער שטארבט, קלייב בע־סער אויס א בעגלייטער אין לעבען. קענסטו אזא מאן?

— סאלאדין! האָט סיטטאה געזאָגט. מאך איהר ניט רויט.

— איך האָב זיך דאס פאָרגענומען צו טהאָן. א העסליכע ווערט שעהן ביים רויט ווערען און א שעהנע ווערט נאָך שעהנער. איך האָב געבעטען נאטהאנען ער

זאָל קומען אהער, אויך האָב איך אהער פערבעטען א צווייטען — קענסטו טרעפען וועמען?

— ברודער! האט סיטטאה געזאגט מיט א טאָן, מיט וועלכען מען בעט שטיל צו ווערען.

אין דער מינוט האט א שקלאוו געמעלדעט, אז נאטהאן און דער ריטער ווילען איהם זעהן.

— היים זיי אריינקומען, האָט סאלאדין געזאגט.

נאטהאן און דער ריטער זיינען אריינגעקומען.

— אה, מיינע גוטע ליעבע פריינד! האט סאלאדין זיי בעגעגענט. פריהער פון אלץ מוז איך דיר, נאטהאן, זאגען, אז דיין געלד קענסטו איצט בעקומען צוריק. דער קאראוואן פון עגיפטען איז שוין אנגעקומען און איך בין איצט פיעל רייכער ויא געוועזן.

— סולטאן! ווארום זאלען מיר ריידען פריהער פון אזא קלייניגקייט? איך זעה אין רעכא'ס אויגען טרעהרען און מיר איז פיעל וויכטיגער איהר דיא טרעהרען אויסצואווישען.

נאטהאן איז צוגעגאנגען צו רעכא און האט צו איהר געזאגט:

— דוא האסט געוויינט? וואס פעהלט דיר? דוא ביזט נאך מיין טאכטער?

— פאטער מיינער!

— גענוג, מיר פערשטייען זיך, האט נאטהאן געענטפערט צופריעדען. זיי רוהיג, ווען דיין הערץ געהערט נאך דיר וועסטו דיין פאטער ניט פערלירען.

— מיין הערץ געהערט מיר, האט רעכא געענטפערט.

— אויב אזוי בין איך געוועזן גענארט אין מיין רעכנונג, האט דער ריטער ביטער אויסגעשריען. איצט איז אויס! סאלאדין, מיר זיינען געקומען אהער אויף דיין בעפעהל. אבער דיין ארבייט וועט זיין אומזיסט, און בעמיהע זיך בעסער ניט.

— דוא האסט א היציגען קאפ, יונגער מאן! האט סאלאדין געזאגט צום ריטער דוא דארפסט ניט ערווארטען, אז יעדע זאך זאָל דיר קומען אנטקעגנען.

— דוא הערסט דאך אבער, סולטאן, וואס דא קומט פאר, האט דער ריטער געזאגט.

— שלעכט גענוג, האט סאלאדין געענטפערט און איז נעהענטער צוגעגאנגען צו רעכא און האט איהר אנגענומען פאר דער האנד, אום צו פיהרען איהר צום ריטער:

— קום, האט ער צו איהר געזאגט. רעכען זיך מיט איהם ניט אזוי. ווען ער

זאל ניט זיין אזוי ווארעם און שטאלץ, וואלט ער דיך פון פייער ניט געראטעוועט. קום, און זאג איהם, אז דוא ליעבסט איהם.

— נעה, ליעבע, האט סיטטאה זיך ארייננעמישט און האט איהר אויך אנ־גענומען פאר א האנד. טהו עס אויס דאנקבארקייט צו איהם!

— ווארט, סאלאדין! ווארט, סיטטאה! האט נאטהאן אויסגעשריען.

— אה, דוא אויך? האט סאלאדין געזאגט צו איהם.

— דא האט נאך איינער עפעס צו זאגען.

— געוויס, איך האב גאר ניט געדענקט אנדערש, האט דער סולטאן געזאגט. דוא האסט דיא ערשטע שטימע.

— איך רייד ניט פון מיר, האט נאטהאן געזאגט. איך רייד גאר פון אן אנדערען.

— ווער איז דער אנדערער?

— רעבכא'ס ברודער.

— רעבכא'ס ברודער? האט דער סולטאן געפרעגט פערוואונדערט.

— יא.

— מיין ברודער? האט רעבכא אויסגעשריען. האב איך דען א ברודער?

— וואו איז ער דער ברודער? האט דער ריטער געפרעגט אין כעס. איהר האט מיר דאך געזאגט, אז מיר וועלען איהם דא טרעפען.

— האט נאר געדולדה, האט נאטהאן געענטפערט.

— אז ער האט פאר איהר א פאטער געפונען, איז איהם דען שווער אבצוזו־כען פאר איהר א ברודער? האט דער ריטער געזאגט מיט א ביטערקייט.

— מיין ברודער אססאד וואלט אזא נידריגען פערדאכט קיין מאל ניט גע־בראכט פאר זיינע ליפען, האט דער סולטאן געזאגט.

— פערצייהע איהם! האט נאטהאן געזאגט. איך פערצייהע איהם גערן. ווער וויים, וואס מיר אויף זיין פלאץ וואלטען געטראכט.

נאטהאן האט זיך געווענדעט צום ריטער און געזאגט:

— זאגט מיר פריהער אייער וואהרען נאמען.

— וויא? האט דער ריטער געפרעגט.

— איהר זייט ניט קיין סטויפען.

— ווער דען בין איך?

— אייער נאמען איז ניט קורט פאן סטויפען.

— וויא דען איז מיין נאמען?

— איהר הייסט לעאו פאן פילנעק.

— וויא ?

— איהר וואונדערט זיך ?

— יא, אבער ווער זאגט עס ?

— איך ; און איך קען אייך זאגען נאך פיעל מ'זהר. איהר האט א רעכט אויך צו טראגען אייער צווייטען נאמען, ווייל אייער מוטער האט געהייסען סטויפען אייער פעטער דאס הייסט אייער מוטער'ס ברודער, וועלכער האט אייך ערצויגען און וועלכען דער שלעכטער קלימאט האט פערטריעבען פון דייטשלאנד אהער, האט געהייסען קורט פאן סטויפען. מעגליך, אז דער פעטער האט אייך צוגענומען אלס זיין זוהן.

— אלץ גוט, האט דער ריטער איהם איבערגעריסען אונגעדולדיג, אבער וואס האט עס צו טהאן מיט רעכא'ס ברודער ?

— האט א ווייכע נעדולד. אייער פאטער....

— וויא ? מיין פאטער האט איהר אויך געקענט ?

— ער איז געוועזען מיין פריינד.

— ער איז געוועזען אייער פריינד ? איז עס מעגליך ?

— ער האט געהייסען וואלף פאן פיכנעק ; אבער ער איז ניט געוועזען קיין דייטש און איז נאר אויף א קורצע צייט נאכגעפאהרען אייער מוטער אין דייטש-לאנד......

— רעדט ניט וויטער, איך בעט אייך ! האט דער ריטער אויסגעשריען. אבער רעכא'ס ברודער ?

— דאס זייט איהר ! האט נאטהאן געענטפערט.

— איך ? איך בין רעכא'ס ברודער ?

— ער מיין ברודער ? האט רעכא פון איהר זייט אויסגעשריען.

זיא האט זיך א ווארף געטהאן צו איהם און האט געוואלט פאלען איהם אויפ'ן האלז, אבער ער איז אבגעטראטען אהינטער.

— איהר ברודער ? האט דער ריטער קוים אויסגערעדט.

— דאס קען ניט זיין ! האט רעכא פון איהר זייט געזאגט. זיין הערץ ווייס ניט דערפון. א, מיין גאט ! מיין גאט !

— אזא שוועסטער ווילסטו ניט ערקענען ? האט דער סולטאן געזאגט צום ריטער.

דער ריטער איז דערוויל געקומען צוא זיך פון זיין איבערראשונג און האט געמירמעלט.

— פערצייהעט, פערצייהעט!

דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו נאטהאנען:

— אָ, איהר האט מיר געגעבען מעהר, וויא איהר האט פון מיר אוועקגענומען!

און מיט דיא ווערטער איז ער ארויפגעפאלען רעבא'ן אויפ'ן האלז:

— מיין שוועסטער! מיין שוועסטער!

— איהר נאמען איז בלאנדא פאן פילנעק, האט נאטהאן געזאגט.

— בלאנדא און ניט רעבא? זיא איז שוין ניט מעהר אייער רעבא? איהר זאגט זיך אב פון איהר צוליעב מיר? א, נאטהאן, נאטהאן! פאר וואס זאל זיא צוליעב מיר ליידען?

— וואס מיינט איהר האט נאטהאן געפרעגט. אָה, איהר ווילט זיין ביידע מיינע קינדער! געוויס, געוויס, מיין טאָכטער'ס ברודער איז אויך מיין קינד.

דער ריטער איז נאטהאנען ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז.

— וואס זאגסטו צו דעם? האט סיטטאה געפרעגט איהר ברודער.

— איך ציטער ביים געדאנקען, אז דאס געהיימניס איז נאך ניט אין גאנצען ענטדעקט, האט סאלאדין געענטפערט און איז צוגעגאנגען צו נאטהאנען. ער האט איהם אבגעפיהרט אן א זייט און געפרעגט:

— דוא האסט געזאגט, אז איהר פאטער איז ניט געווען א געבאָרענער דייטש. וואס דען איז ער געוועזען?

— ער האט דאס מיר ניט דערצעהלט, האט נאטהאן געענטפערט.

— אָבער ער איז ניט געווען קיין וועסט-פראנקישער?

— ניין, ניין. דאס האט ער מיר געזאָגט. ער האט ליעבער געהאט צו ריידען פערסיש.

— פערסיש? האט סאלאדין אויסגעשריען. מעהר ברויך איך ניט צו וויסען. דאס איז ער, ער, מיין ברודער געווען.

— אויב דוא אליין האסט עס אויסגעפונען, זאיי זיכער, אז דוא האסט קיין טעות ניט געמאכט האט נאטהאן געזאגט. דוא וועסט עס אויסגעפינען אין דעם בוך.

און מיט דיא ווערטער האט נאטהאן ארויסגעצויגען פון טאש א בוך און האט עס איבערגעגעבען דעם סולטאן.

סאלאדין האט מיט ציטערענדע הענד גענומען דאס בוך און האט עס דורכ־געבלעטערט:

— זיין, זיין האנד־שריפט.

ער האט א ווייל געלעזען, וואס זיין ברודער האט געשריבען און האט גע־מורמעלט:

— ניט צו דערקענען מיין ברודער'ס קינדער! איך זאל זיי ניט דערקענען! דאס זיינען זיי! אָ, סיטטאה! ביידע זיינען מיין.... דיין ברודער'ס קינדער.

— וואס הער איך? האט סיטטאה אויסגעשריען אויסער זיך.

סיטטאה, האט זיך צוקושט מיט רעבא און דערנאך מיט'ן ריטער, און רעבא איז געפאַלען אויפ'ן האלז סאלאדינען.

— מיין זוהן! מיין אססאד, מיין אססאד'ס זוהן, האט געמורמעלט, ארומ־נעהמענדיג דעם יונגען ריטער.

— אלזאָ זיינען דיא חלומות, מיט וועלכע מען האט מיך אין דער קינדהייט פערוויגט גאר ניט קיין חלומות. איך בין דיין בקוטו! האט דער ריטער געענטפערט.

— און זעה, דוא האסט דאך דערפון עפּעס געוואוסט, האט דער סולטאן געזאגט צום ריטער, און דאך ווען מען האט דיך גענומען געפאנגען, האסטו מיך געוואָלט מאכען פאר דיין מערדער. ווארט! איך וועל זיך מיט דיר אָברעכענען דערפאר!

ע נ ד ע.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אונד צייטונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אברא־מאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אי־דישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי׳ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג אליין איבערשטייגט אללעס וואס ער האט פאהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע“ אונד „פישקע דער קרומער“ עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לע־זען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

נאנא, א שילדערונג פון א געפאלענע פרויענצימער וועלכע מאכט דורך אללע
שטופען פון אן אויסגעלאסענעם לעבען, אנגעפאנגען פון אַן איינפאכע
שטראסען מיידעל ביז א בלענדענדע וועלט־דאמע, פיר וועלכע פירסטען
פרינצען, גראפען און באנקירען פאלען צו איהרע פיס ווען זייא קומען
מיט איהר אין בעריהרונג, 35

נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן, א שילדערונג וויא אזוי א יונגע
און וואונדערשעהנע מעדכען איז געפאלען צו דער געמיינהייט פון א פער־
פיהרער, 10

פערגיפטעטער קוס, א שילדערונג וועלכע איז אינטערעסאנט, שפאנענד
און ריהרענד און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואס
זאלא האט געשריעבען, 25

דיא פאריזער דאמען, אין דיעזען בוך עפענט עמיל זאלא דיא אויגען פון
פיעלע דומע מענער, וואס בעהויפטען אז אונטער טויזענד פרויען גיבט
קיין איינציגע אַ רעכטע. צו זעהן גראדע דעם געגענטהייל, אז אונטער
טויזענד פרויען קען מען געפינען א סך רעכטע, ווערענד אונטער טוי־
זענד מענער קען מען ניט געפינען קיין איינציגען א רעכטען, 10

פון חופה צום קבר, אין דיעזען בוך ווערט בעשריעבען דיא גרויסע וועלט
שטאדט פאריז אין אייערע ריכטיגע פארבען, דיא דונקעלסטע פלעטצער,
וויא אויך דיא רייכסטע סאלאנען וואו דיא שטאלצע אריסטאקראטען,
מיט זייער גאנצער פערדארבענהייט, טהוען אָפּ דיא שענדליכסטע גוואלד
טהאַטען, 10

פרויען־ליעבע, א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון א פרויענצימער און
דיא אנציהונגען צו איהר מאן וועלכע אונטערליעגען מערקווירדיגע
ווענקסלונגען. דער געניאלער עמיל זאלא בעווייזט וויא אזוי א פרוי־
ענצימער איז אימשטאנדע צו ליעבען ניט נור איין מאן, עס איז אונגע־
פעהר א בילד פון פּאָליאנדריע, (פיעל מענערייא), גראדע וויא עס איז
און פאלינאמיע (פיעל ווייבערייא), 10

עמיל זאלא'ס קלאסישע ווערקע.

בעארבייטעט אין אידיש פון

ד. מ. הערמאלין און אנדערע בעריהמטע אידישע שרייבער.

בלוטיגע חתונה, אדער דיא שלאכט ביי דער מיהל, א מייסטערהאפטע שילדערונג איבער דיא שרעקליכקייטען פון א מלחמה, 10

א גלח'ס זינד, א שילדערונג איבער דיא העכסטע ליעבעס־גפיהל אין דעם קאמפף מיט דיא פינסטערע געדאנקען, 10

דיא דארפס־מיידעל, א רעאליסטישע שילדערונג איבער מעדכען־אונשולד און מענער פערדארבענהייט, 10

דער ווייבערשער גן־עדן, דאס איז א בוך וואס האט געמאכט דעם גרעסטען סענזאציאן אין אללע וועלט־שפראכען און איז פערקויפט געווארען אין דיא הונדערט־טויזענדע עקזעמפלארען, 25

זשערמינאל אדער נאנאנס ברודער, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט נאטור־טרייא דאס לעבען און ווירקען פון דער ארבייטער־קלאסע און דער קאמפף פיר זייער עקזיסטענץ, דאס איז דער גרעסטער און בעסטער ראמאן וואס עמיל זאלא האט אויפגעשריבען, 40

טויט שלעגער אדער נאנאס מוטער, אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט וויא אזוי „נאנא" וועלכע איז געוועזען איין איינפאכע מיידעל פון פראסטע עלטערן, איז געקומען צו דער שטופע פון א בלענדענדער וועלט־דאמע, 80

דיא ליעבעס נאכט, דיעזער בוך דעקט אפ דעם שלייער פון דיא פרומע נשמות פון דער אריסטאקראטיע און צייגט אונז וויא אונטער דער מאסקע פון רעליגיאן ליעגט בעהאלטען א וועלט מיט שמוטץ, אויסגעלאסענהייט און פערדארבענהייט, 10

לעבען און טויט, א שילדערונג איבער דיא געפיהלע פון היהנער־פלעט און וויא עס שמעקט בעגראבען צו ווערען לעבעדיגערהייט, 10

דיא מענשליכע בעסטיעס, אין דיעזען בוך צייגט אונז עמיל זאלא דיא בעסטיע אין מענשען־געשטאלט, דיא בלוט בעפלעקטע הענד פון פראנקרייך'ס פאלק און דיא מיט שמוטץ און עקעלהאפטע מאסקע וואס פראנקרייך'ס גרויסע לייטע טראגען.

אלעגזאנדער'ס מעטהאדע

פון אלכסנדר הארקאווי,

איז א ניצליכער בוך גרינגדליך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראכע

א בוך פון 600 זייטען,

זיין ריכטיגער פרייז אין אללע שפראכען איז 3 דאלאר,

אין אידיש נור 125 דאלאר

אלעגזאנדער'ס מעטהאדע איז אנערקענט אין דער גאנצער וועלט פיר דיא בעסטע, ווייל דיא פראקטיק האט בעוויזען, דאס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר יעדען וואס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפראך אהן א לעהרער.

אלעגזאנדער'ס מעטהאדע

איז אויף אזא ארט, דאס דיא שפראך איז איינגעטהיילט אין לעקציאנען, אין יעדער לעקציאן קומען פאר ווערטער, געשפרעך און גראמאטישע רעגעלן.

פאר דיא לעקציאנען קומט א בעזונדערע אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען און שפעלען, אום דיא ווערטער און גראמאטישע רעגעלן זאללען מעהר פערשטארקט ווערען אין דיא געדאנקען, ווערען אם ענדע פון יעדער לעקציאן געגעבען שטיקער לעזע־שטאף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאף, זיינען צוזאמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואס זיינען פריהער פארגעקומען. דער לערנינג וועט זייא קענען איבערזעצען. יעדע שטיק לעזע־שטאף טראגט א נומער.

צום לעהר־בוך קומט א בעזונדער בוך, א שליסעל, וואס ענטהאלטעט דיא ריכטיגע איבערזעצונג פון יעדען זאץ. דיא איבערזעצונגען זיינען בעצייכענט מיט דיא זעלבע נומערן וויא דיא שטיקער לעזע־שטאף ביי דיא לעקציאנען. דער שילער קען אליין מיטען שליסעל אבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אדער ניט.

אלעגזאנדער'ס מעטהאדע איז איינגעטהיילט אין

78 לעקציאנען.

דיא אבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען, איז זעהר פראקטיש. דיא רעגעלן ווערען ערקלערט איינפאך און דייטליך. אין דיא לעקציאנען ווערען געגעבען דיא אויס־שפראכע פון יעדען ענגלישווארט מיט אידישע בוכשטאבען.

דאס בוך ענטהאלטעט איבער 600 זייטען אין גרויסען פארמאט און עלעגאנט געבונדען.

פרייז 125 דאלאר.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, וויא אויך ביי

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street. NEW YORK.

— פאלשטענדינעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלערונגען זיינען אביסעל אבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן אי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

100 געקליבענע

שריפטען

— פון —

ז. ליבין.

דאָס איז דער נאָמען פון ליבינ'ס לעצטע ערצעהלונגען וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאַלען און זיי־נען יעצט ערשיענען אין בוך־פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" זיינען ערשיענען אונטער פאָל־גענדען סדר:

I. גלות־בילדער.
II. ליעבע.
III. סוזשעטען.
IV. בילדער פון דעם ארימען לעבען אין נויארק.
V. דער קריזים.
VI, פערשיעדענעס.
VII. ערנסטער שפּאַס.

מר. ליבין האָט אַ נאָמען געגעבען זיינע לעצטע שריפטען „געקלי־בענע שריפטען" ווייל ער האָט זיי אויסגעקליבען פון די טויזענדע וועלכע זיינען לעצטענס פון איהם ערשיענען. און נור די בעסטע וועלכע זיינען אינטערעסאַנט און בעלעהרענד האָט ער אונז איבערגעבען צו דרו־קען אין בוך־פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" פון ז. ליבין איז געדרוקט אויף שעהנעם פּאַפּיער און געבונדען אין אַ פּראַכטפאָלען באַנד.

פּרייז 1 דאָלער.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

געקליבענע

שריפטען

— פון —

י. י. זעווין („תשר"ק", „יודקאָוויטש").

דאס איז דער נאָמען פון תשר"ק'ס ערצעהלונגען וועלכע זיינען יעצט ערשיענען אין בוך=פאָרם און וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „טאגעבלאט" אונטער די נעמען:

חיים דער קאסטאמער פעדלער.	שמחה דער שמש.
דזשאו דער וויטער.	בערל דער בוטשער באי.

מר. זעווין האט א נאָמען געגעבען זיינע ערצעהלונגען „געקליבענע שריפטען", ווייל ער האט זיי ניי אויסגעקליבען פון די טויזענדע ערצעהלונגען וועלכע ער האט פערפאסט, און נור די בעסטע וועלכע זיינען פול מיט וויטץ און הומאָר, האט ער איבערגעגעבען צו דרוקען אין בוך=פאָרם.

מר. זעווין האט אויך א סך פון די ערצעהלונגען אין די „געקליבענע שריפטען" אויסגעבעסערט, פיעל זאַגאַר אין גאנצען איבערגעארבייט; זאָ, דאס די לעזער וועלען דערינען געפינען גאנץ נייעס לעבען און וועלען זיך אויף דאס ניי גוט אמוזירען.

מר. זעווין איז אהנע צווייפעל דער גרעסטער אידישער הומאָריסט אין אמעריקא, ווייל איהר קענט ניט דורכלעזען זיינע צוויי אדער דריי ציילען וואו איהר זאלט זיך ניט פארנאנדערלאכען, ער שטעהט דעריבער אזוי הויך, אלם הומאריסטישער שרייבער אין אמעריקא פונקט ווי „שלום=עליכם" אין איראָפא.

מר. זעווין איז א מאדערנער אידישער הומאריסט, זיינע הומאריסטישע ערצעהלונגען זיינען ניט פון דעם לעבען און ווירקען פון דעם אלטען דור, נאר פון דעם נייעם דור, אויך ניט פון דער אלטער וועלט, נאר פון דער נייער וועלט. אין זיינע שריפטען שפיעגלט זיך אָפּ דער גאנצער אידישער לעבען אין אמעריקא; זיין האנדעל און וואנדעל, זיין פרייד און לייד, זיין גליק און אונגליק. אלעס ווערט אזוי איינגעוויקעלט אין הומאר און וויטץ, דאָס אפילו ווען איהר לעזט א זאך וואס מען דארף דארויף וויינען, מוזט איהר אויך לאכען.

די „געקליבענע שריפטען" פון י. י. זעווין וועט אמוזירען דעם גאנצען אידישען פובליקום, און אפילו דיעזע וועלכע האבען שוין די שריפטען געלעזען אין „טאגעבלאט" וועלען עס יעצט מיט פערגעניגען נאך אמאל לעזען אין בוך=פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען" איז געדרוקט אויף שעהנעם פאפיר און געבונדען אין קלאָטה באנד.

פרייז 1 דאלער.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.